STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06724

ANTRUNENE

Baruch Glasman

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ברוך גלאזמאן

פינף דערציילונגען

געקליבענע ווערק

פון

ברוך גלאַזמאַן

באַנד זעקס

פאַרלאַג „סיגנאַל"

הויפטפארקויף :

„פרייהייט"-בוכהאַנדלונג

פופציק איסט דרייצנטע גאַס

ניו-יאָרק.

אינהאַלט:

***

מיסטער דזשיימס נעסאָו פּאָרט אויף קבר אבות 7

קנאָבל־וואורשט 57

חשבונות 83

אַ שפּאַס 99

אַ שיף אויף גרויסע וואַסערן 121

פארטייטשונגען 229

Copyright, 1935, by B. Glossman, New York, N. Y.

POSY-SHOULSON PRESS, NEW YORK
234

מיסטער דזשיימס נעסאָו פּאָרט
אויף קבר־אבות

1.

— יו סעד איט...1) פון שאַנגהאַי בין איך דאָך ממש געפֿלויגן אַהער! און נאָך אַ מין פֿליען — אָ, באָי! איט וואָז סאָם טריפּ, אַ'לל טעלל דהי וואָרלד!2)

יואל האָט אייגנטלעך גאָרנישט געזאָגט אַזוינס, וואָס זאָל האָבן ארויסגערופֿן יענעמס באַגייסטערטן „יו סעד איט". ער האָט נאָך בכלל גאָרנישט געזאָגט; ער האָט די גאַנצע צייט געשוויגן. ער האָט בלויז העפֿלעך און מכלומרשט פֿאַראינטערעסירט זיך צוגעהערט צו יענעמס ענטוזיאַסטישע רייד און — געשוויגן. ער פֿלעגט עס תמיד אַזוי טאָן, ווען אים פֿלעגט אויסקומען אויף זיינע נסיעות זיך טרעפֿן מיט זיינע באַרימערישע און טומלדיקע „לאַנדסלייט", וועלכע ער האָט, אגב, נישט איבעריק ליב געהאַט. נאָר יענער האָט זיך, קאָנטיק, גאָרנישט גענויטיקט נישט אין יואלס רייד און נישט אין יואלס דערמוטיקונג, כדי אָנצופֿירן דאָס געשפּרעך. נישקשה, ער האָט אַליין אויך געקענט ריידן — ריידן אַזש פֿאַר דרייען. און ער האָט ט אַ ק ע גערעדט.

— איט וואָז סאָם טריפּ, ביליוו מי!

פֿון דעם אופֿן, ווי ער האָט אַקצענטירט און צעצויגן דאָס וואָרט „סאָם", ווי אויך פֿון זיין באַקענטשאַפֿט מיט אַ היפּש ביסל — אמת, שוין פֿאַרעלטערטע — אַמעריקאַנישע אידיאָמען, האָט יואל אינגיכן שוין געגלויבט, אַז יענער, דער באַנקיר, דערציילט אים טאַקע דעם אמת: ער האָט טאַקע פֿאַרבראַכט אַמאָל אַ פּאָר יאָר אין אַמעריקע, — שוין לאַנג, לאַנג צוריק... און בכלל:

— צוליב וואָס זאָל עס אים יענער דערציילן אַ ליגן?

דער אינטערעס, וואָס יענער האָט געהאַט פֿאַר אים, פֿאַר יואלן, איז דאָך סיי־ווי געלעגן נישט אין דעם, נאָר אין עפּעס אַנדערש.

יואל — אַ יונגערמאַן אַ העכערער פֿון מיטלוואוקס, אַ מאָגערער און אַ שלאַנקער, מיט אַ שפּיציקן קאָפּ, אַ געדיכט באַדעקטן מיט

---

*) אַלע פֿאַרטייטשונגען פֿון פֿרעמד־ווערטער, אויסדרוקן א. אַ. וו. וועט דער לעזער געפֿינען צום סוף בוך.

מאָדנע־ווילדע, צעשויבערטע און שטעכיקע אַזעלכע, הערנערדיקע האָר, ווי ביי אַ נעגער; אַ יונגערמאַן מיט דינע, שטייף-צונויפגעשנורעוועטע ליפּעלעך — יואל האָט טאַקע די גאַנצע צייט יענעם, דעם באַנקיר, דורכגענומען מיט דינע, שפּיזלדיקע בליקן, — די געוויינלעכע נאָדל־דיקע בליקן זיינע, מיט וועלכע ער פלעגט דאָס רוב באַטראַכטן דעם מענטשן, מיט וועלכן ער האָט גערעדט. איז ווער וואָלט זיך דאָס געקאָנט דעמאָלט פאָרשטעלן, אַז בלויז מיט איינציקע מינוט שפּעטער, ווען ער איז שוין נישט געווען מיט מענטשן, האָבן זיינע אויגן אָנ־גענומען אַזאַ מילדן, אַזאַ אָפּגעלאָזענעם, אַזאַ ווייך־טרוימערישן אָנ־בליק? אודאי קיינער נישט.

— סעי, באָי...(3 — האָט אים דער באַנקיר געקלאַפּט איבער דער פּלייצע מיט אַזאַרט און מאָדנער צוגעלאָזקייט ווי אַ נייעם, אומדער־וואַרט־געפונענעם קרוב, — סעי באָי...

יואל האָט זיך אַזש געקאָרטשעט פון דער דאָזיקער נישט געבע־טענער צוגעלאָזקייט. נאָר יענער, — אין זיין עקספּאַנסיוויטעט, אין זיין צעבראַסטעטער זעלבסט-צופרידנהייט און זאַטן הרחבת־הדעת פון אַ דערפאָלגרייכן געשעפטסמאַן און באַנקיר, — יענער האָט עס אפילו נישט אָנגעהויבן צו באַמערקן. ער איז געווען, קאָנטיק, אינ־גאַנצן פאַרנומען מיט זיך, און מיט די וואונדער־דערציילונגען פון זיינע נסיעות.

אָט האָט ער באַלד גוטברודעריש אַרויפגעלייגט אויף יואלס אַ קני אַ פעטע האַנט — אַ האַנט מיט קורצע, פעטע און קלעצלדיקע פינגער; אַ האַנט אינגאַנצן אַ באַדעקטע מיט, אָפּנים, זייער טייערע בריליאַנטן. עס איז געווען פונקט ווי יענער וואָלט אים געקאָנט שוין גאָר, גאָר אַ היפּשע צייט. געקאָנט האָט אים אָבער דער באַנקיר בסך־הכל ערשט אַ פּאָר שעה. און דער איצטיקער שמועס אויף דער באַשאָטנטער געפלאָכטענער באַנק פון ווייסע בעריאָזע-צווייגלעך, פון וועלכע די זילבערנע שאָלעכץ האָט זיך געשיילט אונטער די פינגער — דאָס איז געווען בסך־הכל דער ערשטער שמועס וואָס דידאָזיקע צוויי מענטשן האָבן ווען עס איז געהאַט אין זייער גאַנצן לעבן.

— אָ, באָי — האָט יענער געגלאַנצט אויף יואלן מיט זיינע קליינע בלויע שטאַרק־פייכטע אויגעלעך, פּונקט ווי ער וואָלט אַזש געווייגט פון פרייד און באַגייסטערונג — בין איך עס געפלויגן... בין איך עס געפלויגן...

— מילא, פון שאַנגהאַי — ריכטיקער: פון יאָקאָהאַמאַ, וואו ער האָט זיך געזעצט אויף דער שיף — פון יאָקאָהאַמאַ ביז פריס־קאָ4) האָט ער זיך שוין געמוזט שלעפן אַ גאַנצע פּאָר וואָכן אויף דער „אַננאַ מאַרו", אָדער ווי זי הייסט דאָרט... ביי די „דזשאַפּס"6), זאָגט מען, איז עס פאַררעכנט פאַר איינער פון זייערע גרעסטע שיפן, כאַ-כאַ... כאָטש ס'איז גיכער אַ מולטער, איידער אַ שיף... אַ, ניין — די „דזשאַפּס" האָבן נישט אַזעלכע שווימענדיקע פּאַלאַצן, אַזעלכע שווימענדיקע האָטעלן, און גלייכצייטיק אַזעלכע פלינקע און שנעלע שיפן, ווי, צום ביישפּיל, אונזער „מאַדזשעסטיק"...

— איזנט דעט סאָ?6) זיי מאַכן בלויז דעם אָנשטעל, די דזשאַפּס... זיי טאַנצן נאָך — זיי שפּרינגען נאָך, ווי זשאַבקעס, אין אַלץ אונז, די בריטישערס...

אויף אַ סעקונדע בלויז האָט ער אָפּגעשטעלט דעם שטראָם פון זיינע רייד, געוואָרפן אַ לויפנדיקן קוק פון זיינע בלויע פייכטע אויגן אויף יואלן; געוואָלט, קאָנטיק, טרעפן אויף יואלס פנים כאָטש אַ צושטימונג צו זיינע בטולדיקע ווערטער וועגן די „דזשאַפּס", אויב נישט צו זיינע ליוב־רייד וועגן „אונז, די בריטישערס"... די אַמע־ריקאַנער, האָט ער דאָך געוואוסט, האָבן דאָך נאָך אַ סך ווייניקער ליב די יאַפּאַנעזער, איידער „זיי". נאָר אַזוי ווי יואלס פנים איז אַלץ פאַרבליבן פּאַסיוו און אָן אויסדרוק, האָט דער באַנקיר שוין באַלד ווייטער מיט דער זעלביקער באַגייסטערונג פאָרגעזעצט:

— דערפאַר האָב איך אָבער דעם וועג פון סאַן־פראַנציסקאָ ביז ניו־יאָרק „געדעקט" בסך־הכל אין עטוואָס מער פון פיר מעת-לעת... כאַ־כאַ, איז דאָס געווען אַ פליען — שוין איינמאָל אַ פליען!

אָט דאָס האָט ער ליב! דורכגעשניטן דעם גאַנצן אַמערי־קאַנער קאָנטינענט אין דער ברייט אין אַ וואָסער פיר מעת־לעת! געמאַכט בלויז אַ דריי־פיר „סטאַפּס" — דענווער, שיקאַגאָ, באָפאַלאָ, ניו־יאָרק... — אָט דאָס רופט ער אָן פאָרן!

— אונזער „סאָנסעט־עקספּרעס" פון סאַן־פראַנציסקאָ איז אָנ־געקומען קיין ניו־יאָרק אויפן פינפטן טאָג, אַכט אַזייגער אינדערפרי, — און עלף אַזייגער אינדערפרי, דעמזעלביקן טאָג, בין איך שוין אָפּגעפאָרן קיין יוראָפּ מיט דער „מאַדזשעסטיק"...

— יו נאָו דהי „מאַדזשעסטיק"? אַ, שי איז סאָם באָאוט!7) אַ פּאַלאַץ, אַ שווימענדיקער פּענסילווייניאַ־האָטעל, ניט קיין שיף!...

און סאַראַ שנעלקייט! אין פינף און אַ האַלב מעת־לעת איז די שיף שוין געקומען קיין ענגלאַנד, אינם האַפן פון סאַוט־העמפּטאָן...

.2

דערדאָזיקער אַנגעזעענער באַנקיר פון שאַנגהאַי האָט, אין יואַלס אָפּשאַצונג, געדאַרפט צו זיין אַ מענטש פון אַ יאָר פינף־און־פופציק. ער איז געווען קיילעכדיק און געפּאַקט, כאָטש, צו דערזעלבער צייט, זייער רירעוודיק און זשוואָוע. זיין ליסער, ענערגישער קאָפּ איז געווען גלאַט און גלאַנציק, ווי אויסגעשניצט פון עלפאַנטביין. זיין פול, ברייט און קיילעכדיק פּנים איז געווען אַביסל בלווילעך, אַפּנים פון צו־אָפטן, טאָג־טעגלעכן גאָלן זיך. מיט זיין זאַטער גוטמוטיקייט האָט ער זייער שטאַרק דערמאָנט אָן יענעם קיילעכדיקן לבנה־פּנים מיטן פאַרמאַכטן ווינקעלדיקן אויגל, וואָס ווערט געמאָלט אויף די באַ־רימטע רעקלאַמעס פון די סיגאַרן „אדמירייישאָן"; פּונקט ווי אויף יע־נעם פּנים איז אויך אויפן באַנקירס שמאַלציקן פאַרגאַסענעם געזיכט דאָס איינציקע, וואָס האָט זיך אויסגעטיילט, געווען זיינע ברעמען: נעדיכטע, האָריקע, בושיקע און אַרונטערהענגענדיקע, ווי ביי עפּעס אַ גבורהדיקער וואַלד־חיה.

במעט אויף אַלע זיינע פינגער, אין מאַסיווע גאָלדענע רינגען, זיינען געווען איינגעפּאַסט היפּשע בריליאַנטן און איידלשטיינער; זיי זיינען געווען ביי אים אַזוי פיל, פּונקט ווי ער וואָלט זיי געטראָגן ווי נעשעפטס־מוסטערן, צוליב עפּעס אַן אויסשטעלונג; זיי זיינען געווען אַזוי היפּש, אַז עס האָט זיך געדוכט: זיי מוזן דאָך זייער שווער מאַכן דעם איינגנטימער זייערן צו באַוועגן זיינע הענט. פונדעסטוועגן האָט ער זיי באַוועגט, די הענט זיינע, גאַנץ גרינג און גאַנץ לעבעדיק; צוליב דער בלענדנדיקער תמוז־זון, וואָס האָט אַהער דורך די בויי־מער דורכגעלויכטן, האָבן זיי נאָכאַנאַנד געוואָרפן יואַלן אין פּנים אַריין בינטלעך, גאַרבן גאַנצע פייערדיקע און בליצנדיקע שטראַלן.

געקומען צופאָרן אַהער, — אינם דאָזיקן באַוואוסטן אידיש־פּוילישן פּאַנסיאָן, וואָס איז געווען אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן, אויף מיילן און מיילן אַרום, מיט געדיכטן און שמעקנדיקן סאָסנע־וואַלד — איז ער בסך־הכל ערשט מיט אַ פּאָר שעה צוריק, פּונקט צום מיטאָג.

צי צוליב זיין אויסזען און קליידונג, צי צוליב זיין מאָדנעם אידיש־ריידן, אָדער אפשר גאָר מחמת אַן אומבאַשטימטן „עפּעס", וואָס אין אייראָפּע דערשמעקט מען עס גליך, מיט אַזעלכע הונגע־ריקע און גיריקע נאָז־לעכער — קיין גרויסע „אַמעריקאַנער" שפּאַקולן אין קיילעכדיקע ראַמען פון האָרנביין, האָט יענער דוקא נישט גע־טראָגן — אַזוי צי אַזוי, מען האָט דאָ דעם דאָזיקן באַנקיר גלייך פון ערשטן בליק שוין באַטראַכט, ווי אַן אַמעריקאַנער. האָט מען אים במילא גלייך באַקאַנט מיט נאָך אַן „אַמעריקאַנער דזשענטלמען" דאָ אין פּאַנסיאָן — מיט יואל האַקמאַנען.

— טוטאַי יעסט יעשטשע יעדען פּאַן אַמעריקאַנין... — האָבן אַרום אים גלייך אָנגעהויבן פּאַדיען און פּאָרען זיך די פּאַננאַ זאָשאַ און פּאַננאַ מאַלגאָשאַ, די צוויי עלטערע מיידן, וועלכע זיינען געווען די אויפזעערינס פונם פּאַנסיאָן. זיי האָבן זיך געבויגן און נעדרייט קעגן אים מיט חניפה, מיט הכנעה און אונטערטעניקייט. אַזוי ווי קיין ענגליש האָבן זיי נישט געקאָנט און אידיש ריידן צו אַזאַ מין וויכטיקן גאַסט האָבן זיי עפּעס געפילט פאַר ניט־פּאַסיק, האָבן זיי גלייך אָנגעהויבן ריידן צו אים פּויליש. יענער האָט פון זיין פריער־סטער קינדהייט אַן קוים געדענקט בסך־הכל בלויז אַ פּאָר פּוילישע ווערטער: „פּעניגאַנדזי, דזשענקויע, פּראָשען פּאַנאַ"!... אָבער דעם באַדייט פון „פּאַן אַמעריקאַנין" האָט ער גלייך דערטאַפּט.

און איצט, נאָכדעם ווי דער שאַנגהאַיער באַנקיר, מר. דזשיימס נעססאָן — קינדוויז האָט ער געהייסן יענקעלע נאָסאָוויצקי, אָדער, נאָך היימישער: יענקעלע קאַלבאַס — האָט שוין געהאַט פאַרענדיקט דערציילן זיין ווי־זאַ־ווי וועגן דער שנעלקייט, מיט וועלכער ער איז געקומען אַהער צופליען אַזש פון שאַנגהאַי; וועגן דעם װ ו ע ר ער איז פון דאָרטן; וואָס פאַראַ גרויסע געשעפטן עס פירט זיין באַנק־קאָנטאָר, וואָס איז, פון איר זייט, פאַרבונדן מיט אַ באַרימטער בריטי־שער קאָלאָניאַל־באַנק — איז ער ענדלעך אויפגעשטאַנען און האָט פאַמיליער און זייער גוטברודעריש, ווי אַן אַלטן גוטן פריינט וועלכן מען האָט שוין אַ שאָק מיט יאָרן נישט געזען, אַ קלאַפּ געטאָן יואלן פאַרן אַרבל:

— נו, לאַנדסמאַן... איז וואָס־זשע... לאָמיר גיין שפּילן אַ פּאָקער, ווי ?

דער שאַנכאַיער באַנקיר איז אָבער אוועקגעגאַנגען שפּילן אַליין אין קאָרטן. יואל איז נישט מיטגעגאַנגען.

ער איז אָפּגעלעגן שפּעטער איינער אַליין אַ שטיק צייט אויפן זוים פונם וואַלד, אויף אַ זאַמדיקן בערגל, וואָס האָט אַריבערגעקוקט איבער עפּעס אַ קליין שטעטל. ס'איז געווען היינט ערב־שבת. עס האָבן זיך דאָרט אין אָט יענעם באַקאַנטן און אומבאַקאַנטן שטעטל געזען איצט אַרומלויפנדיקע אידן און אידענעס, וועלכע האָבן זיך געשמיידיק דאָרט געפּאָרעט, — געמאַכט, ווייזט אויס, די לעצטע הכנות צום אָנקומענדיקן שבת.

און נאָך:

קינדער אין קאַפּאָטקעלעך ביז די פּיאַטעס, מיט לאַנגע, געקרייזלטע פּאהלעך, זיינען איצט זיך געגאַנגען באָדן אינם נאָענטן טייכל. ווען זיי האָבן אַרונטערגעוואָרפן פון זיך לעבן וואַסער די קאָרטאָנענע קאַפּאָטקעלעך, האָט מען געקאָנט זען, ווי זיי זיינען געווען אַריבערגעוואָרפן גלייך איבערן נאַקעטן לייב — גלייך איבער די קליינע און שלאַנקע קערפּערלעך. און שפּעטער אביסל זיינען אָנגעקומען עלטערע אידן, דאָס רוב פון זיי הויכע אַזעלכע און גלייכע — מיט רויטע בערד און פלאַמענדיקע האָר. זיי האָבן דאָרט נאָכאַנאַנד געגראַגערט און אַזוי מוראַדיק הויך גערעדט צווישן זיך — פּונקט ווי זיי וואָלטן זיך דאָרט געווען געקריגט: ווער זאָל ווען דער ערשטער דערטרינקען.

דערנאָך איז מיטאַמאָל געוואָרן שפּעט. די זון האָט אָנגעהויבן צו פאַרגיין איבער יענעם שטעטל, און אויף דער גאַנצער ערד האָט אָנגעהויבן אַרונטערצונידערן אָט יענע שטימונג פון ערב־שבת, וואָס מען האָט זי נישט געקאָנט איבערגעבן אין ווערטער, נאָר וועלכע איז יואלן געווען אַזוי גוט באַקאַנט פון די פריעסטע, זייער ווייטע קינדהייט־יאָרן זיינע, — אַזעלכע ווייטע, ווי זיי וואָלטן געווען נישט זיינע איינענע, נאָר עמיצן אַנדערשס קינדער־יאָרן. נאָך איר, נאָך אָט דער נישט געוויינלעכער און כמעט נישט־ערדישער שטימונג, האָט זיך אים שוין זייער אָפּט, אין משך פון לאַנגע יאָרן, געבענקט אין דער נייער היים, אין אַמעריקע — געבענקט זיך, ווי נאָך עפּעס אַ זעלטענעם און נישט-ערדישן גליק. און אָט, ער איז איצט דאָ...

די לופט אַרום איז געוואָרן איצט זייער שטיל און זייער קלאָר, און זייער הייליק. זי האָט אָנגענומען מיט יעדער מינוט אַן אַנדערע אומגעוויינלעכע באַפאַרבונג, גאָר עפּעס אַן אומגעוויינלעכע שאַטירונג פון בלוי, רויז, לאַוועגדער, וויאָלעט, טיף־בלוי, פּורפּור, אַזש ביז צו טאָרקוואָיז — אַזוי אַלנפאַלס האָט זיך עס אויסגעדוכט יואַלן.

דער דאָזיקער מאָגערער אַן שלאַנקער יונגערמאַן מיט דעם שפּיציקן קאָפּ און הערנערדיקע האָר, ווי ביי אַ ווילדן זולו — דער דאָזיקער מענטש, וועלכער פלעגט, געוויינלעך ווען מיט מענטשן, האָבן אַזעלכע שטעכנדיקע און שפּיזלדיקע בליקן — ער האָט איצט געהאַט אויף זיין פּנים אויסגעגאָסן אַזאַ מין לייטזעליקייט, אַזאַ מין אויסדרוק פון פריידיקן גליק, פּונקט ווי ער וואָלט שוין צוליב דעם אַליין געהאַט געמאַכט אַהער זיין גאַנצע לאַנגע נסיעה פון ערגעץ אַ פאַרוואָרפענעם עק פון אַ שטעטל אין ניי־מעקסיקאָ, וואו ער האָט אָפּגעשוואָרצט אַלע זיינע יאָרן ווי אַ קלוירק אין אַ דעפּאַרטמענט־סטאָר... צוליב אָט אַזעלכע, כאָטש איינציקע און געציילטע מינוטן, האָט זיך אים, קאָנטיק, שוין געלוינט אָפּצושקלאַפן אַלע זיינע יאָרן אין אַמעריקע, ווי אַ שלעכט־באַצאָלטער קלוירק, שפּאָרן אין משך פון אָט די אַלע יאָרן פונם לעצטן ביסן זיינעם אַ סענט צו אַ סענט — כדי צו האָבן גענוג געלט אויף די היפּשע רייזע־הוצאות זיינע ביז אָט דעם פּוילישן שטעטל, — דעם שטעטל, וואו ער האָט שוין איצט קיינעם, קיינעם נישט געהאַט, — ניט קיין קרוב, ניט קיין פריינט און ניט קיין גואל...

.3

און אינם פּאַנסיאָן האָט אין אָט יענעם גאַנצן נאָכמיטאָג, ווי אין די אַלע אַנדערע נאָכמיטאָגן, געהערשט אַ וואַרימע זאַטקייט.

אַ זאַטקייט פון די פּילע אויפגעפּרעסענע „קורטשאַקעס”, געפּרעגלטע אין פּוטער, און פון די געבראָטענע טייבעלעך — געבראָטענע אין אַ פּיקאַנטן סאָוס פון דעם אייגענעם פרישן טייבעלעך־בלוט; אַ זאַטקייט מיט זיך, אַ זאַטקייט מיט דער גאַנצער וועלט.

מען האָט אין משך פון שעהן פּויל־הייסע שווער און זאַט געדרימלט אין די האַמאַקן צווישן די שאָטנדיקע ביימער, אויף די

„לעזשאַקעס" אין די שטיקנדיקע צימערן מיט פאַרהאַקטע לאָדנס. מען האָט געדרימלט אַליין און פּאָרלעך־ווייז.

ס'האָט געהערשט דעם גאַנצן נאָכמיטאָג אַ גרויסע היץ.

נאָר איצט, פאַרנאַכט צו, אין משך פון אָט די קנאַפּע צוויי שעה, וואָס זיינען פאַרבליבן צווישן „פּאָדוויעטשאָרעק" און דער אָפיציעלער וועטשערע, איז געוואָרן אַביסל קילער. און אין משך פון אָט די צוויי קבלת־שבת שעהען האָט מען געשפּילט אין קאָרטן.

אַרום מר. דזשיימס נעססאָו, אויף דער וועראַנדע, איז געווען איצט צוזאַמענגעקליבן אַ היפּשער עולם.

מען איז נישט נאָר געזעסן אַרום אים, נאָר מען איז אויך גע־שטאַנען געדיכט איינע הינטער די אַנדערע; מען האָט אַריבער־געקוקט איינער איבער דעם צווייטנס רוקן, מען האָט זיך געשטויסן אַרום אים, ווי אַן עולם איבערגעגעבענע חסידים אַרום אַ גוטן־איד. די יעניקע פון די געסט, וועלכע זיינען געווען אַמנאָענטסטן צו אים, האָבן זיך יעדער מיט אַלע כחות באַמיט צוצוציען זיין אויפמערקזאַמ־קייט, האָבן אים געהנפעט מיטן בליק און זיך צוגעשמייכלט צו אים:

— פּאַניע נעסיע — האָבן זיי פאַרפּוילישט זיין ענגלישן פאַ־מיליען־נאָמען — פּאַניע נעסיע... וואָס טויגן אייך אייערע אַמערי־קאַנישע שפּילן... אָט לאָזט אונז, מירן אייך בעסער אויסלערנען אַ „טעלעפּאָן"...

— פּאַן פּאָזוואָלי, פּאַניע נעסיע...8) ס'איז נישט אַזוי האַרב, פּאַניע שאַנאָווני... פּאַן בענדזיע לאַסקאַוו...9) שאַ — אַ זעקס־און־זעכציק קענט איר? נו, אַ „טעלעפּאָן" איז כמעט דאָסזעלבע...

נאָר מר. נעסאָו האָט זיך נישט געלאָזן דינען. זיין ליסער, עלפנביינערנער קאָפּ האָט געגלאַנצט אינם פאַרנאַכט מיט מער חשיבות, ווי אַלע אַנדערע ליסע קעפּ אַרום אים. נישט נאָר זיינע פייכטע בלויע אויגעלעך, — דוכט זיך, אפילו זיינע היפּשע אָפּשפּרינגענדיקע אויערן, ווי ביי אַן אייזל, האָבן געקוקט אויף אַלעמען פון אויבן אַרונטער: משטיינס געזאָגט, אַ „טעלעפּאָן"... אַן איינפּאַל!... און אַלע זייערע היגע קאָרטן־שפּילן, — זיי שטאַמען נאָך אודאי פון קעניג סאָביעסקיס צייטן...

— אָט, לאָזט אים — ער וועט זיי אויסלערנען אַן אמתע „גיים", אַ פּינאָקל...

אָדער גאָר — אַן „אָפּן פּויקערל", האַ? וואָ־וואָס? ס'איז, זאָגט איר, ווי אַן אָקע? ווייס איך וואָס — ס'הויבט זיך ניט אָן...

און ארום אָט יענער צייט האָט זיך עם יואל האַקמאַן אומגעקערט אַהיים.

דערזעענדיק אים אַרויפגיין אויף דער וועראַנדע, איז מר. נעסאָום פּנים נאָך ליכטיקער געוואָרן, האָט מער אויפגעשמייכלט. ער האָט יואלן זייער היימיש און זייער פּאַמיליער אַ וואונק געטאָן מיט אַן אויגל אויפן זיך שטויסנדיקן עולם ארום אים — אַ וואונק געטאָן, ווי שוין צו אַן אַלטן, אַלטן באַקאַנטן. דאָס דאַזיקע וואונקעלע מיט איין צוגעזשמורעט אויג האָט באַשיינפּערלעך געמיינט:

— גרינע, האַ? פּראַים... משטיינס געזאָגט, וואָס ווייסן זיי, די דאַזיקע חיות פון אַ „רעגעלער גיים"... אַז אָך־און־וויי...

אָבער אין דער הויך, און זייער פריינטלעך, האָט ער זיך געווענדט צו יואלן:

— נו, אירט אויך כאַפּן אַ פּינאָקל, האַ? קאַם אָן, סטעפּ לייוולי...10) קומט אריין, מר. האַקמאַן, דאָס וואַסער איז דאָ אַ מחיה...

4.

אין אָוונט, נאָך דער רייכער פרייטיק־צו־נאַכטיקער וועטשערע פון זיסע פיש מיט צוקער און ראָזשינקעס, פון גרייישטע לעבערלעך מיט קליסקעלעך, פון געפילטע העלזלעך און געשטאָפּטן גענזנס, און אַזוי ווייטער, — אין אָוונט קומט פאָר דאָס טאַנצן.

צום טאַקט פון אַ פּיאַנאָ, אַ פידל און אַ טראָמפּייט ווערן דאָ כמעט יעדן אָוונט געטאַנצט די מאָדערנסטע, די נייסטע דזשעזטענץ. ביי די ווענט פון טאַנץ־סאַלאָן, אויף געבעטע שטולן, זיינען דעמאָלט אויסגעזעצט די יונגע דאַמען און פריילינס פונם פּאַנסיאָן; זיי זיצן שטיל און מאַנירלעך און מאַכן דעם איינדרוק פון טויטע דעקאָראַציעס אויף די ווענט — וואַנט־געמעלן פון פרויען אין אַלערליי קאָסטיומען — זיי וואַרטן מען זאָל זיי „נעמען" צו אַ טאַנץ.

אַזוי איז עס יעדן אָוונט, ווען מען טאַנצט. נאָר היינט באַמערקט זיך צווישן עולם ביי די ווענט אַ שושקען זיך, אַ סודן זיך. די טויטע וואַנט־געמעלן ביי די ווענט האָבן זיך פאַנאַנדערגעשאָקלט, פאַנאַנדערגעהוידעט זיך, ווי פון אַ דורכגעלאָפּענעם ווינטל. קאָנטיק מען

דערוואַרט דאָ עפּעס גאָר וויכטיקס און אומגעוויינלעכס — מען וועט באַלד זען, ווי אַן אמתער, אַן עכטער אַמעריקאַנער טאַנצט...

— אָך, אַמעריקע... אָך, אַמעריקע... טשיקאַווע: ווי אַזוי טאַנצט מען עס דזשעז דאָרטן, אינם ווייטן אַמעריקע, אינם אמתן דזשעז־לאַנד? אָך, אַמעריקע...

מיידלעך מיט הונגעריקע בליקן, ווייבלעך מיט ברענענדיקע אויגן ניבן איבער איינע די אַנדערע אַ וויכטיקע בשורה:

— מען זאָגט, אַז ער וועט דאָ היינט טאַנצן אַ טשאַרלסטאָן, טען פאָן אַמעריקאַנין... אַ „בלעק־באָטאָם”.. האָט שוין די פאַני נע־זען דעמדאָזיקן נייסטן אַמעריקאַנישן טאַנץ, דעם בלעק־באָטאָם און „פּערסקע אָקאָ”? טאָ יעסט נאַילאַדניעשי טאַניעץ... צודני11)...

— ווער? אונזער אַמעריקאַנער? אָ, טען סטאַרי פּאַן דאָס־קאָנאַלע טאַנטשי12)...

נאָר מר. נעסאָו וויל זיך אַ גאַנצן אָוונט נישט באַווייזן אפילו אין טאַנץ־זאַל. ער זיצט דאָרט די גאַנצע צייט אין ווינקל ווערענדע, ביי אַ גרינעם טישל און קנעלט נאָך אַלץ איין מיט אייניקע געסט — אַזוי געל, ליסע און אַזוי שמאַלציק־פעט, ווי ער אַליין — די שווערע תורה פון אַ פינאַקל.

— וויים איך וואָס — קנייטשט ער אומצופרידן זיין קיילעכדיקן לבנה־פּנים צו די שלוחים, וואָס קומען אַלע ווילע אונטער אים איינ־צולאַדן צום טאַנצן — וויים איך וואָס, טאַנצן גאָר... צוליב דעם איז ער עס איז אַזוי ווייט געפאָרן אַהער, אין דער „אָלד־קאָונטרי”, כדי צו טאַנצן דאָ דזשעז? ער איז געקומען אַהער זיך אָפּרוען, איז ער געקומען...

דעמאָלט שיקט מען צו צום שאַנגהאַיער באַנקיר דעם וויכטיקסטן גאַסט נאָך אים אַליין — איינעם אַן אָנגעזעענעם וואַרשעווער פינאַנ־ציער, פאַן מיזעש, וואָס האָט אויך עפּעס געשעפטלעכע פאַרבינדונגען מיט דער זעלביקער בריטישער קאָלאָניאַל־באַנק, וואָס דער ווייטער שאַנגהאַיער באַנקיר. די אויפגעעריגנס פונם פאַנסיאָן, די פאַני זאָשאַ און פאַני מאַלגאָשאַ, באַטראַכטן זיי ביידן דעריבער, די דאָזיקע צוויי וויכטיקסטע געסט, כמעט ווי שטיקלעך קרובים, ווי מחותנים פון איין צד.

דער דאָזיקער פאַן מיזעש איז אפילו אומגעפער אין די זעלביקע יאָרן, וואָס דער שאַנגהאַיער באַנקיר. נאָר ער פאַרמאָגט שוין זייער

אַז אַלט און זייער אַ צעקנייטשט פּנים, פון וועלכן די הויט הענגט אומעטום אַרונטער אין טאָרבעלעך און אין זעקלעך. און אינגאַנצן איז ער אַזוי קליין, דאַר און איינגעהויקערט — קוים־קוים וואָס ער האַלט זיך אויף די פיס. אַז ער פּרוּווט בלייבן שטיין כאָטש אַ קליינע ווײַלע אויף איין אָרט, הויבט ער זיך גלייך אָן שאָקלען הין און צוריק, ווי אַ דאַר שטעקעלע, וואָס אַן אומגעזעענע האַנט פּרוּווט עס אַוועקשטעלן „אַליין" אינמיטן שטוב, — און עס קאָן נישט איינ־שטיין. עס דוכט זיך: יעדע מינוט, אָט־אָט, און פאַן מיזעש פאַר־לירט זיין גלייכגעוויכט, פאַלט אַנידער אויף דער פּאָדלאָגע און בלייבט שוין אַזוי ליגן — אומבאַוועגלעך־טויט.

דערפאַר אָבער פאַרמאָגט דער דאָזיקער פאַן מיזעש אַ פּאָר שטאַרק־לעבעדיקע גרויסע אויגן, וועלכע זיינען תמיד פייכט, תמיד וואַסערדיק און פייכט; זיי באַווייזן, אָט די אויגן, אויף אַן אומ־געוויינלעכער לעבנס־לוסט. דאָ אין פאַנסיאָן טאַנצן אפילו אַלע: עס טאַנצט יונג און אַלט, עס טאַנצן אינגלעך און זקנים — טאַנצן סיי בייטאָג און סיי ביינאַכט. נאָר קיינער פון זיי איז נישט אַזאַ פּליי־סיקער טענצער, ווי דער דאָזיקער איינגעפּאַלענער מענטש — פאַן מיזעש; יעדן אָוונט איז ער דאָ אין טאַנץ־זאַל און יעדן אָוונט טאַנצט ער... אָהאָ, קיינער קאָן זיך מיט אים אין דעם נישט פאַר־מעסטן — ער לאָזט כמעט קיינמאָל נישט דורך קיין איין־איינציקן טאַנץ...

פאַן מיזעש רוקט אַריין זיין פּלאַטשיק קעפּל צווישן די צוויי אויפגעהויבענע פּלייצקעס זיינע, ווי אַ טשערעפּאַכע. ער שטופּט וואווילעריש אַריין אין די קעשענעס זיינע לאַנגע, דאַרע, האָריקע הענט־לעך, ווי ביי אַ מאַלפּע. ער באַוועגט זיך קוים אויף זיינע הינער־פיסלעך און פאַלט יעדע רגע שיר נישט אום, ווי אַן אונטערגעהאַקטער ראָר. נאָר ער מאַכט זיך פונדעסטוועגן גרויס קוראַזש. ער קנאַקט בשעת מעשה זקניש אונטער מיטן צינגל אַ דזשעז־מאָטיוו:

— טיא־טיא־טיא־טיא... טא־רא־רא־רא...

ער דערשלעפּט זיך ענדלעך צום שאַנגהאַיער באַנקיר און לאַדט אים איין מיט אַ גאַלאַנטן נויג אין טאַנץ־זאַל אַריין.

— מר. נעסאָו, יו אַר מאָסט קאָירדיעללי אינווייטעד...13) — כריפּעט ער אַרויס אין זיין האַרטלעכן ביכערישן ענגליש — קומט און באַווייזט אונז עפּעס, סער... אַ פּאָר נייע „סטעפּס"...

אַ ווײַלע ווערט אַרום דעם גרינעם טיש שטיל. ס'הערשט דאָרט איצט אין דער לופט אַזאַ מין פײַערלעכקייט און וויכטיקייט. אַט פונקט ווי דער באַוואוסטער פינאַנציער, פאַן מיזעש, האָט מיט זײַן טיפן פאַרנויג, אײַנצייטיק אי גאַלאַנטן אי הכנעהדיקן, אין אַט דער מינוט אײַנגאַנצן קאַפּיטולירט פאַרן ווײַטן, כמעט לעגענדאַרישן שאַנ־נהאַיער באַנקיר; מיט אַט דעם פאַרנויג האָט דער באַוואוסטער פי־נאַנציער געטאָן אַלץ: ער האָט אי אָנערקענט יענעמס העכערקייט און אי אויסגעדריקט זײַן אייגענע טרייִשאַפט, אונטערטעניקייט און באַזינגטקייט... דער היפשער מאַנסבילישער עולם אַרום דעם גרי־נעם טיש קוקט איצט אויף פאַן מיזעשן אָן אָטעם און מיט שוויַיגנדיקן דרך־ארץ, וואָס יענער קאָן ריידן מיטן וויכטיקן גאַסט פונם פאַנסיאָן אין זײַן אייגענעם לשון.

מר. דזשיימס נעסאָן, — כאָטש ער האָט, קאָנטיק, היפש הנאה פון די צערעמאָניעס, וואָס מען פּראַוועט דאָ אַרום אים, — רירט זיך אָבער פונדעסטוועגן נישט פון אָרט. ער האַלט, אַז קוים האָסטו אָנגעהויבן אַן אַרבעט — דאַרפסטו צוערשט אָט די דאָזיקע אָנגעהויבענע אַרבעט דערפאָלגרייך פאַרענדיקן.

— אַזאַ פּרינציפּ האָט ער — שוין פון גאָר, גאָר לאַנג, — אײַנגנטלעך פון תמיד אָן...

איז קוים האָט ער שוין אָנגעהויבן לערנען זיי, די אַרומגעקלי־בענע גרויהאָריקע און פּליכעוואַטע תּלמידים זײַנע, ווי צו שפּילן אַ פינאָקל — וועט ער שוין נישט רוען און נישט ראַסטן, ביז וואַנען ער וועט זיי גרינטלעך נישט אויסלערנען.

דעמאָלט ציט פאַן מיזעש, ווי אַ טשערעפּאַכע, צוריק אַרײַן זײַן קעפּל — וואָס האַלט זיך די גאַנצע צײַט אין איין זקנישן שאָקלען זיך רעכטס און לינקס, ווי עס וואָלט זיך זייער שוואַך געהאַלטן אויף דעם אויסגעטרוקנטן גאָרגלדיקן העלדזל — ער ציט עס אַרײַן צוריק צווישן זײַנע שמאָלע פּלייצקעלעך, ווי אַ טשערעפּאַכע.

ער טענצלט אַוועק אויף זײַנע דאַרע הינערשע פיסלעך צוריק אין טאַנץ-זאַל אַרײַן.

אים קימערט סוף־כל־סוף זייער ווייניק יענעמס אָפּזאָג — איין געלעגנהייט, אַ געלעגנהייט אויף צו באַווייזן אַלעמען אין פאַנסיאָן זײַן קענען ריידן ענגליש, האָט ער דאָך שוין געהאַט... און איצט, מיטן „אַמעריקאַנערס" אָפּזאָג אָנטייל צו נעמען אין די טאַנצן, האָט ער

אויך אַ צווייטע געלעגנהייט: באַווייזן אַלעמען דאָ, אַפּילו די אינגסטע שנעקעס, אַז ער קאָן טאַנצן אַזוי גוט, ווי זיי — אויב נישט נאָך בעסער.

— אַט וועט ער זיי באַלד באַווייזן די נייסטע „סטעפּס" פון „באָסטאָן" און „יאַווא"...

— טיאַ... טיאַ... טיאַ... ראַ... ראַ... ראַ... ראַ...

דער עיקר איז: מען דאַרף פאַרשטיין דעם שכל, — דעם שכל, וואָס ליגט אין טאַנצן.... ס'איז נישט נאָר מוזיק — ס'איז אויך מאַטעמאַטיק: מען מוז קאָנען ביז צום מינדסטן, ביז צו אַ פערטל און אַכטל טאַקט אויסרעכענען די באַוועגונגען פונם קערפּער...

פּאַן מיזעש לאַדט איין צום טאַנצן די סאַמע אינגסטע מיידלעך און ווייבלעך:

— פּראָשע פּאַניאָ...

זיינע אָפּגעשוואַכטע זקנישע הענטלעך קאָנען אַבער נישט פעסט ארומנעמען די היפּשע צעוואַקסענע מיידלשע טאַליעס, כאָטש ער קלאַ־מערט זיך אין זיי מיט אַלע זיינע כוחות, מיט זיין גאַנצן אַלטן קער־פּערל. מיט דער שטאַרקסטער אָנשטרענגונג פון זיין נערוון־סיסטעם און פון זיין מח באַווייזט ער פונדעסטוועגן פאַרט נאָכצושלעפּן נאָך זיך זיינע הינערשע פיסלעך: ער מאַכט דעמאָלט אינגאַנצן דעם איינ־דרוק פון אַ הילצערנעם סאָלדאַטיקל, וועמענס פיסלעך און הענטלעך באַוועגן זיך דורך ספּרענזשינעס.

די מיידלעך טאַנצן מיט אים; זיי קאָנען דאָך נישט אָנטזאָגן די איינלאַדונג פון אַזאַ גרויסן מענטש, אַזאַ באַוואוסטן נגיד און באַנ־קיר. נאָר בשעת זיי טאַנצן, באַמיען זיי זיך פונדעסטוועגן צו האַלטן זייערע קערפּערס גאַנץ ווייט פון אים; ס'עקלט זיי אין דער שטיל פון אים און פון זיין באַריר. זיי מיידן אוים זיך צו טרעפן מיטן מאַכטלאָז־הונגעריקן זקנישן בליקל פון זיינע פייכטע אויגן, וועלכער פרעסט זיי גיריק און נאָכאַנאַנד; און אַז זיי דערפילן מיטאַמאָל דעם באַריר פון זיינע שווייסיק־נאַסלעכע הענט, גיבן זיי אַזאַ ציטער, — אַט, ווי אַ נאַסע זשאַבע וואָלט זיך אָנגערירט אָן זייערע נאַקעטע מיידלשע אַקסלען.

ס'איז, קאָנטיק, פאַר זיי אַ געוואַלטיקע אָפּקומעניש, דאָס דאַזיקע טאַנצן מיט אַ לעבעדיקן חורבה'לע, ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט, אַז אַט־אַט, און ער וועט נאָך זיך פאַנאַנדערשיטן אינגאַנצן סאַמע אינמיטן

טאַנצן... זיי האַלטן דעריבער כמעט די גאַנצע צייט פונם טאַנצן מיט אים פאַרמאַכט די אויגן; האַלב פאַר'חלשטע, שלעפן זיי זיך נאָך נאָך אים אין זיינע לאַנגע שמאָלע מאַלפישע הענטלעך...

פאַן מיזעש מאַכט דעמאָלט אינגאַנצן דעם איינדרוק פון א פעלד־מילב, וואָס שלעפּט אין אירע לאַפּקעס צו זיך אין נעסט אריין א גע־חלשטע חיה'לע, וואָס איז אָן א שיר גרעסער פון איר, דער מילב, אליין. בשעת מעשה גיט ער זיך וואוילעריש אונטער די גאַנצע צייט זינגערישן קוראַזש:

— טיא... טיא... טיא... טיא... רא... רא... רא...

דער עולם אין פאַנסיאָן מאַכט דעם אָנשטעל פון געוואַלדיקער באַגייסטערונג פאַר זיין הויך־קינסטלערישן און, דערעיקרשט, שכל'דיקן טאַנצן; מען אַפּלאָדירט אים שטאַרק, אים און זיינע נייע „סטעפּס".

אז איינע פון די פריש־צאַפּלדיקע און בלאָנדע מיידלעך שטעלט זיך סוף־כל־סוף איין און פּרואוווט, מיט פאַרשיידענע אויסריידן, זיך ארויסצודרייען פון גיין טאַנצן מיט אים, נעמט זי דעמאָלט דער באַוואוסטער פינאַנסיר מיזעש מיט שטאַרקייט און מיט חוצפּה. ער שאָקלט מיטן קעפּל רעכטס און לינקס, ווי א צעבאַלעוועט אייזעלע, חנדלט זיך און נעמט זיך איבער, און באַלד הויבט ער אָן קלאַפּן, קינדעריש־ברוויזלעך, מיט איין פויסטל אין דער אנדערער:

— צאָ טאָ יעסט? די פאַננא מוז מיט מיר טאַנצן... יאך וויל פון גורנישט וויסן... אז מען זאָגט ענק: עטץ זענט מיין „נימאָר"... צאָ טאָ יעסט?...

.5

זונטיק הערשט אין פאַנסיאָן א גרויסער הו־הא.

עס קומען א סך געסט בלויז אויף איבערן זונטיק. צו די אַלטע פאַנסיאָן־געסט קומען אָן זייערע אייגענע געסט און קרובים פון שטאָט. זיי קומען אָן מיט קינדער און קינדערלעך. די קינדער און קינדערלעך האַלטן אין איין שלאָגן זיך און אין איין פאַלן; און זייערע מאַמעס — פעטע, נידעריקע און גוואַלטיק־ברייטע אידענעס — האַלטן א גאַנצן טאָג אין איין פרעסן, אין איין קאַטשען זיך אויף די האַמאַקעס און אין איין אריבערשרייען מיט אַזעלכע זיננעוודיקע, אויסגעצויגענע

קול׳עכלעך צו זייערע נאָכאַנאַנד־פאַלנדיקע איטשע־מאַיערלעך:

— הערשעלע, זינעניו... ווי איז מיר... סטצעך עפּים געטי-אַי־אין?

— מאָניקיל, קרוינעניו... ביסט געפאַ-אַ-לן? סטצעך צעהאַ-אַקט?

נישט נאָר אין דעם שטעטל אין וועלכן דער פּאַנסיאָן געפינט זיך, נאָר אויך ווייט אַרום דעם שטעטל, אויף אַ שטח פון היפּשע עטלעכע מיילן, האָט מען זיך שוין דערוואוסט וועגן דעם גרויסן, דעם ווייטן און רייכן גאַסט, וואָס שטייט דאָ איין אין פּאַנסיאָן.

דורכן גאַנצן טאָג האָבן זיך דאָ געצויגן אהער דעפּוטאַציעס, שלוחים און פאָרשטייער פון אַלערליי אַנשטאַלטן און געזעלשאַפטן.

אידן, בעלימלאכות און קרעמער, מיט לאַנגע קאַפּאָטעס ביז צו די פּיאַטעס, מיט בעזימדיקע רויטע בערד און קליינינקע קוגל־היטלעך אויף היפּשע אָקסישע קעפּ.

אידן רבנישע, מיט ריזיקע בייכער, ווי ביי טראָגעדיקע אידענעס, אין שבתדיקע אַטלאַסענע זשופּיצעס, וואָס גלאַנצן קעגן דער יולי־זון — איבער הויכע גערונצלטע שטיוול; מיט סאַמעטענע קאַפּעליושן איבער לאַנגע גרייזלדיקע פּאות, וואָס שלענגלען זיך כמעט סאַמע ביז צו די אַקסלען.

אידן באַלעבאַטישע און וועלטלעכע, מיט אונטערגעשוירענע, פּירקאַנטיקע און אַסירישע בערד; אידן אין קאַפּאָטעס, וואָס דערגרייכן בלויז ביז צו די קני; מיט אַ וועלטלעכער גרייטקייט אין איין מינוט צייט אָנצוכאַפּן און אַרונטערצונעמען די שטייפע טוכענע קאַפּעליושן, ווי נאָר ס׳וועט זיין נויטיק, — א ו י ב ס׳וועט זיין נויטיק: מען האָט דאָך דערווייל נישט געוואוסט, וואָס פאַר אַ סאָרט שרה אָט יענער וואונדערלעכער פּאַרשוין איז...

אָט די אַלע שלוחים און דעפּוטאַציעס זיינען געווען איצט פאַר־קליבן אויף דער וועראַנדע.

זיי האָבן דאָרט זייער ערנסט און זייער געשעפטסמעסיק אַ שטיק צייט איינגע׳טענה׳עט מיט די צוויי פאָרעלטערטע מיידן, מיט דער פאַננאַ זאָשאַ און פאַננאַ מאַלגאָשאַ, די אויפזעערינס פונם פּאַנסיאָן. די לעצטע האָבן זיך מיט די אָנגעקומענע דעפּוטאַציעס און פאָרשטייער אַזוי ביטער געדונגען, פונקט ווי זיי אַליין פון זייערע אייגענע קעשע־נעס וואָלטן עס דאָ געדאַרפט געבן די נדבות. און וואָס האָט מען דאָ, נעביך, געקאָנט טאַקע האָבן צו זיי? מען איז דאָך דאָ, אַלנפאַלס,

געגאַנגען מעלקן זייער אייגענע ציג... און סתם: מען איז דאָך עפּעס אידן... און וואו איז יושר? און וואו איז ערלעכקייט?

און שפּעטער, אַז די פּאַננים מיט די דעפּוטאַציעס זיינען שוין ווי־עס־איז מושוה געוואָרן צווישן זיך, — ווייל מען איז דאָך עפּעס אידן! — האָט מען ערשט דעמאָלט געשיקט דעם פּאָרטיער לאָזן מעלדן מר. דזשיימס נעסאָו, —

— אַז מען וואַרט דאָ אויף אים פון דער שטאָט... וויכטיקע מענטשן מיט וויכטיקע שליחותן וואַרטן דאָ אויף אים.

דער גרויער פּאָרטער, אַן עלטערער דייטש פון אַ יאָר פופציק־זעכציק, האָט געטראָגן אַזאַ ספּעציעל קאַשקעטל — אַ מין לאַקייען־מיצל מיט גאָלדענע שנורן אויף די קאַנטן: אַך, וויפל חשיבות דאָס דאָזיקע מיצל מיט די גאָלדענע שנורן האָט צוגעגעבן דעם רענאָמע פונם פּאַנסיאָן... אַ וואונדערלעכער איינפאַל פוןביידע פּאַננעס צו־זאַמען! דאָס דאָזיקע קאַשקעטל אָבער איז געווען זייער קליין אויף אים, האָט בלויז באַדעקט דעם שפּיץ קאָפּ זיינעם, ווי אַ טאָטערשע יאַרמולקע: צוזאַמען מיט די קורצע ניקערבאַקער־הייזלעך ביז די קני האָט עס אים געמאַכט אויסקוקן זייער טשיקאַווע און אויסטערליש,— אַן אַלט, גרוי, זעכציק־יעריק אינגל...

איבערגעגעבן דעם מר. דזשיימס נעסאָו די מעלדונג האָט ער מיט אַזאַ שטייפער חשיבות, מיט אַזאַ זעלבסטווירדיקער אויסגעצויגנ־הייט אין אַ גלייכער סטרונע, פונקט אַ שטייגער ווי עס ראַפּאָרטירט ניי־אָנגעקומענע געסט אַ קאַמערדינער ביי רייכע שררות — ער פאַרשטייט: אויב זיינע באַלעבאַטים זיינען אַזעלכע גרויסע און וויכטיקע לייט, איז ער אַליין, דער קאַמערדינער, שוין דורך דעם במילא אויך אַ קליינער שררהלע, לכל־הפּחות... ער גיט זיך נישט די גאַנצע צייט קיין איין בויג, קיין איין ריר, קיין צוק מיט אַ ברעם.

— פּאַן בענדזע לאַסקאָוו...

די פּאַננים דאָרטן, די אַלטע און שטאַרק אויסגערעכנטע מוידן, האָט עס אָפּנים זייער געלוינט צו האַלטן די דעפּוטאַציעס דאָרט אויף דער וועראַנדע אַ היפּשע שטיקל צייט, ביז וואַנען מר. דזשיימס נעסאָו פלעגט צו זיי צוקומען. קאָנטיק, אַז זיי האָבן צו אָט דעם מאָנאָפּאָל אויפן שאַנגהאיער באַנקיר גאָרנישט דערלייגט. נאָר מר. דזשיימס נעסאָו האָט עס איניגיכן אָנגעהויבן דערעפן צו דאַרפן אַלע ווילע זיך אַרויסהויבן פונם קאָלירטן אָריענטאַלישן האַמאַק, וועלכער איז

געהאַנגען דאָרט אין שאָטן צווישן די סאָסנע־בוימער, און אַרויסגיין צום פּאַנסיאָן. ער האָט דעריבער אײַנגיכן באַפוילן די אויפזעערינס מען זאָל אַלעמען, אַלעמען גלײַך צולאָזן צו אים:

— לאָזט זיי קומען, פּאַננים... לאָזט זיי צו אַהער, די אַלע שלעך־פּערס... אַלע, אַלע... נישקשה, זיי וועלן מיך גאָט צו דאַנקען בדלות נישט שטעלן.

ער איז געווען היינט אַ גאַנצן טאָג, מר. דזשיימס נעססאָו, זייער אין אַ גרויסמוטיקער שטימונג — ער האָט זיך געפילט ווי אַ פּרינץ. די יולי־זון האָט סאַמע פון פרימאָרגן־אָן געבאַקט און געבראָטן די ערד און דעם געדיכטן סאָסנע־וואַלד, און זיי האָבן אַרויסגעלאָזן פון זיך פאַרשכורנדיקע זאַפטן און ריחות. די געדיכטע גאָלדענע זאַמדן, וואָס האָבן זיך דאָ געצויגן אויף מײַלן און מײַלן אַרום, און אויף וועלכע די שלוחים און די דעפּוטאַציעס האָבן זיך אַ היפּש ביסל וועג געשלעפּט איידער זיי זײַנען אָנגעקומען אַהער, זײַנען געווען אַזוי היים־אָנגעגליט — פּיס האָבן געזונקען אין זיי, ווי אין צעשמאָל־צענעם פייערדיקן גלאָז. אָבער דאָ, אין שאָטן פון די הויכע גרינע שטאַמען, וואָס האָבן אַרומגעקרוינט די פּאַנסיאָן־בנינים, איז געווען אַזוי מחיה׳דיק און אַזוי קיל... אַ גן־עדן התחתון.

יאָ, ס׳האָט מר. נעססאָון אין יענעם טאָג גאָרנישט געערגערט, גאָרנישט... ס׳האָבן אים אפילו נישט געערגערט די גרויסע מחנות אָפּגעריסענע און אָפּגעשליסענע אָרימעלייט און וויסטע קאַליקעס, וואָס האָבן דורכן גאַנצן טאָג געשטראָמט אַהער, געפלייצט פון אַלע זייטן. זיי, די דאָזיקע מחנות, האָבן זיך געצויגן אַהער דורך די צעגליטע זאַמדן אין איילעניש, אין מורא נישט צו פאַרשפּעטיקן, און מיט גרויס טומל און געקריגערײַ צווישן זיך... ראָבן, וואָס האָבן פונדערווייטנס — דורך אַזעלכע ריחות אין דער לופט, בלויז זיי אַליין באַוואוסטע — דערשמעקט:

— דאָ, אין שאָטנדיקער קיל פון פּאַנסיאָן־פּאַרק, ליגט פאַר זיי אָנגעגרייט אַ רייכע און אַ פעטע נבלה... ממש אַן אוצר פון אַ פּגר.

אָט־די־אָ אָפּגעריסענע און קריפּלדיקע מחנות זײַנען שוין לכתחילה נישט געגאַנגען דורך די הויפּט־טויערן, וואָס האָבן געפירט צום פּאַנ־סיאָן. אָהאָ, זיי האָבן שוין אויף דעם געהאַט געניט שכל... געניטע בעטלערס! זיי האָבן זיך געגנבעט אַהער דורכן וואַלד, געקראָכן דורך די ווייטסטע פּאַרקענס און פּלויטן, געגאַנגען איבער אַן־אַזייטיקע

שליאַכן. ווי הינט האָבן זיי קונציק אַזוי באַוויזן זיך דורכצושטופּן דורך אַלערליי שמאָלע עפֿענונגען און לעבער אין צעפּאָרענע פּלויטן, זיינען געשפּרונגען איבער שפּיציקע שטאַכעטן... ווען זיי זיינען ענד־לעך, הינטן ארומעט, צוגעקומען צום פּאַנסיאָן, האָבן זיי זיך, ווי קראָטן, אונטערגעגראָבן אונטער די לייסטן און שוועלן פֿון די ווייטע און זייטיקע, תמיד־פֿארמאכטע טויערן פֿונם פּאַנסיאָן־הויף.

און דערנאָך, אַ שווייגנדיקע און פֿיינטלעכע מחנה, האָבן זיי אים מיטאַמאָל ארומגערינגלט... זיי זיינען ארום מר. דזשיימס נעססאָון אויסגעוואַקסן אַזוי פּלוצלינג — אויסגעוואַקסן ווי קראַנקע, נעפּערלעכע און שעדלעכע געוויקסן, צווישן די שטאַלטנע און שלאַנקע סאָסנע־בוימער, אַרום די סימעטריש־אויסגעלייגטע בלומען־בייטן, — ווּיסטע און שוידערלעכע קאַליקעס, מיט קוליעס און אָן קוליעס, איינעמס מום שרעקעדיקער און אימהדיקער פֿאַרן צווייטנס; אין טראַנטעס און אין שמאַטעס, דורך וועלכע מען האָט ארויסגעזען בלאָטיקע און דאַרע לייבער; אייטערנדיקע און וואונדיקע מענטשן, מיט לעבער, מכות און צרעתן אויף רחמנות'דיק־פֿאַרקרימטע פּנימער און אויף צעקראַצטע און צעביילטע קערפּערס; הוסטנדיקע און פּייפּנדיקע בעטלערס, קווית־שענדיקע און הייזעריקע...

זיי זיינען דאָ צוערשט געשטאַנען שווייגנדיק צווישן די בוימער: אָנגעשוואָומענע פֿון ערגעץ, אין דער גן־עדן־לופֿט פֿונם פּאַנסיאָן, שאָטנס פֿון טויט און אַלערליי פֿינסטערע חלאתן... נאָר באַלד האָבן זיי — אַלע מיטאַמאָל ווי אויף אַ קאָמאַנדע — אָנגעהויבן אויסשטרעקן צו מר. נעססאָו זייערע דאַרע, מאָגערע און סקעלעטן־אַרטיקע הענט. איינציקווייז און אין כאָר האָבן זיי אָנגעהויבן ארויסזינגען זייערע קריכנדיקע, יאַדישלעווע און תחנונימדיקע רייד:

— האַרעלע... האַ־רעלע... מיסטער לעבן... שענקט'ס אונדז אַ נדבה'לע... גאָט זאָל אייך שענקען אַ גליקלעך לעבן ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר...

— האַרעניו... שענקטס עפּעס פֿאַר ווּיסטע קאַליקעס...

— מיסטערל... גיט'ס אַ פּאָר גראָשן... אויף אַ שטיקעלע ברויט־ווי־ווי־ט... אויף אַ שטיקעלע ברוי־יו־ט...

.6

איזן איז עס שוין דעמאָלט באַלד מיטאָג־צייט.

ביי די פּאַנסיאָן־געסט, וואָס ליגן צעשפּרייט און צעוואָרפן אויף די האַמאַקעס אַרום און אַרום, הויבן זיך שוין אָן פאַנאַנדערשפּילן די אַפּעטיטן. מען שרעקט זיך אָבער אין־דער־שטיל, אַז דידאָזיקע שלע־פּערס און קבצנים מיט זייער מיאוסן אויסזען זאָלן נאָך, חס־ושלום, נישט אָפּשלאָגן דעם חשק צום עסן.

דערווייל, ביז דער גאָנג וועט רופן צום טיש, שטעלט זיך יעדער איינער פאָר, וואָס מען וועט היינט דערלאַנגען אויף מיטאָג — לכבוד זונטיק. און ביסלעכווייז וויקלט זיך פאַנאַנדער א שמועס וועגן פאַר־שיידענע עסנס און פאַרשיידענע מאכלים, — ווי אזוי מען קאָכט זיי און מען גרייט זיי צו אין פאַרשיידענע געגענדן.

— עך — רופט זיך אָן פון זיין אָרט א דאַר פּינסקער אידל, א קליינס און אַ פּיצלדיקס ווי אַן אויסגעזויגן ציטרינדל — עך, וואָס ווייסט איר, פּוילישע, פון גוטע עסנס... וואָס ווייסט איר ווי צוצוגרייטן אַ געריכט... מישטיינס געזאָגט... פיש, למשל, קאָנט איר קאָכן? דודקי, בראַט... אז ביי אייך קאָכט מען דאָך גאָר פיש מיט צוקער און מיט ראָזשינקעס, ווי איינגעמאַכטס... און מען זידט עס עפּעס בסך־הכל נאָר איינמאָל אין וואַסער — און א עק, א סוף...

— ביי אונדז — פּאַסמאַקעוועט זיך אַזש דער ליטוואַק מיט א צו־להכעיס תענוגל, ווען ער באַמערקט די בטולדיקע בליקן, וואָס דער אַרומגעקליבענער עולם וואַרפט אויף אים — ביי אונדז קאָכן פיש — אָהאָ... מען זידט אָפּ די פיש אין איין וואַסער, און אין א צווייטן, און אין א דריטן... און דערנאָך, אַז מען נעמט עס אין מויל אריין — אָ, ברענט עס... אָ, פעפערט עס... ממש א פייער...

— הערטשעזיכאַיינעט, פּאַניע ליטוואַק — קרימט נאָך דעם ליט־ווישן אַקצענט איינע א גרויסע און קיילעכדיקע אידענע, מיט א בויך, ווי א דייזשע און מיט קורצע דיקע פיס, ווי אָפּגעהאַקטע „פּעניעס", וואָס זעען זיך אַרויס פון אונטער איר מאָדישן שטאַרק־קורצן קליידל — „הערטשעזיכאַיינעט... מען זידט אָפּעט"... קוקטס נאָר אָן, ווער ס'רעדט... עטץ, ליטוואַקעס, ווייסט דען פון אַן אנדער מאכל, ווי הע־רינג מיט קאַרטאָפלעס? און אַז איר וועט אפילו אָפּלעבן ביז הונ־דערט יאָר, וועט איר דען וויסן, וואָס פאַר א טעם עס האָט, נאַ פּשיק־

לאַד, אונזערם א... א... א... א נערײשטע לעבערלעך מים קליסקעלעך, האַ? און טאַקי פיש, וואָס?

נאָר א דריטער גאַסט, א פלינקער און גענימטער קאָמי־וואָיאַזשערל, א רודף־שלומניק, כאָטש אַליין א פּוילישער, לײנט זיך דאָ פונדעסטוועגן אריין אין שלום. שאַ, אַלע זײנען גערעכט — אי די ליטוואַקעס, אי די פּוילישע האָבן זייערע באַזונדערע מאכלים און געריכטן, וואָס בלויז זיי, און קיין אַנדערער, קאָן עס מאַכן. מער נישט, — הלמאי זאָל ער לייקענען? די בעסטע געריכטן זײנען פאָרט די אונגארישע, — פּש—פּש—פּש!

— אים מאַג מען גלויבן, שקושע... ער איז אויסגעפאָרן א וועלט, איז ער אויסגעפאָרן... איינמאָל קומט ער צו פאָרן קיין מארמאָרעש... הערט א שיינס...

די גאַנצע צייט ליגט דאָרט מר. דזשיימס נעססאו אין א פּראַכט־פולן אָריענטאַלישן האמאַק, און שווייגט. ער נעמט נישט קיין אנטייל אין די ארומיקע שמועסן, כאָטש אַלע וואַרטן אוים אויף זיינס א וואָרט, ממש ווי אויף א גוטן אידנס א וואָרט. ער שווייגט, ווייל זיין הארץ איז איצט פול, אזוי פול...

— אך, ווי גוט עס איז צו ליגן אין דערדאָזיקער שאָטנדיקער רו צווישן די גאָלד־רינענדיקע סאָסנע־בוימער, און לאָזן פארבייגיין אין זכרון פארשיידענע, שוין לאַנג־לאַנג פארשוואונדענע בילדער; בילדער פון דער ווייט־ווייטסטער אָרימער קינדהייט זיינער...

בעת ער טיילט אוים מיט דער פרייער האַנט די נדבות צו די מחנות בעטלער און מצורעים, וואָס רינגלען אים דאָ ארום פון סאַמע פרימאָרגן אָן, — דוכט זיך אים דען נישט שוין א לייגערע ווײלע, אז דאָס זיינען די זעלביקע שרעקנס־בילדער, די שטנ'דיקע געשטאַלטן, וואָס זיינען אמאָל־אמאָל, אין דער ווייט־ווייטער ווי אויסגעטראַכטער קינדהייט, געווען דער אייגענער גורל זיינער?...

און אך, ווי גוט עס איז צו פילן: דאָס, וואָס עס איז, דוכט זיך, אזוי נאָענט צו אים איצט, — איז אין־דער־אמת'ן ווייט, אזוי ווייט...

— געהערט ע ר דען, מר. דזשיימס נעססאו, דער באַוואוסטער שאַנגהאַיער באַנקיר, אהערצו? אָט, צו יעדער מינוט, ווען ער וויל נאָר, הויבט ער זיך אויף — און פיו־פיו... היידא!

— נישקשה... אויף רייזע־הוצאות פון דאַנען ביז שאַנגהאַי האָט ער נאָך צו יעדער צייט...

און געווען איז ער דאָך אמאָל בסך־הכל אַן אָרים אינגעלע, אַן אָפּגעריסענער און אָפּגעשליסענער יתומל, וועמען מען האָט גערופן יענקעלע לאָבוז, יענקעלע מיט דער טרייפער קישקע, יענקעלע קעלבאַס... כאָטש פאַרוואָס — ווייסט ער נישט: קיין שטיקל וואָורשט, — נישט קיין כשרע און נישט קיין טרפה, — האָט ער, אויף וויפל ס'לאָזט זיך געדיינקען, קיינמאָל דעמאָלט נישט פאַרזוכט... און וואָס שייך זיין טרייפענע קישקע — האָט ער דעמאָלט קיינמאָל נישט געהאַט אפילו קיין ברויט צו דער זעט...

און וואָס אמת—איז אמת: קיין חברה־מאַן, קיין לאָבוז איז ער אפילו קינדוויז אויך נישט געווען: ער האָט תמיד זיך געסטאַרעט ערלעך צו פאַרדינען זיין שטיקל ברויט. ווען נאָך גאָר א ברעקל, פלעגט ער זיך זומער צייט ארומשלעפּן טאַקי אין דער זעלביקער געגנט, ארומשלעפּן זיך איבער אלע פּאַנסיאָנען מיט גרויסע קאָשיקעס פרישע אויבסן, מיט ווײַנשל, קאַרשן, מאַרעלן, וויינפּערלעך, פלוימען, טרוסקאַווקעס. די שווערע קאָשיקעס האָבן אזוי שמערצלעך געשניטן די יונגע הענטלעך — דעם ווייטאָג פילט ער, דוכט זיך, נאָך איצט אויך... די שווערע אָנגעלאָדענע קאָשיקעס האָבן ממש געצויגן צו דער ערד דעם יונגן שוואַכן קערפּערל.

און דערצו נאָך, — יאָ, ס'געדיינקט זיך... ווען די באַלעבאָסטעס פון די פּאַנסיאָנען פלעגן אים באַמערקן פונדערווייטנס פלעגן זיי אָנהויבן הוקען און טיוקען אויף אים, פלעגן זיי אים אָנהויבן יאָגן פון דאַנען, ווי א גנב — ווי אַ הונט... יאָ, ס'געדיינקט זיך...

ער פלעגט דעמאָלט קוים כח האָבן זיך אויף גיך אָפּטראָגן פון דאַנעט מיט די שווערע קאָשיקעס זיינע, וועלכע האָבן אזוי געשניטן די אָרעמס און די הענט, אזוי געשניטן — דעם ווייטאָג פילט ער, דוכט זיך, נאָך איצט אויך.

— שאַ... — האָט ער לוסטיק א שמייכל געטאָן צו זיך. — שאַ... אפשר... אפשר פלעגט ער טאַקע קומען פאַרקויפן פרוכטן אויך אין אָט דעם זעלביקן פּאַנסיאָן, וואו ער געפינט זיך איצט דאָ? ס'איז מעגלעך... אַלץ איז מעגלעך...

.7

אויף מאָרגן איז נאָך א ליכטיקערער און נאָך א זוניקערער טאָג — אָט פונקט ווי יעדער טאָג וואָלט זיך דאָ אויסגעפיינט קעגן צווייטן; אָט פונקט ווי יעדער טאָג וואָלט זיך דאָ געבריהט קעגן דעם פריערדיקן מיט מער יום־טובדיקער אויפגעראָמטקייט, מיט מער וואָלדיקער פרייד, און מיט מער מיטן־זומערדיקן בלענדנדיקן ליכט.

יונגוואָרג, פאָרלעך־וויז, גייט גלייך נאָך מיטאָג אוועק טיף אין ארומיקן סאָסנע־וואַלד אריין. מען ווערט פארבלאָנדזשעט, פארלאָרן... עך, אין אָט יענע שעה׳ן פארשכורט ריח פון יונגן צעהיצטען פרויען־לייב א סך מער, ווי ריחות פון סאָסנע־בוימער, צעגליטע אין דער זון.

מען ווייסט נישט פון וואַנען און ווי אזוי: אינם פאנסיאָן האָבן אָנגעהויבן ארומגיין קלאַנגען, אז מר. נעססאו איז נאָך אליץ אן אלטער קאוואַליער — א שטיין־רייכער אלטער בחור. יונגע פרישינקע מיידלעך, קוים ארויסשפּראָצנדיקע פון נעפּלדיקע קינדהייטס־שאָלן, שוועבן און שווימען אַלע ווײַלע פארביי דער ווערענדע, וואו עס זיצט איצט מר. נעססאו, א פארטראָגענער און שפּילט אין קאָרטן — זיי שוועבן פאר־ביי אין זייערע אויפגעבלאָזענע זומערדיקע קליידלעך, ווי פלאַטערלעך לופטיקע איינגעטונקטע אין בלומען־פּוך. זיי שוועבן פארביי הין און צוריק, און באמיען זיך אליץ צו ציען אויף זיך מר. נעססאו׳ס אויפ־מערקזאַמקייט. נאָר דער שאַנגהאַיער באַנקיר איז איצט שטאַרק פאר־טיפט אין שפּילן א פּאָוקער מיט נאָך איניקע געסט — זיינע פליסיקע און דאָרשטיקע תלמידים אין די נייע „אמעריקאַנישע״ קאָרטן-שפּילן, וואָס ער קנעלט דאָ איין מיט זיי שוין זייט עטלעכע טעג.

די פרישע און צאַפּלדיקע מיידלעך — איניקע פון זיי נאָך פּשוטע „באַק־פּישלעך״ — וואַרפן הונגעריקע און ביינקנדיקע בליקן אויפן גלאַנציקן און עלפאַנט־ביינענעם קאָפּ פונם שאַנגהאַיער אלטן בחור; ער גלאַנצט ארויס, דער דאָזיקער קאָפּ, אפילו דורך די זוניק־געפלעקטע האַלב־שאָטנס, וואָס עס וואַרפן אויף דער ווערענדע די ארומיקע קריך־פלאַנצן. נאָר, אָך, וואָס קומט ארויס פון דעם אַלעמען... דער אייגנ־טימער פון דעם דאָזיקן היפּשן עלפאַנטביינערנעם באַל איז די גאַנצע צייט אזוי שטאַרק פארטיפט אין די קאָרטן. ער זעט נישט דעריבער די פארביישוועבנדיקע פרישינקע מיידלעך־פלאַטערלעך; ער פילט נישט זייער זעלטענעם פרילינדיקן דופט; ער באַמערקט נישט זייערע הונ־

געריקע און שמאַכטנדיקע בליקן; ער הערט נישט דעריבער די האַרצ־רייסענדיקע און בייִנקענדיקע זיפצן, וואָס זיי טוען זיפצן אין דער שטיל — יעדערע פּאַר זיך און עטלעכע צוזאַמען.

— אַך, ווען מען וואָלט געקאָנט מיט אַזאַ איינעם חתונה האָבן... מען וואָלט שוין געווען גליקלעך אויפן גאַנצן לעבן...

אַך, אַוועקפאָרן מיט אים אין דער ווייטער, גליקלעכער אַמע־ריקע... וואָס פאַר אַ פאַרביקערע פאַנטאַזיעס קאָן שוין דען אַ מענטש האָבן?

די שטאָט שאַנגהאַי איז שוין דעמאָלט פאַר זיי נישט אַ סך מער ווייט און נישט אַ סך ווייניקער גליקלעך און רייך, ווי די רייכע און גליקלעכע אַמעריקע... וואָס איז דער חילוק? אַבי אַוועקפאָרן פון דאַנען... ווייט, ווייט פון דאַנען.

— קיין אַמעריקע — זאָל זיין קיין אַמעריקע... קיין שאַנגהאַי — זאָל זיין קיין שאַנגהאַי...

און יואל האַקמאַן דרייט זיך דאָ די גאַנצע צייט אַרום, ווי אַ זייטיקער. אָ, ער קוקט זיך צו דעם אַלעמען צו גאָר שטאַרק — נאָך ווי... נאָר ער שווייגט. ער מישט זיך נישט. אז בסך־הכל איז ער דאָ אַן אורח... אַ פרעמדער גאַסט... ער גיט בלויז פון צייט צו צייט אַ שטילן, אַ פיינלעכן שמייכל. ער לאָזט זיך ענדלעך אויך גיין אין וואַלד אַריין. איינער אַליין. אַזוי, טראַכט ער, וועט אים זיין בעסער. אַ מאָד־נער מענטש, אַ טשיקאַווער פאַרשוין.

און יענעם גאַנצן נאָכמיטאָג איז ער אָפּגעלעגן אין וואַלד, אַליין אויפן גאָלדענעם רויט-צעגליטן זאַמד, — בײַ יענעם שטיק וואַלד־זוים, וואָס האָט אַריבערגעקוקט איבערן נאָענטן אידישן שטעטל. ער פלעגט עס דאָך סײַ־ווי טאָן יעדן נאָכמיטאָג, יעדן נאָכמיטאָג.

עס פלעגט אַזוי שטאַרק ציען צו זיצן דאָ, זיצן נאָכאַנאַנד און גאָרנישט נישט טאָן — בלויז קוקן. אָט איז דאָ נעכטן, צום בײַשפּיל, געווען עפּעס אַ שטיקל יאַריד. גרויע פויערישע סערמיענגעס אין די גרויסע היצן. הירזשערייַ פון פערד. אָהלאַבליעס אויסגעשטרעקטע אין דער לופט, געקוויטשערייַ פון חזירים. מיט איין וואָרט: — ס'האָט דאָרט געהערשט אַ גרויס געפּילדער. אידן און אידענעס, קינד און קייט, יונג און אַלט, האָבן דאָרט צווישן אַלעמען אַרומגעשמאַיעט און געיאָגט זיך. און ס'איז נישט געווען צו זען פון דאַנען, וואָס שמייען

זיי עס דאָרט אַזוי אַרום אַ גאַנצן טאָג, און וואָס טוען זיי דאָרט סוף־כל־סוף אַזוינס אויף מיט זייער אַרומשמייען. פון דאַנען, פונם אויפגעהויבענעם שטיק זאַמדיקן וואַלד־זוים, האָט עס אויסגעזען, ווי אָן אַ שיר מילבן וואָלט זיך דאָרט געראַיעט אין איין גרויסער קופּע מיסט; און אָט די, אָט יענע מילב גיט פון צייט צו צייט אַ כאַפּ צו אַ שטרויעלע — און טראָגט זיך אויף גיך אַפּ, איידער עמיצער רויבט עס ביי איר צו צוריק. און איבער אַלעמען און אַרום אַלעמען, אין דער לופט און העכער — שטויב, שטויב, שטויב.

דאָס אַלץ איז געווען נעכטן. היינט אָבער שטייט שוין דער מאַרק אַ פּוסטער און אַ ליידיקער, ווי געוויינלעך אין אַ וואָכעדיקן נאָכמיטאָג. עס הויפן זיך אויף אים איינזאַם קופּקעלעך פּערדישן מיסט. עס וואַלגערן זיך אויף אים אָן אַ שיר איבערגעלאָזענע שטרויעלעך. אַ וואַסער פּלומפּ שטייט יתומדיק אינמיטן מאַרק און טריפט פון זיך נאָכאַנאַנד טראָפּנס וואַסער. טריפּט. טריפּט... טריפט מיט איינזאַמע אָפּגעזונדערטע טראָפּנס. און נישט ווייניקער איינזאַם קוקן אויך איצט אויס די עטלעכע אידן, — הויכע אַזעלכע און אין לאַנגע פאַרשטויבטע קאַפּאָטעס, — וואָס דרייען זיך דאָ אַרום אַ גאַנצן טאָג, דרייען זיך אַרום אָן ציל און אָן אויסקוק, אָט פּונקט ווי ער, יואל האַקמאַן, האָט זיי געדיינקט אין אַמעריקע נאָך פון די קינדהייט־יאָרן אָן — גאָרנישט האָט זיך דאָ, הייסט עס, געענדערט פאַר דער גאַנצער צייט, גאָרנישט...

סיי דער מאַרק און סיי דאָס גאַנצע שטעטל ליגן עפּעס אַזוי ווי פאַרחלשט — ניט סע לעבט, און נישט סע שטאַרבט... וואָראָנעס פליען מחנות־ווייז איבערן מאַרק און קראַקען. זיי לאָזן זיך פון צייט צו צייט אַראָפּ, דערשרעקן זיך אָבער אַפּנים פאַר די פּאַמעלעך־אַרומשפּאַצירנדיקע הויכע אידן אין די קאַפּאָטעס ביז די פּיאַטעס, ווי פאַר אַרומגייענדיקע שטראַשידלעס — און זיי פליען ווידער אַוועק מיט אַ אומצופרידענעם קראַ־קראַ. זיי פליען אָבער נישט אַוועק צו ווייט; זיי פאַרבלייבן פונדעסטוועגן ערגעץ דאָ אַרומעט און קרייזלען זיך אַלץ די גאַנצע צייט איבערן מאַרק, — זיי דערוואַרטן אַ בעסערע שעה פאַר זיך; אַ שעה, ווען אָט די אַרומבלאָנדזשענדיקע שאָטנס וועלן שוין דאָ אויך נישט זיין... ווען אויך אָט די סטראַשידלעס וועלן פּלוצלונג אַוועקפאַלן, און פון זיי וועט ווערן פּונקט אַזעלכע אומבאַוועגלעכע הויפנס, ווי די קופּקעלעך פערדישן מיסט אויפן מאַרק.

.8

יאָ, שעהן און שעהן זיצט דאָ אַזוי יואל האַקמאַן איינער אַליין ביים וואַלד־זוים, ביז די זון דערגרייכט איר שטאַרקסטן, איר זוניקסטן פּונקט אויף דער בלענדענדיק־בלויער שיסל איבערן קאָפּ: שוין גלייך נאָכדעם, אין אַ קורצער ווײַלע אַרום, ווערט שטאַרק קאַנטיק איר נויגן־זיך צו מערב־צו — די ברוין־געלאַטעטע לאַנקעס, מאַך־פּאַרוואַקסענע, ווערן דעמאָלט אַזוי אומגעווייִנלעך ליכטיק, אַזוי רויט און בלוטיק... איז דעמאָלט קערט ער זיך אום אין פּאַנסיאָן אַריין, יואל האַקמאַן.

אַז ער גייט דורך דורכן וואַלד אויפן וועג אַהיים האַלט ער די גאַנצע צייט דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזן. פּונקט ווי ער וואָלט געפּרוּווט לייענען דעם כּתב פון די אוראַלטע נאָדל־שיכטן אונטער זיינע פיס, — דעם כּתב פון די צעוואָרפענע סאָסנע־שישקעס, וואָס ליגן שוין דאָ ווער ווייס פון ווי לאַנג.

נאָר מיטאַמאָל דערהערט ער ווי מען רופט אים. מען רופט אים אַזוי האַפּערדיק און לוסטיק: אָט־אַזוי־אָ, אין אַזאַ טאָן, רופט מען נאָר אויף עפּעס אַ פריילעכס, אַ שמחה׳לע, אַ הוליאַנקעלע... אַז ער הויבט אויף דעם קאָפּ, דערזעט ער מר. נעססאָן, ווי ער ליגט אַזוי בהרחבה׳דיק אויסגעצויגן אין אַ קאָלירט־זײַדענעם אָריענטאַלישן האַמאַק. מר. נעססאָ לאָזט זיך איבערטראָגן זיין האַמאַק היפּשע עטלעכע מאָל דורכן טאָג. איצט האָט אים זיין קאַפּריז פאַרטראָגן אין אַ ווייטערן וואַלד־ווינקל — היפּש ווייטלעך פון די איבעריקע געסט.

ער ליגט דאָרט איננאַנצן אַרומגערינגלט מיט אַ ים פון פאַרבן, מר. נעססאָו: אַרום און אַרום אים אָנגעוואָרפן און אָנגעלייגט און אָנגעשטעלט — קווישלעך און קערבלעך און שקאַרמיצלעך מיט אַלערליי פרישע און שמעקנדיקע פּרוכטן, — בורשטינענע אַגרעסן, גרינע וויינפּערלעך, פּורפּורנע יאַגדעס, רויטע קאַרשן, געלע מאַרעלן, בלויע פלוימען... דאָס שטאַרק־רויטע שקיעה־ליכט, וואָס פאַלט אויף זיי איצט, מאַכט נאָך בולטער און געדיכטער יעדע איינע פון אָט די פאַרבן, — אַ שלל, אַ שלל פאַרבן.

— קאָם אָווער, לאַנדסמאַן, — ווינקט ער לוסטיק צו יואל׳ן מיט איין פאַרזשמורעט אויגל. — העוו אַן מי איי גוד טיים...14)

ער צווינגט זיין „לאַנדסמאַן" ער זאָל זיך אָנשטאָפּן מיט אַט די אַלע פרישע פרוכטן, מיט וועלכע ער איז איצט געדיכט ארומגערינגלט. די דאָזיקע קערבעלעך, זעקעלעך און שקאַרמיצלעך ווערן ממש מיט יעדער מינוט אַלץ גרעסער אין צאָל, — שלומפּערדיקע אידענעס, איינגעוויקלטע אין ווארימע, ווינטערדיקע פּאַטשיילעס; מיטליעריקע אידן, אין וואַטאָווקעס, מיט קוגלדיקע היטעלעך אויף די קעפּ און מיט וואַטע־קנויטלעך אין די אויערן; באָרוויסע אינגלעך, מיט לאַנגע ארבע־כנפות׳ן ביז צו די פּיאַטעס — די אַלע האַלטן נאָכאַנאַנד אין איין אונטערקומען אהער מיט שוועראָנגעלאָדענע קאָשיקעס פרוכטן. און מר. נעססאו קויפט ביי אַלעמען — ער הייסט אַלעמען אָפּוועגן אזא וואָג, ווי ס׳פּאַלט אים נאָר אריין יענע מינוט אין קאָפּ — א האַלבע קילאָ, א קילאָ, צוויי — און אנידערלייגן עס נעבן אים אויף דער ערד.

דער לאַנגער און דאַרער יואל זעצט זיך אוועק לעבן אים אויפן גראָז. נאָר וואו זאָל ער שוין אהינטאָן זיין לאַנגן דאַרן קערפּער — אפילו זיצנדיק קומט ער שוין אויך אוים מיט א פּאָר קעפּ העכער פאר מר. נעססאון. ער שמייכלט צו אים ארונטער אין האמאַק אריין:

— זעט נאָר, מר. נעססאָו... וואָס, איר גייט גאָר אין די פרוכט־ביזנעס?

נאָר יענער גיט אים אויף דעם בלויז א קלונגן, א ווייסנדיקן וואונק; ער באַדייט, דער דאָזיקער קלוגער און שווייגנדיקער וואונק:

— עסט, מיסטער, און פרעגט נישט קיין קאַטשאַנעס...

און אין א ווייַלע ארום, — אביסעלע שטילער, פאַרטראַכט, מיט א בליק שוין נישט אויף יואל׳ן:

— מ׳דאַרף ביי זיי ביי אַלעמען קויפן... וואָסי, זיי דאַרפן דען קיין לעבן נישט מאַכן?

און דערנאָך, מיט א מאָדנעם אזא, א שטילן, א נערוועזן לאַכן, — אַ לאַכן גלאַט אין דער וועלט אַריין, ווייל בשעת מעשה קוקט ער אפילו נישט אויף יואלן:

— כאַ-כאַ... יענקעלע קעלבאַס... ווער ווייס — אפשר בין איך דאָ אַמאָל אליין ארומגעגאַנגען מיט אזעלכע שווערע קאָשיקעס?

— וואָס מיינט איר? — קוקט אָן יואל מיט דערשטוינונג דעם שאַנגהאַיער באַנקיר, וועלכער רעדט איצט, דוכט זיך, מיט אביסל אָפּוועזנהייט און צעטראָגנקייט. — וואָס מיינט איר מיט דעם?

— גאָרנישט — קומט באַלד דער באַנקיר ווידער צו זיך, הויבט אויף אויף יואלן זיינע בלויע און תמיד־פייכטע אויגן. — גאָרנישט... כאַ־כאַ... כ'האָב מיך דערמאָנט עפּעס א מעשה... עסט, זאָגט מען אייך... עסט, לאַנדסמאַן, און האָט הנאה פון דער וועלט... כאַ־כאַ. — אָט האָט איר אייך יענקעלען... עסט, עסט...

די טיפע קנייטשן אויף זיין קיילעכדיקן, זאַטן און אָפּגעפּרעסע־נעם לבנה־פּנים שמייכלען אזוי צופרידן. אַך, ער וואָלט איצט זייער שטאַרק געוואָלט עפּעס טאָן פאַר אים, פאַר זיין לאַנדסמאַן, עפּעס זייער גוטס. נאָר וואָס קאָן ער שוין פאַר אים דאָ, אין אזא העק, טאָן, משטיינס געזאָגט? אָט ווען ער וואָלט אים אָנגעטראָפן עפּעס אין א לייטישער, א גרויסער שטאָט, — אין פּאַריז, לאָנדאָן, בערלין — וואָלט ער אים אודאי אזוי נישט אָפּגעלאָזן: ער וואָלט אים געפירט דעמאָלט אין א אידישן קוואַרטאַל, וואָלט אויסגעפונען א געשמאַקן, א כשר'ן אידישן רעסטאָראַן, און וואָלט אים דאָרט מכבד געווען מיט אַלע, אַלע באַ'טעם'טע אידישן געריכטן און מאכלים, וואָס מען וואָלט נאָר דאָרט נעקאָנט קריגן... וואָס'אי, וואָס מיינט זיך עפּעס יואל — ער האָט דען סיידן נישט קיין אידיש הארץ, מר. דזשיימס נעססאו, קיין אידישע נשמה, — נישט געקוקט אויף דעם, וואָס ער איז שוין עטלעכע צענד־ליק יאָר אָפּגעריסן פון אידן? אָט, אפילו איצט אויך פאַרפירט ער באַלד מיט יואל האַקמאַנען א היימישן אזא, א כשרן שמועס:

— זאָגט נאָר, טייערער... עפּעס דערמאָן איך מיך... אמאָל, מיט א יאָר דרייסיק צוריק, ווען איך בין געווען אין די „סטייטס"(15), פלעגט דאָרט אַרויסגיין זייער א גוטער אידישער „פּייפּער"... דאָס "יידישעס טאַגעבלאַטט"... וואָס מאכט ער איצט?

מיט עטלעכע און דרייסיק יאָר צוריק, ווען ער האָט אַלס יונגער־מאַן געוואוינט א שטיקל צייט אין ניו־יאָרק, פלעגט ער זייער „גלייכן" לייענען דעמדאָזיקן „פּייפּער"... מען פלעגט דאָרט דרוקן אזעלכע געשמאַקע שטיקלעך — ממש, זאָג איך אייך, נעם און לעק אָפּ פון זיי די פינגער... געגזענע לעבערלעך!

— וואָס, ער גייט נאָך איצט אויך אַרויס, זאָגט איר?... דאָס יודעשעס טאַגעבלאַטט? אי, אי, אי... צאַ־צאַ...

.9

יאָ... מר. נעססאָו איז עפּעס אין אָט יענעם טאָג געווען זייער אויפגעליייגט, זייער צוגעלאָזן, זייער היימיש.

יואלן, זיצנדיק אַזוי מיטן רוקן אָנגעשפּאַרט אָן דעם טרוקענעם שטאַם פון אַ נאָדל־בוים, איז דעמאָלט אויסגעקומען אויסצוהערן אַ סך, אַ סך פון יענעמס לאַנגע און, וואָס אמת איז, אינטערעסאַנטע דערציילונגען, דערציילונגען וועגן זיך, וועגן זיין לעבן, וועגן די שווערע קאַמפן פון זיינע יונגע יאָרן, וועגן זיין שפּעטערדיקן דערפאָלג און וועגן זיין איצטיקער רייכקייט און תקיפות אין דער ווייטער כינעזישער שטאָט, אין שאַנגהאַי.

דאָרט — האָט זיך יואל דערוואוסט פון אים — אין דער ווייטער כינעזישער שטאָט אויפן ברעג פונם פּאַציפישן אָקעאַן, האָט ער זיך אויסגעבויט אַ רייכן מזרחדיקן פּאַלאַץ — אַ מין בודיסטישע פּאַגאָדע... וואווינען, וואווינט מר. נעססאָו אין שאַנגהאַי, פּאַר־שטייט זיך, דוקא אינם אייראָפּעאישן קוואַרטל. און אינעווייניק איז זיין פּאַלאַץ אויסגעשטאַט מיט אַלע מאָדערנע אייראָפּעאישע באַקוועמ־לעכקייטן — מיט עלעקטריע, טעלעפאָן, שטראָמענדיקע הייסע און קאַל־טע וואַסער, מיט אַלערליי וואַנעס און הייסע שפּריץ־בעדער און אַזוי ווייטער, און אַזוי ווייטער. נאָר פון דרויסן האָט זיין פּאַלאַץ דעם אָנבליק פון אַ בודיסטישן טעמפּל.

אָבער דער עיקר שטאָלץ זיינען ביי מר. נעססאָו געווען, ווייזט אויס, צוויי זאַכן:

דער היפּשער וועלדל פון באַמבו־בוימער, וואָס ער האָט אַליין געלאָזט פאַרפלאַנצן הינטער דעם פּאַלאַץ, און דער יאַפּאַנעזישער גאָרטן, וואָס ער האָט זיך געלאָזט איינאָרדנען דורך אַלטע יאַפּאַנעזישע גערטנערס, וועלכע ער האָט ספּעציעל אַרונטערגעבראַכט אַזש פון יאַפּאַן...

— אַך, מר. האַקמאַן, — האָט ער געפּרואווט ווערן היימיש און נעמען קיצלען יואל'ן אונטערן פּאַכווע, — אַך, מר. האַקמאַן... הערט איר, איר וואָלט געדאַרפט אַמאָל אַראָפּקומען מיך באַזוכן... איר וואָלט באַדאַרפט אָנקוקן מיין יאַפּאַנישן גאָרטן... ס'וואָלט אייך, זאָג איך אייך, געלוינט די לאַנגע נסיעה, בעליוו מי...16) כאָטש, צוריק גערעדט:

פון אייך, פון סאַן־פראַנציסקאָ ביז שאַנגהאַי — וויפל צייט געדויערט עס אינגאַנצן ?... איינס און צוויי...

אפילו אַט דער זעלבסטצופרידענער, אָפּגעפּרעסענער באַנקיר... אפילו אַט־אָ דער מענטש מיט דעם אַזוי־זאָגטן קול — אַ קול אָן איי־ליקס און אַ פּעטס ; אַ קול אין וועלכן עס האָט שוין, דוכט זיך, נישט געקלונגען קיין איין שום צאַפּל פון ביינקשאַפט ; אַ קול אין וועלכן עס האָט זיך שוין לאַנג, לאַנג נישט געהערט קיין אייניציקער ציטער פון אַ נישט דערגרייכטן פאַרלאַנג — אפילו ער... איז ער דען געווען אימשטאַנד אַראָפּצואַוואַרפן דעם גלאַנץ, דאָס צויבערדיקע הייטל פון אַט יענע בילדער, וועלכע עס האָבן זיך אַנגעהויבן איצט אַרויסשיילן פאַר יואַלן — ווי פון אונטער ווייטע, פרעמד־לענדישע און פרימאָרגנדיקע נעפּלען אַרויס ?

די יאַפּאַנעזישע גאָרטנס... זיי זיינען געווען ביי מר. נעססאָו פון עטלעכע סאָרטן. און יואַל האָט מיט הונגעריקער נייגיריקייט זיך צו־געהערט צו יענעמס רייד וועגן דעם, אַז עס זיינען דאָ אַלערליי מינים גאָרטנס יאַפּאַנעזישע — אי נאַסע, אי טרוקענע און אי אַזוינע, וואָס זיינען פאַרפלאַנצט געוואָרן אינגאַנצן אויסגעטריקנטן בעט פון אַ טייך... אַלע, אַלע זיינען זיי געווען ביי מר. נעססאָו — אַט ביי דעם קאָמישן קיילעכדיקן מענטשל, פון וועלכן יואַל האָט קיינמאָל נישט געהערט ; אַ מענטשל, וואָס זיצט פונדעסטוועגן אינגאַנצן סאַמע אויבן־אָן פון וועלט און לעבן...

יאַ, ס'איז געווען ווי אַ דערציילונג פונעם גן-עדן התחתון... קאָ־לירטע פיל־פאַרביקע לאַמטערנדלעך האָבן דאָרט אויפגעשיינט אין די סאַמע אומדערוואַרטע ערטער, פאַרשטעקט אין אַלערליי ווינקלען. אָפּדעכלעך פון דעם האַלץ פונעם זעלטענעם שוואַרץ־שטאַמיקן עבאַני־בוים האָבן זיך דאָ און דאָרט אויפגעהויבן — באַשיץ-ערטער פאַר אַט יענע זעלטענע טעג, ווען עס פאַלט פּלוצלינג אַרויס אַ שניי... און אומעטום איבערן גאָרטן — שטיינער מאָדנע, היפּשע שטיינער מיט געהיימער באַדייטונג; שטיינער אויסגעלייגטע און צוזאַמענגעהויפטע אין אַלערליי שטיין־געוועבן, אין אַלערליי געאָמעטרישע פיגורן, — שטיינער, וואָס זייער עובדא איז צו דינען ווי אַ אָפּרו־אָרט פאַר די גייסטער פון די פאַרשטאָרבענע נאָענטע משפחה־מיטגלידער, וועלכע וואוינען דאָ תמיד צוזאַמען מיט די לעבנדיקע.

— שטיינער שפּיציקע — גיט אים מר. נעססאו צו פארשטיין און צו דערקלערן, און ער איז שטארק צופרידן פון זיין לערערישער ראָל — פאר די פרויען-רוחות... שטיינער קיילעכדיקע — פאר די רוחות פון די געשטאָרבענע מאנסבילן-קרובים... כאַ־כאַ, אָט אזעלכע טשי־קאווע זאבאָבאָנעס זיינען דאָ ביי די „דזשעפּס״...

און ארום און ארום אין זיין גאָרטן איז אזוי געמיטלעך, אזוי היימיש און שטיל — אז די בוימער אינם גערטנדל זיינען אויך געווען אזעלכע היימישע און אזעלכע געמיטלעכע — נישט קיין צפון'דיקע ריזן־בוימער: סאגא־פּאלמעס... קארליקעס־בוימלעך... בוימער וואָס האָבן אויסגעזען בסך־הכל ווי היפּשע קוסטעס.

— יאָ... א גערטנדל פאר איינזאמקייט איז עס געווען, פאר אינ־טימע טראַכטונגען, פאר יחידות'דיקע שטימונגען...

אָבער וועגן וואָס, א שטייגער, האָט מר. נעססאו דאָרט געטראַכט, ווען ער האָט זיך אהין דערוויטערט און אָפּגעזונדערט? וועגן קלענערע דיווידענדן פאר די אקציאָנערן זיינע, וועגן גוטע באָנדס, וועגן זיכערע שערס, וועגן פּעטינקע אָבליגאַציעס, הא?

און מר. נעססאו האָט שוין באַלד, — מיט פּאָטערלעכן שטאָלץ כמעט, אָט פּונקט ווי ער אליין וואָלט עס געווען דער פלאנצער פון אָט יענעם גאָרטן און נישט די געדונגענע געניטע יאפּאַנעזישע גערטנער, וועלכע ער האָט פאר היפּשע געלדער אויסגעשריבן צו זיך אין שאַנגהאַי — מר. נעססאו האָט שוין באלד דערציילט יואל'ן וועגן דעם נאָסן גאָרטן זיינעם: א גאָרטן, וואָס איז באַשטאַנען דורכויס פון א סאַ־זשעלקע, אין וועלכער עס האָט זיך ארייַנגעשטאָכן א קליינער האַלב־אינזל.

אויפן דאָזיקן האַלב־אינזל איז געווען אויפגעשטעלט א קליינער טעמפּל, מיט אָן־א־שיר אָנגעהאנגענע גלעקלעך אויף אַלע טורעמלעך — זעלטענע גלעקלעך, ווי לעבעדיקע באַשעפעניש: ביים ריר פונם מינדסטן ווינטל פלעגן זיי אויפזינגען און אויפקלינגען מיט א שטיל שאָטנדיק געזאַנג...

און אינמיטן סאזשעלקע איז געווען א קליין אינזעלע, די גרויס אפשר בסך־הכל ווי א ריזיק איי — ארום אָט דעם אינזעלע זיינען אין דער סאַזשעלקע ארומגעשוואומען לאָטאָס־בלומען, („אָ, איצט מוזן זיי שוין אודאי זיין אין פולער בליאונג״, האָט ווי בייַנקשאַפטלעך א קרעכץ געטאָן מר. נעססאו), און בלעטער זעלטענע אַלערליי: גרויסע

און ברייטע בלעטער — גאַנצע פּלאַכטעס; שמאָלע און לייגלעכע — ווי פּיילן, ווי שלאַנגען־צונגען... און פלאַנצן אַלערליי האָבן זיך געטוקט אינם סאַזשעלקע-וואַסער — זעלטענע פלאַנצן מיט אַן אויסזען פון אַזעלכע ריזיקע זייערס... און היינגנדיקע בריקלעך זיינען געווען אַרי־בערגעוואָרפן פון אָט דעם אינזעלע אויפן ברעג, בייטשלעך קאָלירטע לאַמטערנעס האָבן באַזוימט זיינע באָרטן...

און איבער דעם אַלעמען טראָגט זיך תמיד נאָכאַנאַנד אַרום דער געווירצטער ריח פון טיי־בלומען, פון לאַרבער־בלעטער און פון דער סיטרוס טריפאָליאַטאַ — פון די קליינע מאַראַנצן-בוימלעך, וואָס אַז מען צערייבט בלויז זייערס אַ בלעטל אויפן פלאַך פון דער האַנט, הויבן גלייך אָן די נאָז־פליגלען פונאַנדערצושפּרייטן זיך פונם שאַרפן רעגנדיקן ריח, וואָס ווערט גלייך באַשאַפן אין דער לופט — און צע־רינט נישט דערנאָך אַ לאַנגע, לאַנגע צייט...

.10

עס איז אויך געווען דעמאָלט — גערירט אַפּנים צו אינטימער צו־געלאָזנקייט דורך די דערינערונגען פון דער ווייטער היים זיינער, — וואָס מר. נעססאו האָט פּלוצלינג דערציילט יואל'ן צוליב וואָס ער, דער גרויסער שאַנגהאַיער באַנקיר, האָט עס אונטערגענומען אַהער זיין לאַנגע נסיעה — אַ נסיעה פון טויזנטער און טויזנטער מיילן. צוליב וואָס ער האָט זיך אונטערגענומען — מען קאָן זאָגן: אויף דער עלטער — דורכצוקרייצן כמעט צוויי־דריטל פונם וועלט-קוגל, און שלעפּן זיך ערגעץ אין אַזאַ העק אַריין.

— ער איז געקומען אַהער אויף קבר־אבות...

— ווי, אויף קבר־אבות גאָר?

— יאָ, אויף קבר-אבות.

דערקלערט האָט ער עס נישט אָן שטאָליץ. געקוקט האָט ער בשעת מעשה מיט זיינעביידע בלוי־פּייכטע אויגן ברייט־אָפן און קיילעכדיק־אַנגעשטעלט אויף יואל'ן, — געקוקט מיט היפּשער זעלבסט־ווירדע:

— זעסט? דיינק-זשע נישט, אַז ביי מיר איז אַלץ געלט, אַלץ ביזנעס... איך וויים אויך פון איידעלערע און העכערע געפילן.

יואל האָט זיך דעמאָלט פון אים דערוואוסט, אז ערגעץ נישט ווייט פון הי, א פיר שעה רייזע פון ווארשע מיט דער באַן, געפינט זיך לעבן דער ווייקסל א קליין שטעטעלע — א שטעטעלע גרויס ווי א גענעץ; א שטעטעלע, פון וועלכן ווייניק מענטשן אפילו דאָ, אין פוילן, האָבן וועןֿ־עס־איז געהערט. יאָ, א שטעטעלע — נישט קיין באריממטס... ס׳קאָן טרעפן, אז ער אליין, מר .נעססאו, זאָל אויך אמאָל פארגעסן ווי עס הייסט! און אין אָט דעם שטעטעלע זיינען באגראָבן מר. נע־ססאו׳ס טאַטע־מאַמע.

— געשטאָרבן זיינען זיי שוין לאנג־לאנג צוריק — אודאי מיט א יאָר פופציק צוריק... ער איז דאָך נאָך געווען דעמאָלט, יענקעלע, כמעט גאָר א קינד, — ער געדיינקט דאָך נישט אפילו זייער אויסזעען... זיי זיינען אוועק פון דער וועלט כמעט גלייך איינער נאָכן אנדערן, בלויז מיט א קורצע צווישן־צייט פון בסך־הכל א פאָר חדשים.

ער, יענקעלע, איז דערנאָך דערצויגן געוואָרן ווי א קיילעכדיקער יתום פון זינט אָן ער געדיינקט זיך; ער האָט דעריבער — ער איז זיך אים, זיין לאַנדסמאַן, אליין מודא ומתודה — ער האָט דעריבער כמעט א גאנץ לעבן אָפגעלעבט מיט עפעס אזא מאָדנעם געפיל:

— ער ווייס נישט אויף זיכער צי ער האָט געהאט אמאָל א טאַטע־מאַמע, צי ניין...

כאָטש ער געדיינקט דאָך אויף געוויס: ווי א קינד — מיט א יאָר פופציק צוריק, הייסט עס — האָט ער יאָ געהאט עלטערן (נישט גע־קוקט, וואָס זייער אויסזעען קאָן ער זיך בשום אופן נישט פאָרשטעלן) אָבער דאָס איז שוין געווען אזוי לאנג צוריק... ס׳דוכט זיך אים אָפט דעריבער:

— אפשר איז די גאנצע מעשה אָן אויסגעטראכטע זאך?... אפשר איז דאָס אלץ — בלויז א דמיון זיינער?

איז אָט די דאָזיקע געדאנקען פלעגן אים, ווייזט אויס, פון צייט־צו־צייט בשום אופן נישט געבן קיין רו... ביז ער האָט זיך באשלאָסן: אונטערצונעמען אָט די לאנגע רייזע און באזוכן דעם קבר פון זיינע עלטערן — אויב אין אָט יענעם גענעץ־שטעטל ביי דער ווייכסל געפינען זיך נאָך לכל־הפחות סימנים פון זיי, פון אָט די קברים: איינ־געפאלענע ברעטלעך פון א שטיבל, אַן אָפגעמעקטער שטיין פון א מצבה, א שריפטס אינם פנקס פונם קברות־מאַן, צי וואָס, — ער מוז דאָך איינמאָל פאר אלעמאָל פעסטשטעלן:

—ער, דער באַוואוסטער באַנקיר דזשיימס נעססאָו, איינער פון די דירעקטאָרן פון „דהי פּאר איסטערן באַנק, לימיטעד", — איז ער אויך אַ מענטש גלייך מיט אַלע מענטשן, — האָט ער אויך געהאַט אַמאָל אַ טאַטע־מאַמע, צי ניין ?...

נאָר דערוויל איז נישט געווען וואָס צו איילן זיך צו האַלטן דעם ראַנדעוואָו, אַזוי צו זאָגן, וואָס ער האָט געמאַכט אין ווייטן שאַנגהאַי מיט די קברים פון זיינע טאַטע-מאַמע — אינם קליינעם שטעטעלע, אין יונאָווצע, ביי דער ווייקסל.

— באמת... וואָס איז די גרויסע איילעניש ? ער וועט דאָך דאָ, אין פּוילן, פאַרבלייבן נאָך גאַנצע זיבן טעג...

אמת, פיר טעג פון אָט די זיבן זיינען שוין פאַריבער, — די פיר טעג, וואָס ער האָט דאָ פאַרבראַכט אינם פּאַנסיאָן. אָבער וויפל, משטיינס געזאָגט, געדויערט עס די גאַנצע נסיעה פון דאַנען ביז אָט יענעם שטעטל ? בסך־הכל עפּעס אַ וועלכע פיר שעה... רעכנענדיק שוין אפילו די קורצע רייזע מיטן דאַטשע־צוג פון דאַנען קיין וואַרשע, פון וואַנען עס איז אָפּגעגאַנגען אָט יענער צוג וועלכער האָט געפירט אין זיין געבוירן־שטעטל.

איז וועגן דערדאָזיקער פאַרשטייענדיקער נסיעה'לע זיינער אויף קבר־אבות האָט ער שוין, קאָנטיק, מיט יואלן איצט מער קיין איין וואָרט נישט געוואָלטריידן. מסתמא נישט אַזוי אוים געפּילפּולקייט איבער דעם, וואָס ער האָט זיך פאַנאַנדערגעפּלאַפּלט וועגן אַזאַ אינטי־מער זאַך זיינער מיט אַ ווילד־פרעמדן מענטשן, וועלכן ער האָט קיינ־מאָל אין לעבן ביז איצט נישט באַגעגנט — ווי גאָר פשוט :

— ער האָט דידאָזיקע קליינע נסיעה'לע אינגאַנצן מבטל גע־ווען...

און ס'איז טאַקי דאָ מער נישט געווען פון וואָס צו ריידן.

— אַ מענטש, וועלכער האָט „געדעקט" מער פון צען טויזנט מייל אין סך־הכל עטלעכע וואָכן צייט — דאַרף ער די דאָזיקע פאַר־שטייענדע נסיעה'לע זיינע מאַכן, אויב אַ סך, איז אין עטלעכע מינוט...

.11

דערפאר האָט שוין אבער מר. נעססאו מיט יואל׳ן יאָ גערעדט— און מיט גרויס חשק גערעדט ,און מיט א סך פרטים — וועגן זיין פאָרשטייענדיקער צוריק־רייזע אהיים, קיין שאַנגהאַי.

זיין רייזע צוריקוועגס האָט ער געפּלאַנעוועט נישט ווי זיין וועג אהער, דורכן פּאַסיפישן אָקעאַן און אמעריקע, נאָר — דורכן מיטל־לענדישן ים און אינדישן אָקעאַן.

דאָס וועט אפילו גענדויערן אַ היפּש ביסל לענגער, נאָר דערפאר וועט ער האָבן די באַפרידיקונג, אז ער האָט אזוי ארום געמאכט א פולע און פולשטענדיקע רייזע רונד ארום דער וועלט. —

— ער וועט האָבן ארומגעגארטלט דעם גאַנצן ערד־קוגל, — פון שאַנגהאַי ביז שאַנגהאַי...

די דאָזיקע רייזע צוריקוועגס האָט אים פונדעסטוועגן אביסל באַאומרואיקט און באַזאָרגט.

— אייגנטלעך... — האָט ער זיך ווידער פאַרטרויט דעם „לאַנדס־מאַן" זײַנעם, וועלכער איז די גאַנצע צייט געזעסן אויף זיינע לאַנגע פיס אָנגעשפּאַרט מיטן רוקן אינם ברייטן שטאַם פונם סאָסנע־בוים, האָט זיך נאָך דערווײַלע מיט קיין איין וואָרט וועגן גאָרנישט נישט אָנגערופן (וואָס עס האָט, אפנים, מר. נעססאו׳ן זייער ווייניק געאַרט) און האָט בלויז נייגעריק געקוקט אויף יענעם און געשוויגן. — אייגנט־לעך, האָט ער דאָך דאָ אפילו אַ דירעקטן און גלייכן וועג... פון לאָנ־דאָן איז דאָ א דירעקטע שיף־פאַרבינדונג מיט שאַנגהאַי...

אזא מין דירעקטע רייזע וואָלט שוין אבער געדויערט צו לאַנג, — ס׳וואָלט געדויערט אודאי העכער פופציק טעג! און ער האָט זיך געמוזט איילן:

— סך־הכל האָט ער „אסיגנירט" אויף דער דאָזיקער רייזע, לויט זיין צייט־ביודזשעט, א צייט־שטיק פון דריי חדשים...

האָט ער דעריבער באַשלאָסן: דעם וועג צוריק מאכן מיט א קורצערן מאַרשרוט, אויף ווי ווייט עס וועט זיך לאָזן. א שטייגער, אויף אַזאַ אופן:

— פון פּאַריז קיין מארסעל וועט ער פליען מיטן עראָפּלאַן... אין מאַרסעל וועט ער זיך איבערזעצן אויף דער לופט־שיף, וואָס קורסירט צווישן לאָנדאָן און פּאָרט־סאַאיד... און דאָרטן...

— איך האָב אפילו נישט אזוי שטארק ליב צו פליען, דאָס קאָן איך אייך פאַרזיכערן — האָט ער מיט א קנייטש מיטן מויל מבטל געמאכט דעם גאנצן ענין פליען; אויף זיין פולן און קיילעכדיקן לבנה־פנים האָט זיך אויסגעשניטן אזא מין גרימאסע, פונקט ווי ער וואָלט שוין איצט, ביי דער בלויזער פאַרשטעלונג פון דער לופט־רייזע, וואָס שטייט אים פאָר, שיר נישט אָנגעהויבן צו ברעכן... — נאָר וואָס זאָל מען טאָן: אז מען דאַרף פאַרט שפּאָרן צייט... מען דאַרף, מיין טייער־רער, מען מוז, א מענטש איז נישט קיין פרייער פויגל.

ווייל ער געדיינקט נאָך זייער גוט דאָס ערשטע מאָל, וואָס ער איז געפלויגן מיט אן עראָפּלאַן — די קורצע שטרעקע, וואָס צווישן לאָנדאָן און פאריז — עפּעס איינגאנצן א פּאָר שעה צייט — און קראַנק איז ער דעמאָלט געוועזן א סך מער און פיינלעכער, איידער אין משך פון אָט יענע פּאָר וואָכן, וואָס ער האָט זיך אזוי לאַנגזאַם געשלעפּט איבערן פּאַסיפישן אָקעאַן, פון יאָקאָהאַמאַ קיין סאַן־פראַנציסקאָ... עס האָט אים דעמאָלט, אויפן עראָפּלאַן, אזוי גענודיעט און אזוי געאיבלט, אז ער האָט געמיינט, אז זיין סוף איז שוין דאָ געקומען: ער וועט שוין א לעבעדיקער צוריק אויף דער ערד קיינמאָל זיך נישט אראָפּ־לאָזן... די צוויי־שעה'דיקע לופט־רייזע האָט זיך אים דעמאָלט ממש אויסגעצויגן, ווי אן אייביקייט.

— נאָר וואָס זאָל מען טאָן, אז מען מוז פאַרט שפּאָרן צייט... מען דאַרף, מיין טייערער, מען מוז. א מענטש איז נישט קיין פרייער פויגל.

נו, און אין פּאָרט־סאַאיד וועט ער שוין נעמען די לאָנדאָנער שיף, וועלכע גייט קיין שאַנגהאַי: דורך פּאָרט־סאַאיד, אַדאַן, קאַלקוטאַ, בענקאָק...

יואל זיצט שטיל און קוקט אים אָן מיט גרויס נייגעריקייט, אָט ווי איינער קוקט אָן עפּעס אַן אויסטערלישע חיה אין א זאָאָלאָגישן גאָרטן. כאָטש וואָס איז דאָ צו לייקענען: שוין די בלויזע נעמען פון אָט די ווייטע און אומבאַקאַנטע שטעט פילן אָן זיינע אויערן מיט זייער אויסטערלישן קלאַנג ווי מיט א זעלטענער נישט־ערדישער מוזיק... איז אפשר דעריבער האָט עס אים אזוי אָפּגענומען דעם לשון. נאָר מר. דזשיימס נעססאָו פאַלט אויף איין מינוט איין, אז דערפאַר שוויינט עס יענער די גאַנצע צייט, ווייל ער מוז אודאי זיין זייער א געלערנטער מענטש — ער מוז אודאי זיין א „דזשענטלמען און א

סקאלאר", א מענטש, וואָס וועגט און מעסט זיין יעדעס וואָרט... נו, אויב אזוי, קאָן ער באלד באווייזן ,אז ער אליין, מר. דזשיימס נעססאו, איז אויך נישט פון די יעניקע, וואָס קומען צוועלף אויפן טוץ, — נישקשה, ער ווייס אויך עפּעס וועגן דער ברייטער וועלט... ער איז אליין אויך א שטיקל וואויל־קענעוודיקער.

— אויף אזא אופן וועל איך אויף מיין צוריקוועגס „דעקן" אייניקע פון די אינטערעסאנטע לענדער — פּרובירט ער איבערראַשן יואל'ן מיט זיינע געאָגראפישע קענטנישן — מצרים, אראביע, אינדיע, סיאם...

ווייל אין יעדן איינעם פון אָט די לענדער שטעלט זיך אָפּ די שיף אויף עטלעכע שעה, אָדער אפילו אויף א גאנצן טאָג...

— יו נאָו סיאם ?17) א בארימט לאנד... פון דאָרט שטאַמט עס דער באוואוסטער סיאמער צווילינג...

ער איז אבער געווען זייער באזאָרגט, מר. נעססאו, צי ער וועט כאָטש דערוויזן צו מאכן די נויטיקע לופטשיף־פארבינדונג אין מאר־סעל מיט דער לופט־ליניע לאָנדאָן־פּאָרט־סאאיד; וואָרים טאָמער קומט ער נישט אָן אין צייט קיין פּאָרט־סאאיד, פארשפּעטיקט ער דאך די שיף, די „לאָרד פאלמערסטאָן", אויף וועלכער ער האָט נאָך אין שאנג־האי, נאָך אין אָנהויב פון זיין רייזע, געקויפט א שיפס־קארטע — אים וועט דעמאָלט אויסקומען צו זיצן און ווארטן דארט אין פּאָרט־סאאיד גאנצע צוויי וואָכן.

— יו נאָו — האָט ער ווידער זייער באזאָרגט אָנגעהויבן איינ־טענה'ען מיט זיין „לאנדסמאן" — איך האָב ליב פּינקטלעכקייט, האָב איך ליב... כ'האָב ליב, אז אלץ זאָל זיין גיך און אין צייט... איך האָב ליב איך זאָל, אויף מיין גאנצן מארשרוט, ערגעץ נישט פארשפּעטיקן אפילו אויף אזוי פיל, — עס דארף אליין זיין „דזשאָסט סאָ"18) — האָט ער א הילכיקן ענערגישן קנאַק געטאָן אין די צוויי מיטלסטע פינ־גער פון זיין לינקער האנט — און איך האָב דאך פון פריער אָן שוין אַלץ אויסגערעכנט פּונקט אויף דער מינוט...

אלץ דארף, אלץ מוז און אלץ וועט זיין אזוי, ווי ער האָט פאָרויס געפּלאנט, — אויב ער וועט נאָר אומעטום מאכן די נויטיקע פארבינ־דונגען אין צייט... אבער גיי פארלאָז זיך אויף די היגע, אויף די אייראָפּעאישע פאראָנדקעס... און דאָ האָט ער שוין א שיפס־קארטע גרייט... איר פארשטייט, ס'גייט נישט אינם געלט, נאָר...

— עסט — האָט ער זיך סוף־כל־סוף געכאַפּט, אַז ער האָט, מעג־לעך, יענעם צופיל שוין אָנגעדולט אַ קאָפּ מיט זיינע פּריוואַטע רייזע־אָנגעלעגנהייטן. — עסט, טייערינקער. הלמאי עסט איר נישט?

און ער האָט געהאַלטן אין איין אונטעררוקן יואַל האַקמאַנען איין שקאַרמיצל פּרוכטן נאָכן צווייטן פון די היפּשע קופּעס מיט פרישע אויבסטן, וואָס זיינען געווען אַרום אים אָנגעוואָרפן.

— עסט, זשאַלעוועט נישט... ס'וועט קלעקן פאַר צענען — האָט ער יענעם געהאַלטן אין איין מונטערן. — עסט, לאַנדסמאַן, און האָט הנאה פון דער וועלט...

.12

מיט אַ צוויי טאָג שפּעטער איז די נאַכט זייער אַ וואונדערלעכע און אַ פּראַכטיקע. דער יונגער מולד איז אַזוי דין און שאַרף און אויסערגעוויינלעך־צאַרט. פון הינטער דעם סאָסנע־וואַלד שטעלט ער איצט זיינע ערשטע טריט אויפן הימל. און דער הימל... דער הימל איז היינט ביינאַכט זייער בלוי און זייער סאַמעטיק און זייער ווייט.

שוין אַ פּאָר שעה ווי יואַל האַקמאַן בלאָנדזשעט דאָ אַרום איינער אַליין אין וואַלד. אַלע ווײַלע שטעלט זיך דער הויכער און מאָגערער בחור אָפּ, פּונקט, ווי ער וואָלט זיך אין עפּעס איינגעהערט... נאָר בסך־הכל בינדט ער דעמאָלט פון דאָס ניי אָן זיינע בליקן אָן דעם דינעם און אויסגעקרומטן מעסער פונם מולד, וואָס שניידט איצט איין מיט זיין שאַרף אַזוי רעליף און בוילעט דעם אומענדלעך־שטילן און אומ־ענדלעך־ווייטן הימל. ער איז אַזוי איידל און אַזוי דין, דער נייער מולד, אַז ס'דוכט זיך: אָט־אָט ברעכט ער זיך פּשוט איבער פון דינ־קייט, און פאַלט אַרונטער אויף דער ערד מיט עטלעכע גאָלדענע קלאַמער־שטיקער....

און דער בחור שטייט, קוקט מיט אַ פאַריסן פּנים אין דער הויך און וואונדערט זיך:

— ווי איז דאָס מעגלעך... ווי איז דאָס מעגלעך... ער האָט שוין אָפּגעלעבט, דוכט זיך, אַ היפּשע פּאָר יאָר אויף דער וועלט, און האָט נאָך ביז היינטיקער נאַכט נישט געוואוסט, אַז אַ יונגער מולד קאָן באַזיצן אַזאַ אומגעוויינלעכע פּראַכט?

מילא. נאָר מיטאָמאָל דערהערט ער זייער אַ זים געזאַנג. אַט ווערט עס אנטשוויגן, דאָס געזאַנג, און אָט ווערט עס ווידער באַניים. עס דערטראָגט זיך צו אים, דאָס דאָזיקע זיסע געזאַנג, אין שטיקלעך און צווישן אויפן רוקן פון אַ זומער־ביינאַכטיק שטיל ווינטל. און ס'איז קלאָר: דאָס זינגט עס אַ יונג מיידל אין בייגקעניש אין דער נאַכט אריין.

די שטים איז זייער זים... זי ציט יואָל'ן אַזוי שטאַרק, ווי דאָס געזאַנג פון אַ שטילן און קלאָרן וואַסער־קוואַל, וואָס מורמלט אַליין אין וואַלד. ער לאָזט זיך באַלד גיין אינם אַנטקעגנדיקן, געדיכ־טערן טייל וואַלד; ער לאָזט זיך גיין נאָכן זיסן קול, וואָס דערטראָגט זיך צו אים אָט לויטער און דייטלעכער און אָט פאַרהילכט און פאַר־ווישט.

ער בלאָנדזשעט אַזוי אין זיגזאַגן איבער ברעקלענדיקע צווייגלעך, איבער טרוקענע שישקעס. צווישן דעם אָנוואוקס פון קליינע יאָדלע־ביימלעך און קוסטעס פון צעדרייטע פלאַנצן איז איצט האַלב־טונקל. נאָר באַלד דערזעען זיך אים דורך די געדיכטע ביימער בלויע דורכ־לויכטן, ווי בלויע וואַסער־פלעקן: פונקט ווי דאָרט ווייט, אויף יענער זייט ביימער, וואָלט געוועזן אַ היפּשע, אַ בלויע אָזערע. און יואָל קומט טאַקע ווירקלעך באַלד אָן צו אַ וואַלד־זוים, טוקט זיך פון אים אַרויס און בלייבט שטיין אַ געפּלעפּטער.

אונטער זיינע פיס ציט זיך נישט קיין אָזערע, נאָר גאָר אַ היפּשער און ברייטער טאָל. ער איז פון אַלע זייטן אַרומגערינגלט מיט וואַלד, דער טאָל, און ער איז זייער שטיל. ער קוקט דעריבער אויס, ווי אַ טאָל, וואָס איז אָפּגעזונדערט פון דער גאַנצער וועלט — אַ פון־לאַנג שוין אויסבאַהאַלטענער טאָל, וואָס איז אָפּגעטיילט פון דער גאַנצער וועלט.

אונטן, אויף זיין גרונט, איז דער טאָל באַדעקט מיט פּיכטן גראָז. אויף אים בלאָנדזשען איצט שווייגנדיק אַרום אַ צאָל בהמות — בלאָנ־דזשען אַרום איינציקווייז ,אין אַלע זייטן. יעדע פאַר זיך, שטיל און שווייגנדיק, ווי ביינאַכטיקע רוחות. עטלעכע בהמות קומען אָן אַנט־קעגן פון פאַרשיידענע זייטן, הויבן אויף זייערע קעפּ און בלייבן אַזוי פאַרגליווערט שטיין איינע קעגן די אַנדערע אינם לבנה־ליכט. בלייבן שטיין שווייגנדיק און אָן איינציקן ריר, — באַטראַכטן זיך מיט גרויסע פּייכטע אויגן. פון זייערע פּייכטע מיילער שלאָגט אַ בלויע פּאַרע.

נאָר פון וואַנען דערטראָגט זיך דאָס פּאַרט אהער דאָס זיסע מיידל־געזאַנג? און איצט הערט ער שוין אויך, יואל, ווי פון צייט צו צייט גיט עס אזא שאַרפן כאַטש א שטילן קנאַל, ווי דאָס געבוירן ווערן פון א יונגן דונער פאַר א געוויטער.

צוליבן שוואַכלעכן שיין פונם יונגן מולד און צוליב די היפּשע שאָטנס, וואָס די אַרומריגנלענדיקע וועלדער וואַרפן אויפן טאָל, נעמט עס יואלן א שטיקל צייט, ביז וואַנען ער דערזעט ענדלעך אויפן קעגנאיבערדיקן זוים פונם טאָל א היפשן דרייעקעכדיקן גרויען פעלז, וואָס שיסט אַרויס פונם וואַלד אין טאָל אַרויס.

אויפן דאָזיקן פעלז טיילן זיינע בליקן באַלד אויס עטלעכע פלעקן — ווייסע און גרויע פלעקן: קאַנטיק, דאָס זיינען עס די פלעקן פון דעם זינגענדיקן מיידלס פּנים און פון דעם ווייסן מיידלשן קליידל. דאָס מיידל גיט פון צייט צו צייט א קנאַל איבערן טאָל מיט א היפשער בייטש — הייסט עס, אַז דאָרט זיצט א פּאַסטושקע, וואָס פּאַשעט ביינאַכט דאָס פי פון די אַרומיקע דערפער.

שטיל זיצט זי אזוי א ווײַלע . . . א בולטע שאַרפע פיגור וואָס שניידט זיך אריין אינם בלוי פון דער זומער־נאַכט און אינם לבנה־ליכט. באַלד באַנייט זי ווידער דאָס זינגען, וואָס זי האָט אויף א מינוט איבערגעריסן — די שטים דער פּאַסטושקעס איז אזוי פריש, און אזוי קלינגענדיק, און אזוי קלאָר, אָט ווי דאָס גיסן זיך פון וואַסער־שטרעמלעך פון אַן עמער אַרויס, וואָס הײנגט איבער א טיפן ברונען: עפּעס א באַקאַנטע מעלאָדיע... און יואל דערקענט באַלד די מעלאָדיע פון א פּאָפּולערן ציגײַנער קאַבאַרעט־ליד, וואָס ער האָט טאַקע אָפט געהערט זינגען אין וואַרשע:

— שע באָיע סאמא ספּאַטש,
ניע וויעם דליא טשעגאָ . . .

.13

אַז יואל קערט זיך אום שפּעט אין אָוונט צוריק אין פּאַנסיאָן אַריין און דערנענטערט זיך צו דער וועראַנדע, גיבן אויף אים מיט־אַמאָל א האָגל א סך טומלדיקע און שניידנדיקע קולות.

מען שפּילט דאָרט איצט אין קאָרטן, ווי יעדע נאַכט פון א גאַנץ יאָר. נאָר היינטיקע נאַכט הערשט דאָרט אויף דער וועראַנדע אָט

יענער באַזונדערער יום־טוב'דיק־אויפגערעגטער טומל פון דער גאַנ־צער לעצטער וואָך, ווען מר. נעססאו האָט אויף זיך פרייוויליק גענומען די עובדא אויסלערנען די פאַנסיאָן־געסט אַ פּאָר נייע אַמע־ריקאַנישן קאָרטן־שפּילן.

יואל וויל זיך פאַרביישלייכן דעם טומלדיקן עולם און אַרויף צו זיך אין צימער, נאָך מר. נעססאו האָט אים דאָ באַמערקט. ער פאַרלאָזט גלייך דאָס קאָרטן־שפּיל און לאָזט זיך גיין צו יואלן. זיין פולע און קיילעכדיקע פיגור, ווי אַ ביר־פעסל, קייקלט זיך קעגן אים מיט זיכערקייט און גרויסער צופרידנקייט: ער האָט סוף־כל־סוף באַוויזן אויסצולערנען זייער וואויל די היגע געסט אַ פּאָר אַמערי־קאַנישע קאָרטן־שפּילן . . .

— אָט, גרינע — פּאַטשט ער גוטברודעריש יואלן איבערן אַקסל; כדי דאָס צו טאָן דאַרף ער זיך אפילו אָנשטרענגען, זיך אַביסל אַ הויב טאָן, ווייל יואל איז אַ היפּש ביסל העכער פון אים. — אָט, גרינע חיות... וואָס האָבן זיי ביז איצט געוואוסט, משטיינס־געזאָגט, פון אַ „רעגעלער־גיים״ ?19)

דער עלפאַנטביין פון זיין נאַקעטן שאַרבן גלאַנצט איצט אין דער נאַכט מיט אַ מין בלוילעכקייט. זיין געזיכט איז לוסטיק און זאָרגלאָז. אָבער זיינע אויגן . . . נישט געקוקט אויף זיין באַרימע־רישער זעלבסט־צופרידנקייט דערקאָנט באַלד יואל אָן זיינע אויגן, אַז עפּעס איז ער איצט דוקא זייער שטאַרק באַזאָרגט, דער דאָזיקער באַנקיר פון שאַנגהאַי. און ווירקלעך: יואל דערפילט באַלד, ווי מר. נעססאָוס פּוכקינקער אָרעם גליטשט זיך אַרונטער אַהינטער זיין איינגענעם. ער פירט אים אוועק אויף אַ שפּאַציר אויף פּאַרק־סטעזש־קעס, וואָס בלייבן זיך איצט אינם לבנה־ליכט און כרושטשען אַזוי סודותדיק אונטער די פיס מיט זייערע גראַוול־שטיינדלעך.

— ס'איז נישט גוט, לאַנדסמאַן — פאַרטרויט זיך אים מר. נעססאו גלייך, אָן שום הקדמות. — הערט איר, ס'איז נישט גוט . . . איך האָב זייער שטאַרק מורא, אַז איך וועל נישט קאָנען מאַכן די נוי־טיקע „קאָנעקשאָנס״...20)

— נו, פאָרט מען אוועק מיט אַ טאָג־צוויי פריער — מוז אים שוין יואל געבן אַן עצה — יעדן אָוונט גייט דאָך אָפּ פון וואַרשע נאָך פּאַריזש דער אינטערנאַציאָנאַלער צוג . . .

— יאָ, — קווייַנקלט זיך און קנייטשט זיך אַלץ דעם באַנקירס פולער לבנה־פּנים. — כ׳ווייס . . . כ׳וואָלט אודאי טאַקע אַזוי געדאַרפט טאָן . . . טאַקע נעמען גלייך מאָרגן און אַוועקפאָרן . . . אָבער, פאַרשטייט איר מיך, מאָרגן האָב איך דאָך געטראַכט צו פאָרן קיין יונאַוועצ — אין מיין שטעטל, אויף קבר אבות . . . כ׳האָב אייך דאָך שוין וועגן דעם דערציילט . . . ניין? צוליב דעם בין איך דאָך אייגנטלעך געקומען אַהער פון שאַנגהאַי... מאָרגן איז דאָך דער לעצטער טאָג... הא? וואָס זאָגט איר? כ׳האָב געמיינט: איר האָט עפּעס געזאָגט...

הייסט דאָך עס, אַז ער דערוואַרט עפּעס צו הערן פון יואלן... איז וואָס־זשע פאַר אַ הילף דערוואַרט ער דאָ פון אים?

יואל האָט געשוויגן, געשוויגן מיט אַלץ וואַקסנדיקער נייגי־ריקייט. דער יונגער גאָלדענער האָרן פונם מולד האָט אויך גע־שוויגן. עס האָבן בלויז סודותדיק גערעדט די דין־צעשטויסענע גראַוול־שטיינדלעך אונטער די פיס און — מר. דזשיימס נעסאָו.

— יאָ, אָבער איר פאַרשטייט... — ער האָט אַזוי בעטנדיק אַריינגעקוקט אין יואלס פּנים אַריין, פונקט ווי דאָס וואָלט זיך בלויז אָן אים, אָן יואלן געוועגדט, — איר פאַרשטייט... איך בין נישט זיכער, אויב עס וועט מיר געלינגען צו מאַכן דעם „טריפּ״21) אויף קבר־אבות אין איין טאָג — אַהין און צוריק... מען קאָן דען זיין זיכער מיט די הינגע באַנען, וואָס? און ווי איז, אַז כ׳וועל פאַרשפּעטיקן, הא? וועט מיר דערנאָך אויסקומען זיצן גאַנצע צוויי וואָכן אין פּאָרט-סאַאיד... איך האָב, ווי איך האָב אייך שוין נעכטן דערציילט, ליב סיסטעם אין אַלץ — איך לייד ממש אויף דעם... און דערצו האָב איך נאָך אַ שיפס־קאַרטע אויף דער „לאָרד פּאַלמערסטאָן״ — איך האָב זי נאָך גע־קויפט אין שאַנגהאַי, איידער איך האָב אָנגעהויבן מיין רייזע...

יואל האָט שוין מער נישט געפונען פאַר נויטיק צו געבען יענעם ווייטערדיקע עדות. ער האָט שוין גלייך פאַרשטאַנען, אַז מר. נעסאָו וועט נאָך מאָרגן אָפּפאָרן קיין אויסלאַנד. איז וואָלט ער, יואל, זיך געמעגט איצט גיין ליגן רואיק שלאָפן; ער איז דאָך געווען אַזוי מיד פונם גאַנצן טאָג אַרומבלאָנדזשען אינם הייסן צעגליטן זאַמד.

אָבער מר. נעסאָו האָט אים אַלץ נישט אָפּגעלאָזט; ער האָט אים פיבעריש געקוועטשט דעם אָרעם, אַזוי, אַז ס'האָט יואלן אַזש פארקלעמט דאָס האַרץ, — אַ קרעפּטיקער בחורעץ געווען, דער אַלטער... און ער האָט די גאַנצע צייט פונם ריידן נאָך אַלץ געקוקט בעטנדיק און באַזאָרגט יואלן אין פּנים אַריין, ווי ער וואָלט ביי יענעם געזוכט דערמוטיקונג און הילף.

— איר פאַרשטייט אַן ענין... — האָט ער זיך ווי פאַרטענהט פארן לאַנגן און הויכן „לאַנדסמאַן" זיינעם — איר פאַרשטייט... ס'שטעלט זיך אַרויס, אַז פיר שעה רייזע געדויערט פון וואַרשע בלויז צו יענער באַן־סטאַנציע, ווי הייסט זי דאָרטן, דער שלים־מזל: פּילאַווע... פּילעף, ווי מען זאָגט דאָ... אָבער פון פּילעף קיין יונאָוועצע, ווייזט זיך אַרויס, דאַרף מען זיך נאָך ערשט שלעפּן אַ פּאָר שעה מיט דער אָקס...

יואל האָט נישט געוואוסט וואָס צו זאָגן יענעם, האָט געשוויגן. מר. נעסאָו האָט אים שטיל, בעטנדיק אַ דריק געטאָן ביים אָרעם. ער האָט אָנגעשטעלט אויף יואלן אַ תחנונימדיק פּנים.

— אפשר... — האָט ער זיך צו אים געווענדט מיט אַ דערשלאָגענער שטים, — אפשר וואָלט איר צוגעפאָרן אַהין פאַר מיר, טייערער לאַנדסמאַן? איר איילט זיך דאָך נישט אַזוי ווי איך... ס'וועט אייך נעמען בלויז איין טאָג... איך בעט אייך...

— ווער — איך? — פאַרשטייט אים נישט יואל האַקמאַן,

— וואָס מיינט איר?... איך פאַרשטיי נישט...

אָבער נאָכדעם ווי מר. נעסאָו האָט עס שוין ענדלעך אַרויסגעזאָגט, איז אים פון דעם אַליין געוואָרן אַ סך גרינגער, האָט ער גלייך ווי אַליין געקראָגן מער זיכערקייט אין דער פּראַקטישקייט און דורכפירבאַרקייט פון אָט דעם פּלאַן. ער האָט אָנגעהויבן ריידן צו יואלן גיך, גיך, איבערצייגנדיק, — אָ, ער האָט נישט געטאָרט געבן יענעם קיין פרייע מינוט צום טראַכטן, צום איבערלייגן זיך, זיך אַרויסצודרייען...

— יאָ... —איז זיין פּנים ווידער אויפגעלויכטן געוואָרן און האָט אָנגענומען זיין געוויינלעכן זאָרגלאָזן אויסזען, — יאָ, לאַנדסמאַן... פאַרוואָס טאָקע נים? וויפיל וועט עס אייך דען איבגאַנצן געדויערן? בסך־הכל — איין טאָג... מען וויל דען עפּעס פון אייך אַ סך, מענטש אײנער? איר פאָרט אַהין בלויז אַ קוק

צו טאָן: צי איז נאָך דאָרט פאַראַן אַן אָפּגעמעקטער שטיין פון אַ מצבה, איינגעפאַלענע ברעטלעך פון אַ שטיבל, עפּעס אַ שריפטס אינם פּנקס פונם קברות־מאַן...

— ווער — איך? — קוקט אים יואל אַלץ אָן מיט אַ פאַנאַנ־דערגעעפנט מויל, — איך זאָל פאָרן צו אייער טאַטע־מאַמע אויף קבר־אבות?

— נו־נו, ליבענקער... — זייט זשע נישט אַזוי ברוגז... — האָט דער פריידיקער אויסדרוק נאָך אַלץ נישט פאַרלאָזן מר. נעסאָוס פּנים, — כ׳וועל אייך פאַר אייער טרחה גוט באַצאָלן... אַנ־שטענדיק באַצאָלן... איר קאָנט מיך ניט... איך גיב אייך ש ו י ן הונדערט דאָלער אויפן וועג... אָ, כ׳דאַרף נישט קיי־נעמס לאַסקע אומזיסט, איך בין נישט אַזאַ מענטש; איר קאָנט מיך נישט... און נאָך אַ צווייטן הונדערטער גיב איך אייך, — איר זאָלט דאָרט מאַכן די נויטיקע אַראַנזשמענטס אויף אַוועק־צושטעלן אַ שיינעם שטיין, מיט היפּשע גאָלד־אויסגעקריצטע אותיות... ווי ס׳פּאַסט זיך פאַר מר. דזשיימס נעסאָוס עלטערן... נאַט, כ׳גיב אייך שוין די צוויי הונדערט דאָלער... גלייך אין האַנט אַריין...

ער נעמט אַרויס אַ דיק־אָנגעשטאָפּטן געלט־פּאָרטפּעל פון זיין בוזעם־קעשענע אַרויס. אָבער יואל האַלט זיך ענדלעך נישט איין און פּלאַצט אויס אין אַ גרויס געלעכטער, — אָ, ס׳איז דאָך נישט אַלע מאָל מעגלעך צו זיין העפלעך מיט אַ צווייטן, אפילו מיט אַן אייגענעם לאַנדסמאַן... זיין געלעכטער קייקלט זיך אין דער בלויער לבנה־ליכט, לויפט, ראָלט זיך אַליין און אָפּגעריסן אויף די נאַכטישע כוואַליעס, און דערקייקלט זיך אַזש ביז צום קאַלטן פּנים פון דער יונגער לבנה אינדערהויך — זי גיט דאָרט אויך אַ שמייכל מיט איר גוטמוטיק־אויסגעקרימטער צורה, די יונג־אַלטע לבנה... אַ געניטן און אַ קאַלטן שמייכל גיט זי דאָרט איבער נייע און אַלטע נאַרישקייטן פון אַ וועלט, וואָס איז איר שוין פון לאַנג, לאַנג באַקאַנט.

און מר. נעסאָו פאַלט ביי זיך מיטאַמאָל אַראָפּ פון יואלס משונהדיקן געלעכטער, מער ווי פון כ׳ווייס וועלכע ווערטער, מער ווי פון דעם גראָבסטן אָפּזאָג. ער פאַרלירט גלייך זיין פריערדיקע האָפערדיקייט, לאָזט אַרונטער זיין עלפאַנטביינערנעם קאָפּ.

— יאָ, אודאי... מסתמא האָט איר אויך קיין צייט נישט... איר זענט אודאי אַליין אויך אַ היפּש־פּאַרנומענער מענטש...

יואל האָט זיך פאַרהאַקט, צוריק אַריינגעכאַפּט אין זיך די דונערס פון דעם געלעכטער, האָט אַרויסגעצויגן אויפן געזיכט אַן ערנסטן אויסדרוק. מיט אַ דערשלאָגנקייט אין קול האָט יענער פאָרגעזעצט.

— אָבער איצט זעט איר דאָך שוין אַליין... איצט פאַרשטייט איר דאָך שוין די לאַגע — האָט ער מיט יואלן ווייטער מיט באַ־דויערונג איינגעטענהט — אַזאַ גרויסער שאָד... פון אַזוי ווייט זיך געשלעפּט אַהער... אודאי אפשר אַ מהלך פון צען טויזנט מייל...

אָבער וואָס קאָן ער דען העלפן? ווי איז, אַז ער וועט נאָך פאַרשפּעטיקן די שיף? ער האָט זייער ליב פּינקטלעכקייט... און ער האָט דאָך שוין, חוץ דעם, אַ שיפס־קאַרטע...

— האַ, איז וואָס־זשע זאָגט איר פּאָרט? וואָס־זשע איז פּאָרט אייער עצה?... איר פאַרשטייט, דאָ גייט אודאי נישט אין דעם געלט... נאָר ווייבאַלד אַז כ'האָב דאָך שוין אַ בילעט...

.14

אָפּגעפאָרן איז דער באַנקיר, מר. דזשיימס נעסאָ, טאַקע אויף מאָרגן גאַנץ פרי.

ער איז נישט אַזוי אָפּגעפאָרן, ווי זיך אָפּגעטראָגן פון דאַנען — אָפּגעטראָגן זיך עפּעס זייער פּלוצלינג און אין אייַלעניש און האָט דעריבער נישט באַוויזן אפילו זיך צו געזעגענען מיט די פּאַנ־סיאָן-געסט, ווי געהעריק איז. נאָר די געסט האָבן אויף אים דער־פאַר קיין פאַריבל נישט געהאַט: זיי האָבן אַלע שוין געוואוסט איצט, אַז ער האָט געמוזט אָפּפאָרן פון דאַנען גלייך, עפּעס צוליב זייער אַ וויכטיקן ענין: וועגן ווייס עס דאָרט אַלע זיינע געשעפטן... אָבער דער עיקר איז: ער האָט זיך זייער געאיילט — אין צוויי מעת־לעת צייט האָט ער געמוזט אומבאַדינגט שוין זיין אין מאַר־סעל. יאָ, אומבאַדינגט.

פאַרקערט. די אייליקייט און פּלוצלונגדיקייט פון יענעמס אָפּ־פאָרן האָט אים נאָך אָן אַ שיר חשובער און וויכטיקער געמאַכט

אין אַלעמענס אויגן. מען האָט וועגן דעם נאָכאַנאַנד גערעדט און גערעדט — שוין נאָך זיין פאַרשווינדן פון דאַנען האָט מר. דזשיימס נעסאָו פאַרנומען דאָ אין פּאַנסיאָן אפשר נישט ווייניקער אָרט ווי בעת זיין זיין דאָ.

— גאָרנישט... געגומען זיך און אוועקגעפלויגן — ווידער ערגעץ אויף יענער זייט הרי־חושך...

— אָט דאָס הייסט חי־געלעבט...

— אַז מען זאָגט: אַ מיליאָנער... אַ מיליאַרדער...

— פּשש... אָט דאָס הייסט דיר אַן אַמעריקאַנער...

— אָט דאָס הייסט געברענט אַ וועלט...

און אַלע צוזאַמען, קרעכצנדיק בצבור, האָבן פאַרענדיקט:

— אי, אַמעריקע... אַמעריקע...

אַלע זיינען געוואָרן איצט זייער שטאַרק באַזאָרגט וועגן דעם, צי מר. דזשיימס נעסאָו וועט אָנקומען אין צייט אַהין, וואוהין ער איז עם אוועקגעפלויגן, — פונקט ווי ער וואָלט דאָ געווען אַלעמענס אַ זייער־שטאַרק אָנגעלייגטער ליבלעכער קרוב. אין משך פון עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד האָט מען ממש נישט אויפגעהערט צו ריידן וועגן אים. ער איז זיי געווען אַלעמען ווי אַ וויזיע, ווי אַ חלום פון אַ ווייטער, אַ פרייער וועלט, ווי אַ בלויער פויגל פון גליק, וואָס האָט זיך פּלוצלונג זיי באַוויזן, האָט אַ שוועב געטאָן גינגאַלדיק פאַר די אויגן — און איז פונקט אַזוי פּלוצים נישט געוואָרן...

אָבער נישט נאָר אין וואָרט — אויך אין טאַט איז דאָ איבערגעבליבן דער זכר פונם ווייטן און רייכן שאַנגהאַיער באַנקיר, — ער איז דאָ שווינדיקערהייט איבערגעבליבן אין דער ירושה, וואָס ער האָט הינטער זיך געלאָזט.

גאַנצע טעג און גאַנצע נעכט האָט מען שוין דאָ איצט געשפּילט אָט יענע טשיקאַווע און פרעמדלענדישע קאָרטן־שפּילן, וואָס מר. נעסאָו האָט אויסגעלערנט די געסט פונם פּאַנסיאָן. אפילו די ענגלישע קאָרטן־טערמינען זיינען שוין דאָ אויך דורך אַלעמען איבערגענומען געוואָרן. מען פלעגט זיי אַרויסריידן מיט אַ מאָדנער וויכטיקייט — מען פלעגט זיי באַהאַנדלען פונקט ווי געקליבענע און עקסקלויסיווע געסט, מיט וועלכע מען דאַרף וויסן ווי זיך צו באַגיין.

— סטרייט...

— פלאָש...

— פול האוז...

— ראָיאַל פלאָש...

גאַנצע טעג און גאַנצע נעכט האָט מען דאָ איצט געשפּילט אָט די נייע שפּילן — ס'איז געווען, ווי פרומע אידן זאָגן פאַרדבקהט תהלים נאָך דער נשמה פון אַ חשובן נפטר, פון אַ זעלטענער ערלעכער נשמה.

און יואל האקמאַן דרייט זיך דערווייל דאָ אַרום. ער דרייט זיך אַרום ווי אַ „בעזליודניק": איינער אַליין און אָן געזעלשאַפט. ער טראַכט וועגן עפּעס, ער טראַכט...

— האָט זיך געשלעפּט אַהער אַ מענטש — האָט זיך געשלעפּט אַהער טויזנטער און טויזנטער מיילן, האָט זיך געשלעפּט איבער ימים און לענדער...

מיטאַמאָל פאַרקלעמט יואלן דאָס האַרץ עפּעס אַזוי שטאַרק, — ווי פון אַן אייגענעם, שטאַרק־נאָענטן ווייטיק. אַ מינוט פאַלט אים איין אַז אפשר וואָלט ער, יואל, טאַקע געדאַרפט פונדעסטוועגן אין איינעם פון די נאָענטע טעג צופאָרן אַהין אין אָט יענעם קליינעם שטעטעלע ביים ווייקסל, קיין יונאָוועצ... כאָטש ס'איז אים שוין אַזוי נישט קלאָר געווען, יואלן, וועמען וויל ער דאָ איצט אייגנטלעך העלפן, — וועמעס ווייטיק וויל ער דאָ לינדערן: דעם ווייטיק פון יענעם ווייטן פאַרשוואונדענעם שאַנגהייאער באַנקיר, צי אפשר גאָר זיין אייגענעם?...

.15

און איינמאָל, אין אַ קילבלעכן רעגנדיקן אָוונט, ווען מען האָט אויף דער וועראַנדע זייער פאַרטונענערהייט געשפּילט אין „אָפּן פּויקער", האָבן זיך אויף דער שוועל פלוצלונג באַוויזן פּאַנני זאָשאַ און פּאַנני מאַלגאָשאַ, — די צוויי אַלטע מוידן, די פּאַנסיאָן־אויפזעערינס.

זייערע רויטע פּנימער, געדיכט באַשאָטן מיט זומער־שפּרינקעלעך, ווי לאַבנס ברויט מיט קימל — כאָטש זיי האָבן די קלייען קיין באַזונדערן רייץ און אָפּעטיטלעכקייט נישט צוגעגעבן... — זיינען געווען איצט פול מיט פייערלעכן און יום־טובדיקן אויסדרוק. קיינער האָט זיך אָבער איצט אויף זיי נישט אומגעקוקט. אַזוי פאַרטיפט זיינען אַלע דאָרטן געווען אינם קאָרטן־שפּיל.

וואָרים אויף דער וועראַנדע איז די איינגעשלאָסענע לופט צווישן די אַרומיקע שמעקנדיקע קריך־פּלאַנצן געווען איצט פול און איבער־פולט מיט די צו־שטילע אויסגעשרייען און אויסרופן פון די קאָרטן־שפּילער — געניטע קאָרטן־שפּילער, וואָס קאָנען נאָך, נישקשה, באַהאַלטן און קאָנטראָלירן זייער אויפרעגונג בשעתן שפּילן, — אויסגעשרייען און אויסרופן לייטישע, וואָס באַהאַלטן און פאַר־שטיקן הינטער זיך אָן אַ שיר קאָרטן־ליידנשאַפט.

— איך פּאַס צו פּאַניע מיזעש...

— פינף דאָלער אויף דריי...

— גערעקט — און נאָך מיט צען...

— און וואָס זאָגט איר, דראָגאַ פּאַני?

די פּאַננים, — אויסגעפּוצטע און אויסגעשטראָצלטע, מיט פיינע זיידענע שאַלן אויפגעשלאָגענע און אויפגעבלאָזענע אַרום זייערע קעפּ, ווי שוים, — האָבן בײדע געהאַלטן צווישן זיך, יעדער פאַר אַ באַזונ־דערן עק, עפּעס אַ לייגגלעך גרין פּאַפּירל.

אַז זיי איז סוף־כל־סוף געלונגען איבערצושרייען אָט יענע טויבע פּאַרטנערקייט, אין וועלכער דער עולם איז געווען שוין אַ שטיק צייט פאַרזונקען, האָבן זיך די קאָרטן־שפּילער ענדלעך אומגעדרייט צו די פּאַננים, — אומגעדרייט זיך מיט ברוגזע און אומצופרידענע פּראָפילן. אומגעדרייט האָבן זיי בלויז די קעפּ; די הענט זייערע זיינען ביי אַלעמען נאָך אַלץ פאַרבליבן אויפן גרינעם טיש, ווי פריער, — די רעכטע האַנט אויף די קאָרטן, און די לינקע — אויף די קופּקעלעך און זשמענים געלט, וואָס לעבן זיי.

די צוויי פּאַננים, ביידע האַלטנדיק דאָס לייגגלעכע גרויע פּאַ־פּירל, יעדע ביי אַ באַזונדערן עק, האָבן אַ ווײַלע אָנגעקוקט איינע די אַנדערע מיט אָנגעבלאָזענע מינעס, יעדע וואַרטנדיק, ביז די צווייטע זאָל אָפּלאָזן איר עק פונם פּאַפּירל, כדי זי זאָל עס קאָנען לייענען פאַר די געסט. נאָר אַזוי ווי קיין איינע פון זיי האָט נישט געוואָלט אָפּלאָזן איר עק פונם פּאַפּירל, און אַזוי ווי זיי זיינען געווען אינ־גאַנצן צו־לייטיש און צו־גוט דערצויגן צו דערלאָזן צו אַ סקאַנדאַל, האָבן זיי סוף־כל־סוף ביידע גלייכצייטיק אויפגעהויבן אין דער הויך דאָס דאַזיקע פּאַפּירל, וואָס איז געווען אַ קאַבלגראַמע פון פּאָרט־סאַאיד — און האָבן ביידע איינצייטיק פון אים געלייענט... געלייענט האָבן זיי עס מיט אַזאַ וואַזשנעם און אַזאַ ליידנשאַפטלאָזן טאָן, פּונקט

ווי זיי וואָלטן דאָ פאַרגעלייענט זייער אַן ערנסטן און זייער אַ וויכ־טיקן דאָקומענט, — אשטייגער, אַ געריכטס־אורטייל:

„שיף "לאָרד פאַלמערסטאָן". — היינט, 3.15 נאָכמיטאָג, גע־קומען אהער בשלום צופליען פון מאַרסעל. 4.15 נאָכמיטאָג גייט אָפּ שיף פאַר שאַנגהאַי. גריסן אַלעמען. דזשיימס נעסאָו".

אויף אַ ווײַלע, אויף אַ מינוט בלויז, זיינען די פאַרזאַמלטע בײַם גרינעם טישל געבליבן זיצן שטיל, מיט מיילער פאַנאַנדערגעעפנט. פון אַלעמענס פּנימער האָט אין אָט דער מינוט אַרונטערגעקוקט אַזאַ מין באַגייסטערונג, אַזאַ מין נצחון, פּונקט ווי יעדער איינער פון זיי פּערזענלעך האָט דאָ גובר געווען וויכטיקע שטרויכלונגען פון צייט און רוים, — פּונקט ווי יעדער איינער פון זיי פּערזענלעך איז איצט, סאַמע אין אָט דער מינוט, ענדלעך אָנגעקומען קיין פּאָרט־סאַיד...

אָבער — בלויז איין מינוט אַזוי. באַלד האָט פון אַלעמענס מיילער איינצייטיק נצחונדיק אַרויסגעפּראַלט אַ יובל־געשריי:

— פּשש... אָט דאָס הייסט דיר אַן אַמעריקאַנער...

— אַי... אַי... אַי...

— אָט דאָס הייסט דיר געברענט אַ וועלט...

און אָט דער אויסדרוק פון באַגייסטערונג און נצחון איז שוין נישט אַרונטער פון קיינעמס פּנים אפילו אַ שטיק צייט שפּעטער — ער איז נישט אַרונטערגעגאַנגען אפילו דעמאָלט, ווען מען איז שוין באַלד ווידער געווען פאַרטיפט אין די קאָרטן.

נעשפּילט האָט מען ווידער זייער פלייסיק און זייער אַזאַרטיש, כאָטש זייער לייטיש און זייער איינגעהאַלטן. און אויסגעקוקט האָט עס, ווי מיט דעם נופא, מיט אָט דעם איצטיקן פלייסיקן און אַזאַר־טישע קאָרטן־שפּילן זייערן, שטעלן זיי אַ נר־תמיד, פאַראייביקן זיי תהלימדיק דעם זכר פון יענעם וואונדערלעכן און רייכן באַנקיר, וועד־כער האָט זיך געיאָגט אהער צוליב עפּעס אַ וויכטיקן ענין פון דער ווייטער שטאָט אויפן פּאַציפישן אָקעאַן, פון שאַנגהאַי, — זיך גע־יאָגט אהער איבער אָקעאַנען, איבער אַ סך מדינות און לענדער, אַ מהלך אַזש פון וואָסערע העכער צען טויזנט מייל.

קאָוועל, פּוילן, 1924 ; פילאַדעלפיע, פּ. ב., 1926.

קנאָבל-וואורשט

1.

אין נויאָרק, אויף אַ ראָג פון בראָדוויי און איינער פון די עטלעכע־און־דרייסיקסטע גאַסן, אינם טומלדיקסטן ווינקל פון דער גאַנצער וועלט, איז דאָ אַ קאָנפעקטן־קלייט, וואו מען פאַרקויפט די פּראַכטיקסטע קאַראַמעלן — די קאַראַמעלן פון דער פירמע „קלאָרים און לאַמאָנט".

דער דאָזיקער ווינקל פון נויאָרק — אַזוי איז פעסגעשטעלט געוואָרן וויסנשאַפטלעך דורך זייער קאָמפּליצירטע און שפּאָגל־נייע אַקוסטישע אינסטרומענטן, מיט וועלכע אַ קאָמיסיע פון דער נויאָרקער שטאָט־פאַרוואַלטונג האָט אַ לענגערע צייט עקספּערימענטירט און געמאָסטן די געדיכטקייט פונם גערויש אין פאַרשיידענע שטאָט־ווינקלען פונם וועלט־כרך — דער דאָזיקער ווינקל פון נויאָרק איז דער טומלדיקסטער ווינקל פון דער גאַנצער וועלט. איר פאַרשטייט? נישט נאָר פונם וועלט־כרך נויאָרק אַליין, נאָר טאַקע פון סאַמע דער גאַנצער וועלט!

דאָס איז אַוודאי נישט קיין קלייניקייט. אדרבא, פּרואווט נאָר אַליין און גיט זיך אַ שטעל פּאָר:

אויף אָט יענעם איינגעשלאָסענעם שטיקל ערד, — אַ פּאָר שמאָלע אַספאַלט־פאַרוואָקסענע גאַסן־טאָלן צווישן ריזיקע בערג פון פעלזיקע וואָלקן־קראַצערס, — טומלט זיך און פּילדערט זיך און רוישט מער ווי ערגעץ אַנדערש־וואו אין דער גאַנצער וועלט . . .

איר וועט זען אַז ס'וועט אייך שוין פון דער דאָזיקער פאָרשטעלונג אַליין אָנהויבן באַלד שווינדלען אין קאָפּ, שטאַרק קלאַפּן און טיאָכקען אין האַרץ און אַ סקרוך וועט אייך אַזש דורכגיין איבערן לייב . . . אָבער פונדעסטוועגן: די קאַראַמעלן ,וואָס מען קריגט דאָרט צו קויפן, אָט אויף יענעם ראָג גאַס, זיינען די בעסטע און געשמאַקסטע קאַראַמעלן, וואָס איר האָט ווען עס איז געגעסן, — זיי צעגייען זיך ממש ביי אייך אין מויל.

ווייל די דאָזיקע קאַראַמעלן זיינען געמאַכט פונם שמעקעדיקסטן קרעם, פונם פרישסטן פּוטער און פונם בעסטן שאָקאָלאַד — זיי דערמאָנען אייך אין די „אירים", מיט וועלכע חדר־אינגלעך קוויקן

זיך אַזוי יום־טובדיק אין די קליינע שטעטלעך פון דער אַלטער אַמאָ־ליקער „היים״. אָ, אודאי: ס׳איז גאָר אַ חלול השם צו מאַכן אַזאַ מין פאַרגלייך צווישן אָט יענע קליינשטעטלדיקע „איריסן״ און דער געהויבענער קוואַליטעט פון די קאַראַמעלן „קלאַרים און לאַמאַנט״. דער פאַרגלייך ווערט דאָ בלויז געמאַכט צוליב דעם געפיל פון פריי־דיקער יום-טובדיקייט, וואָס אָט די קאַראַמעלן רופן אַרויס אינם האַרץ פון אַ דערוואַקסענעם, שוין געניטן און ראַפינירטן גרויס־שטאָטישן קאָנפעקטן־עסער... אָט פונקט ווי עס טוען עס יענע היימישע איריסן אינם יונגן און פרישן האַרץ פון אַ קליינשטעטל־דיקן חדר-אינגל.

.2

מר. יונה קודלע, דער וויכטיקסטער שותף און דעריבער טאַקע דער פּרעזידענט פון דער באַקאַנטער בראָדווייער קלאָוק־פירמע „דזשאָ־נאַס קודל בראַדערס״, האָט געהאַט בדעה היינט נאָך דער אַרבעט זיך אַריינכאַפּן אַהין, אין אָט יענער קלייט. ער האָט באַדאַרפט קויפן דאָרט אַ פּאָר פונטיקע שאַכטלעך פון די דאָזיקע וואונדער־לעכע קאַראַמעלן.

נישט צוליב זיך אַליין, חלילה. אים זיינען אַזעלכע נאַריש־קייטן אודאי נישט געלעגן אין קאָפּ. אין קאָפּ זיינען אים געוויינ־לעך גאָר געלעגן: מאַנטלען, קאָסטיומען, רעק און רעגן־מאַנט־לען; סטאַקס, באַנד, שערס, צאָלונגען אויף וועקסלען און אויף מאָרטגעדזשעס1). און איצט, בשעתן רעכטן ברען פון סעזאָן, איז אים, פאַרשטייט זיך, אודאי און אודאי נישט געלעגן אין קאָפּ קיין קאַראַמעלן. מען האָט געדאַרפט איצט זיך יאָגן — זיך יאָגן אַליין און אַרויסיאָגן די נשמה ביי יעדן איינעם אין שאַפּ, ביי יעדן אַר־בעטער, יונג און אַלט; מען האָט נעדאַרפט אומבאַדינגט אויס־פּאַרטיקן וואָס גיכער די נייע פאַסאָנען פון קאָסטיומען און מאַנט־לען פאַרן קומענדיקן סעזאָן.

ס׳איז דאָך שוין געווען סוף ווינטער אין דרויסן. די „באַיערס״2) פון אָן אַ שיעור דרומדיקע שטאַטן זיינען דאָך שוין פון לאַנג דאָ אין שטאָט, — און ער, מר. קודלע, האָט זיך עפּעס היינטיקן סעזאָן אַזוי מיאוס פאַרשפּעטיקט . . . די פירמע „דזשאָנאַס קודל בראַ־

דערס" קען נאָך אויף אַזאַ אופן צום סוף סעזאָן בלייבן ערשט שטעקן מיט איר גאַנצן סטאָק.

און בכלל:

ווייבאַלד אַז ער — מחמת יונה קודלע, דער הויפּט-אַקציאָנער און דער פּרעזידענט פון דער פירמע, איז פון תמיד אָן געוואוינט געווען צו טראַכטן וועגן זיך אַליין ווי פון דער פאַרקערפּערונג פון דער גאַנצער פירמע — איז ווייבאַלד, אַז ער האָט זיך אַזוי פאַר־שפּעטיקט מיט זיין סחורה, האָט ער דאָך אויך פאַרשפּעטיקט מיט אַ סך פון זיינע צאָלונגען, וואָס ער האָט געדאַרפט מאַכן שוין עט־לעכע וואָכן אין אַ רייע בענק, וואו ער נעמט אָנהויב סעזאָן געלט אויף קרעדיט; און ווייבאַלד, אַז זיין שאַפּ האָט זיך היינטיקן סעזאָן פאַרשפּעטיקט אין אויספאַרטיקן צו דער צייט די נייע מוסטערן און מאָדעס פון מענערשע אָנצוגן און מאַנטלען, האָט זיך די פירמע „קודל בראָדערס" במילא אויך פאַרשפּעטיקט צו קריגן די פּרילינגס טשעקס פון די „באַיערס" (מיט אָט די טשעקס מאַכט מען דאָך געוויינלעך די צאָלונגען אין די בענק), און ווייבאַלד, אַז ער האָט פאַרשפּעטיקט צו מאַכן די צאָלונגען אין די בענק, איז במילא — —

אין דער אמתן: ס'איז אויסגעקומען עפּעס זייער אַ פאַרפּלאָנ־טערטער געשעפט, גאָר, גאָר אַ מיאוסער ענין... און ס'איז אים, מר. קודלען, נאָך דערוויל נישט געווען קלאָר, ווי אַזוי ער וועט זיך פון אָט דעם אַלעמען אַרויספּלאָנטערן.

ערגער פון אַלץ איז געווען דאָס, וואָס יונה קודלע האָט נישט געקענט ביי זיך פּועלן ווער ס'איז אין דער געשעפענער לאַגע שולדיק.

— איז דאָס מעגלעך — שולדיק אין דעם איז טאַקע ער אַליין, דזשאָנאַס קודל?

אין שאַפּ איז די לעצטע צייט פאָרגעקומען נאָכאַנאַנד אַ שטי־לער קריג צווישן אים און זיין אינגערן ברודער, דעם צווייטן וויכ־טיקסטן שותף, — אַ שווייגנדיקער און פאַרביסענער ברוגז, כמעט ווי ביי מאַן־און־ווייב.

דער ברודער האָט אים דאָ נישט לאַנג, מיט זייטיקע אָנצוהערע־נישן, געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אין דעם גאַנצן טראָבל אין שאַפּ איז שולדיק טאַקע ער אַליין, יונה: עפּעס ליגט אים לעצטנס, ווייזט אויס, דער קאָפּ גאָר ניט אין די ביזנעס — ער ליגט אים

דער טייוול ווייס וואו . . . ער גייט אַרום, יונה, די גאַנצע צייט אַ צעטראָגענער און נישט-היגער. און דער שאַף האָט אודאי גלייך דערפילט: איבער אים וואַכט שוין ניט מער יונה קודלעס שאַרפער און שפּיזלדיקער בליק — אַ שפּיזלדיקער בליק פון גרויע אויגן — האָט ער זיך אָפּגעלאָזן, דער שאַף, איז געוואָרן אַן אומ־אָרדנונג . . .

און ערגער פון אַלץ איז דאָס, וואָס מען קאָן אייגנטלעך קיינעם נישט אין שאַף כאַפּן ביי דער האַנט — עפּעס האָבן זיך אַלע, אַלע מיטאַמאָל אָנגעהויבן אונטערפוילן . . . מען גיט פּשוט קיין אַרבעט נישט אַרויס!

— אַ שאַף דאַרף זיין אונטער אַ שטענדיקן ציטער פון שטרענג־קייט, פון שאַרפקייט און דיסציפּלינירטקייט, — פלעגט דער אינגע־רער ברודער, אַ ברונעט מיט קאַלט־בלויע אויגן, מיט יונה קודלען נאָכאַנאַנד איינטענהן, — אַ ניט טויג עס אויפן פייער, איז עס אַ ניט-געאוילטע מאַשינעריע . . .

און אָט דעם אָ שאַרפן, דורכנעמענדיקן אויל פון זיין ווילן האָט יונה קודלע אין דער שאַף־מאַשינעריע די לעצטע עטלעכע וואָכן פאַרפעלט אַריינצוגיסן. ער, יונה, איז דעריבער שולדיק אין דעם גאַנצן פינאַנציעלן פלאָנטער, וואָס מען ווייסט נאָך נישט, ווי די פירמע וועט זיך פון אים סוף־כל־סוף אַרויספּלאָנטערן. ער, און ניט קיין אַנדערער.

.3

סאיז קלאָר:

ביי אַזעלכע אומשטענדן האָבן אים וויניק וואָס אין קאָפּ גע־קאָנט ליגן קאַראַמעלן. חוץ דעם: קוקנדיק אויף אים, אויף יונהן, האָט מען בכלל זייער וויניק געקאָנט טראַכטן פון אים ווי פון אַ פרעסער, ווי פון אַ נאַשער, ווי פון אַ מענטשן אַן עולם־הזהניק. דאָס איז געווען אַ נישט־דערוואַקסענער מאַנספּאַרשוין, אַ קינדיש קערפּערל אויף קורצע פיסלעך, דאַר, אויסגעמאַרעט, ווי אַ פּריזיוווניק אָן אַ לגאָטע און אָן אַ בראָק: אַ מענטשל מיט טיף־איינגעפאַלענע באַקן, ווי ער וואָלט שוין אַ שטיק צייט נאָכאַנאַנד

געפּאַסט תּענתים, — שוין יאָרן און יאָרן געפּאַסט מאָנטיק־און־דאָנערשטיקס.

אַ קורץ מענטשל: לאַנג זײַנען בײַ אים געווען בלויז זײַנע אָרעמס. זיי האָבן אים דערגרייכט ביז צו די קני און זײַנען געווען באַוואָקסן זייער געדיכט מיט האָר. אפילו די הענט זײַנען בײַ אים געווען באַוואַקסן געדיכט, אפילו די קנעכלעך פון די פינגער — ממש ווי בײַ אַ מאַלפּע; דאָס זײַנען געווען הונגעריקע, אָנגרייפּנדיקע, אַרײַנכאַפּנדיקע און פעסט־צוהאַלטנדיקע אָרעמס און הענט...

חוץ די גרויסע אָרעמס זײַנען בײַם דאָזיקן קליין־מענטשעלע אויך געווען גרויס זײַנע אויגן — קאַלט־ברענענדיקע און שאַרפע אויגן; גרויע אויגן אונטער געדיכטע און שטרײַנגע ברעמען, וועלכע זײַנען זיך צונויפגעקומען צוזאַמען סאַמע איבערן נאָז אין אַן איין־אײנציקער, לאַנגער און געדיכטער ברעם — אַ ברעם, וואָס האָט זיך געצויגן כמעט פון איין אויער ביזן צווייטן.

יאָ, ס'איז געווען קלאָר: נישט ער, יונה קודלע, האָט געדאַרפט די קאַראַמעלן, נישט פאַר זיך האָט ער זיי באַדאַרפט. געדאַרפט האָט ער זיי נאָר פאַר זײַן ווײַב. יעדן שבת אָוונט פלעגט ער איר שוין ברענגען אַ מתנה אַ שאַכטל קאַראַמעלן, און דווקא „קלאַדים און לאַמאָנט". זײַן ווײַב איז געווען אַ גרויסע מפונקת אויף קאָנפעקטן. זײַן ווײַב, כאָטש זי איז געווען אַ הי־געבוירענע, האָט קיינע חדר־אייגלעך קיינמאָל אין איר לעבן נישט אָנגעקוקט און האָט קיין „אירים" קיינמאָל נישט פאַרזוכט — האָט זי פונדעסטוועגן בשום אופן קיין אַנדערע קאָנפעקטן נישט געוואָלט עסן. וואָס שייך נישט געוואָלט — פשוט: זי האָט נישט ג ע ק אָ נ ט.

איז אַ גאַנצן נאָכמיטאָג אין שאַפּ האָט אים שוין נישט אָפּגעלאָזן דער געדאַנק:

— אויפן וועג אַהיים, טאָר ער למען השם נישט פאַרגעסן זיך אַרײַנצוכאַפּן אין אָט יענער קלייט אויף בראָדוועי קויפן אַ פּאָר שאַכטלעך קאַראַמעלן...

היינטיקן שבת נאָכמיטאָג האָט ער עס זיך באַמיט צו פאַרגעדיינקען אַ סך מער, ווי אַלע אַנדערע שבת־נאָכמיטאָגס. ער האָט זיך אַליין נישט שטאַרק געטרויט דאָס מאָל, אַז ער וועט זיך אָן דעם זיכער דערמאָנען: עפּעס איז ער דאָך לעצטנס אַזוי צוטראָגן, אַזוי צוטומלט... יאָ, זײַן אינגערער ברודער איז אַפּנים גערעכט:

— עפּעס מוז ער לעצטנס נישט זיין מיט אַלעמען, יונה... ניין.

האָט ער דעריבער געהאַלטן אין איין איינחזרן, אין איין אַריינ־קלאַפּן זיך אין קאָפּ, ווי מיט טשוועקעס:

„קאַראַמעלן למען־השם קויפן... זען למען־השם קויפן אַ פּאָר שאַכטלעך קאַראַמעלן „קלאַרים און לאַמאַנט".

.4

נישט, אַז יונה קודלע זאָל האָבן אַזוי שטאַרק ליב געהאַט זיין ווייב, און זאָל האָבן תמיד געהאַלטן אין איין טראַכטן ווי איר אָנטאָן וואָס מער נחת רוח... ניין, יונה קודלע האָט זיין ווייב נישט ליב גע־האַט. שוין לאַנג אפילו נישט ליב געהאַט, איינגטלעך קיינמאָל נישט ליב געהאַט, כאָטש פיינט געהאַט האָט ער זי אפשר אויך נישט.

דאָס הייסט, די ערשטע יאָרן נאָך דער חתונה האָט ער זי טאַקע פיינט געהאַט, פיינט געהאַט זי הויפּטזעכלעך דערפאַר, וואָס ער האָט, צוליב איר, זיך אַליין אויך פיינט געהאַט... און זיך האָט ער פיינט געהאַט דערפאַר, הלמאי ער האָט מיט איר חתונה געהאַט. און חתונה געהאַט האָט ער מיט איר דערפאַר, וואָס ער האָט געדאַרפט האָבן די הילף פון איר רייכער און איינגעפונדעוועטער משפחה, אויף ענדלעך צו קענען זיך שטעלן אויף די אייגענע פיס — נאָך אַזוי פיל יאָרן פון אוועקלייגן די יונגע און די בעסטע כחות זיינע אין אַלערליי שעפּער; נאָך אַזוי פיל יאָרן פון אומבאַשטימטן אַרומוואַרפן זיך אַהין און אַהער — אין ניו יאָרק, אין שיקאַגאָ, אין פילאַדעלפיע און אין אַנדערע שטעט — אַן אומרואיק און נישט געלונגען אַרומוואַרפן זיך פון מלאכה צו מלאכה, פון נעשעפט צו נעשעפט.

אָבער איצט האָט ער דאָס ווייב זיינס שוין מער נישט אי נישט ליב געהאַט און אי נישט פיינט געהאַט: אַ היים איז אַ היים... ער האָט דאָך אויך נישט פיינט געהאַט, אַ שטיינער, די שטיקער מעבל, וואָס האָבן צוזאַמענגעשטעלט זיין היים. מער נישט: זיין ווייב פלעגט זייער אָפט און זייער אַ סך ריידן. און נאָך: זי פלעגט אים שטאַרק דערעסן מיט איר וויינען, ווען ער פלעגט עפּעס אַ זאַך נישט טאָן אַזוי ווי זי האָט נעדענקט, אַז עס וואָלט געדאַרפט געטאָן ווערן. און איר וויינען, האָט זיך זייער געוואָלט אויסמיידן.

די ערשטע צייט פלעגט זי אין אַזעלכע פאַלן בלויז ברוגז ווערן און אנטשוויגן ווערן אויף טעג גאַנצע. זי פלעגט דעמאָלט שווייגן זייער אויף אַ חשובן, זייער אויף אַ שטאָלצן און זייער אויף אַן אריס־טאָקראַטישן אופן. אָבער דאָס איז אים, מר. קודלען, גראָד געווען זייער שטאַרק צום הארצן: דעמאָלט פלעגט ער דאָך ערשט רעכט קענען זיין שטיל און רואיק — אין באַרואיקענדיקן פרידן מיט זיך און מיטן גאַנצן מעבל אין שטוב...

אָבער, אַז זי האָט אינגיכן איינגעזען, אַז דאָס ברוגז־זיין אירס אַרט אים נישט; אַז זי האָט אינגיכן איינגעזען, אַז איר מאַן איז זייער אַ פּראָסטער און גאָרנישט קיין פיין־פילנדיקער מענטש; אַז זי האָט, בקיצור, איינגעזען, אַז אַן „אימיגראַנט בלייבט פאָרט אַן אימיגראַנט", — האָט זי אָנגעהויבן אין אַזעלכע פאַלן צו געברויכן געוויינלעכערע, פשוטערע און גראָבערע ווייבערשע מיטלען. און טאַקע חלשן אויך, אַז מען פלעגט עס באַדאַרפן — פאַרוואָס, אַ שטייגער, האָט זי טאַקע נישט געזאָלט חלשן, אויב מען האָט עס זייער באַדאַרפט? זי איז דאָך סוף־כל־סוף געווען געצוואונגען צו געברויכן אַזעלכע מיטלען, — וויבאַלד, אַז איר גורל האָט זי פאַרבונדן מיט אַזאַ פשוטן און נישט אנטוויקעלטן מענטשן, ווי עס איז געווען איר מאַן, מר. יונה קודלע.

נו, און ער, מר. קודלע, — פאַרקערט: ער האָט זייער שטאַרק געוואָלט, אַז קומענדיק אהיים נאָך אַ לאַנגן טאָג פון טומלענדיקן אַרומשמאַיען אין שאַפּ, זאָל ער כאָטש די פּאָר אָוונט־שעה האָבן רו... זאָל ער כאָטש דעמאָלט האָבן אַרום זיך אין שטוב אַ צונויפקלייב פון שטילע און געמיטליכע און נישט באַאומרואיגנדע שטיקער מעבל. פלעגט ער שוין דעריבער זען נאָכגעבן איר אין אַלע, אַלע שטוב־קליי־ניקייטן.

— וואָס איז דער חילוק? סיי־ווי־סיי: זיין אמתער לעבן איז דאָך געלעגן נישט דאָ — זיין אמתער לעבן איז דאָך געלעגן אינגאַנצן אין שאַפּ.

5.

היינט איז געווען שבת. אָבער צוליב דעם, וואָס ס'איז געווען איצט פיבערדיקע סעזאָן־צייט, האָט מען נישט אָפּגעשטעלט די אַרבעט

מיטאָג־צייט, ווי געוויינלעך שבת, נאָר מען האָט געאַרבעט ביז אַזייגער פיר. מר. קודלע איז אָבער פאַרבליבן אין אָפּיס אַביסל לייַנגער, אי־בערקוקן מיטן ברודער און מיטן דריטן פרעמדן שותף די געשעפטס־ביכער און די חשבונות פאַר דער גאַנצער וואָך. פון דעם איז אים אודאי גרינגער און לופטיקער אין קאָפּ נישט געוואָרן. אָבער די גאַנצע צייט, אפילו בשעת די סאַמע ערנסטע, אנגעשטרענגטסטע און דעלי־קאַטסטע שמועסן מיט זיין ברודער און מיטן פרעמדן שותף וועגן דער קריטישער לאַגע פון דער פירמע, און וועגן דעם, ווער עס איז שולדיק אין דעם אַלעמען, — האָט ער אַלץ די גאַנצע צייט נישט אויפגעהערט צו טראַכטן:

— קאַראַמעלן... אומבאַדינגט: נישט פאַרגעסן קויפן שפּעטער די קאַראַמעלן, „קלאַרים און לאַמאַנט״.

נו, אַז ער איז יענעם טאָג ענדלעך אַרויס פון שאַפּ, איז שוין געווען דער אָנהויב פון אַ קילן און אַ מילדן אָוונט פון תחילת־פרילינג. דער הימל איבער ניו יאָרק איז געווען ציכטיק און בלייך אַזוי — שפּאָגל־ניי און אויסגעשייערט לכבוד דעם אָנהויב פון פרילינג. די בלויקייט פונעם הימל איז געווען זייער אַן איידעלע און זייער אַן אָפּגע־צערטע — גיכער אַ לילאַ־קאָליר — אַ הימל נאָך אַ שווערער ווינטער־דיקער חולאַת. ס׳האָט זיך געדוכט: אויך די מענטשנס פּנימער אויף די גאַסן זיינען געווען איצט אַזעלכע בלייכע און אָפּגעצערטע, כאָטש שמייכלענדיקע און גוטע... אָט טאַקע ווי פּנימער פון מענטשן, וועלכע קומען ערשט צו זיך נאָך אַ לאַנגער שווערער חולאַת.

דער קאָפּ האָט מר. קודלען וויי געטאָן, און ער האָט געוואָלט אַביסל זיך דורכשפּאַצירן אויף דער פרישער לופט. ער האָט דעריבער אָפּגעשיקט אַהיים דעם נעגערשן שאָפער זיינעם מיט דער מאַשין, וועלכער האָט אונטן אין גאַס שוין אַ היפּשע צייט געוואַרט אויף אים. אַליין האָט ער זיך געלאָזט גיין צום גרילי סקווער, צוזאַמען מיט דעם גאַנצן שוואַרצן געדיכטעניש פונעם גרויס־שטאָטישן מענטשן־שטראָם.

ער איז איינגעטליך ניט געגאַנגען — דער געדיכטער עולם פון טויזנטער און טויזנטער מענטשן, וואָס האָט נאָכאַנאַנד און אָן אָן אויפהער דאָ געפליצט אַכטצן שעה אין מעת־לעת — געפליצט אויף און אָפּ, ווי אַ טייך מיט טאָפּלטע אַנטקעגנגעזעצטע שטראָמען — דער דאָזיקער שטראָם האָט אים אַ נעם געטאָן אויף זיך און אים אַ טראָג

געטאָן גרינג ווי אַ שפּענדל. ס'איז פון מר. קודלען מיטאַמאָל אַוועק־גענומען געוואָרן דער מוז זיך אַליין צו באַוועגן, צו אַכטונג געבן אַליין וואוהין ער גייט — די געדיכטע, שווארצע מאַסן האָט אים שוין פון זיך אַליין געטראָגן, — גרינג אַזוי געטראָגן ווי אַ פעדערל.

ביי אַ ראָג גאַס, אויב דער וואונדערלעכער כשוף־מאַכער פון אַ פּאָליסמאַן אין די ווייסע הענטשקעס האָט מיט זיין כשוף־שטעקעלע דעם געדיכטן שטראָם איינס־און־צוויי געשפּאָלטן שאַרף אין צוויי גלייכע שווארצע ווענט — האָט זיך יונה קודלע אויך אָפּגעשטעלט. אויב נישט — איז ער ווייטער מיטגעשלעפּט געוואָרן. ס'איז באמת געווען אַ מחיה... עס האָט דעריבער פּאַסירט, אַז דווקא דאָ, אין אָט דער געדיכטעניש פון טויזנטער און צענדליקער טויזנטער מענטשן, האָט מר. קודלע זיך ערשט רעכט פריי געקענט איבערגעבן זיינע געדאַנקען.

פון דעם אַליין וואָס ס'איז אַוועקגענומען געוואָרן פון אים דער מוז אַכטונג צו געבן אויף יעדן טראָט זיינעם, איז אים זייער גרינג געוואָרן — אין קאָפּ איז אים מיטאַמאָל געוואָרן גרוים און ליידיק... אַלץ איז פון אים אָפּגעטאָן געוואָרן מיטאַמאָל אַזוי פּלוצלינג. אַלץ איז איבערגעלאָזן געוואָרן פון הינטן — די זאָרגן, די ערגענישן פונעם גרויסן קלאָוק־שאָפּ, דאָס קאָפּ־דרייעניש פון די ריזיקע „לעדזשערס"(3) מיט די ממש מיליאָנען מאָנצינקע ציפערן, וואָס הויערן אויף אים תמיד אין דעם קליינע: אָפּגעצאַמטן אָפיס, ווי די פאַרשפּאַרטע חיות אין אַ שטייג — אַלץ, אַלץ איז עפּעס מיטאַמאָל צערונען געוואָרן... מער נישט — איין זאַך:

— אַך, יאָ... די קאַראַמעלן?

— נו, גוט, באַלד... באַלד וועט ער דאָך שוין אַהין אָנקומען — בלויז נאָך צוויי קוואַרטאַלן.

און יונה קודלע האָט זיך אָנגעהויבן וואונדערן:

—מאָדנע... ווי קומט עס טאַקע וואָס דער שווערער און פאַרפּלאָנ־טערטער צושטאַנד פון דער פירמע רירט אים עפּעס איצט אָן אַזוי וויניק — ס'איז דאָך נאָך קיינמאָל נישט געוועזן אַזוי... וואָרים בסך־הכל: וואָס פאַר אַן אַנדער אינהאַלט און אָנשפּאַר און פאַרבונד מיטן לעבן האָט ער דען געהאַט, ווען נישט דורכן שאָפּ? און דאָך...

עפּעס איז דאָס אַלץ מיטאַמאָל ווי אינגאַנצן אָפּגעווישט געוואָרן — אָט פּונקט ווי ער, מר. קודלע, וואָלט געהאַט אָן אַ שיער וויכטיקערע ענינים, וועגן וועלכע ער וואָלט איצט געדאַרפט אַ טראַכט טאָן.

— אָבער וואָס, א שטייגער?... און איז אָפּטמאָל זיין ברודער טאַקע נישט געדעכט? זיין קאָפּ איז לעצטנס פאַרנומען גאָר וויים מיט וואָס פאַר א נאַרישקייטן...

דורכדעם וואָס ער האָט, צום ביישפּיל, זיך שלעכט צוגעהערט צו די רייד פונם הויפּט־צושניידער, סעמקע מיטן קאַסאָקע אויגל, זיינען היינט גאַנצע פינף פּעקלעך ווארע אומזיסט און אומנישט צעשניטן געוואָרן... און נאָך עפּעס: דיקטירנדיק מיט עטליכע טעג צוריק דער סטענאָגראַפּיסטקע עפּעס א בריוו — אָן ענטפער אויף אַן אָנפראַגע פון א פריינדלעכן געשעפט ווענן די נייע פּרייזן היינטיקן סעזאָן — האָט ער אזוי צודרייט די דאָזיקע פּרייזן, אַז ווען דער ברודער וואָלט צופעליק נישט געהאט איבערגעלייענט יענעם טאָג די קאָרעספּאָנדענץ איידער מען האָט זי ארויסגעשיקט, וואָלט ארויסגעקומען אזא מין מיש־מאַש, אזא מין אומפאַרגעבלעכער אַבסורד, וואָס וואָלט געמאכט צו שאַנד און צו שפּאָט די גאַנצע פירמע „דזשאָנאַס קודל בראָס"...

— זע נאָר אקאַרשט... — האָט אים דער ברודער מיט איינגע־האַלטענער רוגזה געוואָרנט, — אַז ס'זאָל אזוי לייִנגער נישט אָנהאַלטן.

און מר. יונה קודלע ווערט טאַקע שטאַרק באַזאָרגט:

— טאַקע אין דער אמתן... וואָס איז דאָס טאַקע פּאָרט לעצטנס דער מער מיט אים?

עס ווערט אים ערשט איצט קלאָר — אין דעם באַפרייטן אָפּגע־ראַמטן צושטאַנד פון זיין מח, צווישן די צענדליקער טויזנטער על־בויגנס, פּאַטילניצעס און פיס ארום אים — עס ווערט אים ערשט איצט קלאָר, אַז עפּעס איז טאַקע לעצטנס דער מער מיט אים... מער נישט, ער ווייסט נישט ו ו אָ ס אייגנטלעך איז דער מער מיט אים.

— אפשר... אפשר איז ער גאָר קראַנק? אפשר איז עס ביי אים דער אָנהויב פון עפּעס אַזא מין מאָדנער, דערוויל נאָך אומבאַקאַנטער חלאת?

יאָ, ער איז, דוכט זיך אים, טאַקע קראַנק. שאַ... וואַרט נאָר...

און פּונקט ווי מען דערמאָנט זיך פּלוצלונג אָן א חלום, וועלכן מען האָט שוין לאַנג, לאַנג צוריק געחלומט, נאָר אין וועלכן מען האָט זיך ביז איצט, אין א וואַכענדיקן צושטאַנד, קיינמאָל נישט דערמאָנט, אזוי האָט זיך יונה קודלע מיטאמאָל דעראינערט:

— ס'איז שוין עטלעכע אָוונטן ווי ער פּירט זיך אויף עפּעס מאָדנע... זייער און זייער מאָדנע.

6.

ס׳איז שוין עטלעכע אָוונטן ווי ער שטייט אַזוי אָפּ שעהן גאַנצע ביז גאָר שפּעט אין דער נאַכט אַריין, סאַמע ביז אַריבער האַלבע נאַכט; שטייט אַזוי איינער אַליין אַ פאַרחוש׳טער ביים פענצטער פונם טונ־קעלן סאַלאָן־צימער און קוקט נאָכאַנאַנד אַרויס דורך די בלווילעכע שויבן, אַט פּונקט ווי ער וואָלט דערוואַרט פון דרויסן עפּעס גרויסע בשורות — דאָס אָנקומען, אַ שטייגער, פון משיחן.

— ווייל, בסך־הכּל, וואָס זעט ער דען דאָרטן?

אַז ס׳איז אַ ליכטיקע נאַכט, זעט ער דאָרטן, אין זיין גערטנדל, די אַרומגעשווירענע פּאַרקאַן־קוסטעס, וואָס גרינען אפילו אום ווינ־טער; די קאַרליקע־בוימלעך אינמיטן מיט זייערע נידריק־אָפּגעהאַקטע, קורצע פּעניעס פון צווייגן, ווי אָן אַ שיעור אַקסלען און אָרעמס, וואָס זיינען אָפּגעהאַקט סאַמע ביז צו די פּלייצעס; אַ פּאָר שניי־פּלעקן, אין וועלכע דער אָנקומענדיקער פרילינג בייסט זיך שוין איין, צעלעכערט און צעפּרעגזלט זיי. און — מער גאָרנישט.

אָבער דאָס איז אַלץ געוועזן, אַז ס׳איז ליכטיק... אַז ס׳איז טונקל, זעט ער דאָרט גאָרנישט. איז צו וואָס־זשע שטייט ער דאָרטן דעמאָלט אָפּ גאַנצע שעהן?

נאָר, אייגנטלעך, קוקט ער דאָך גאָרנישט אַרויס פונם פענצטער אין גערטנדל אַריין דערפאַר, וואָס ער וויל דאָרטן עפּעס זען; ער שטייט נאָר אַזוי אָפּ שעהן־ווייז ביים פענצטער אַט פאַרוואָס:

— ער הערט זיך צו די גאַנצע צייט צו מאָדנע קלאַנגען אַזעלכע...

קלאַנגען, וואָס טראָגן זיך אַהער ערגעץ פונם נאָענטן און וויטן אַרום; קלאַנגען, וואָס ציען אים, מר. קודלען, און מאַניען אים, און לאָזן אים בשום אופן נישט איינשלאָפן ביז זייער, זייער שפּעט אין דער נאַכט אַריין... האַ? דאָס איז אוודאי נישט גוט, זייער אפילו נישט גוט: ער דאַרף דאָך תּמיד גאָר פרי אויפשטיין צו דער אַרבעט.

7.

דער קליינער צוויי־גאָרנדיקער קאָטעדזש פון גרויען סטוקאָ מיט פאַרביקע ווינקל־שטיינער, וועלכן ער באַוואוינט, געפינט זיך אין אַ וויטן ווינקל ניו־יאָרק, אין שיפּסהעד־בעי, נישט ווייט פונם פישער־

האַפּן און פונם אָפענעם אָקעאַן. איז פון דאָרטן טראָגט זיך עס צו אים נאָכאַנאַנד — אָבער דער׳עיקר׳שט ביינאַכט, ווען אַלץ אַרום איז שטיל — דער כשופדיקער רוף פון די שיפן.

און מאָרגנס: ער האָט זיך דאָך ביז לעצטנס צו דעם אַלעמען קיינמאָל נישט צוגעהערט... אָט ווי מען הערט זיך, אַ שטייגער, קיינמאָל נישט צו צום קלאַנג פון פאַרביי־פּילדערנדיקע טראַמווייען, אויב מען וואוינט אויף אַ טומלדיקער גרויס־שטאָט גאַס. נאָר די לעצטע עטלעכע וואָכן לאָזט אים פּשוט נישט דער דאָזיקער רוף פון די שיפן איינ־שלאָפן. דאָס איז דאָך זייער נישט גוט: אַז ער כאַפּט זיך אויף אינ־דערפרי איז ער נישט אויסגעשלאָפן; און שאַפּ גייט ער דעריבער דערנאָך דורכן גאַנצן טאָג אַרום אַ צעטומעלטער, מיט אַ פולן קאָפּ זייטיקע געדאַנקען אַזעלכע, — ממש אַ פרעמדער דאָרט.

ער האָט שוין אפילו עטלעכע מאָל געפּרואווט אַריבערציען די קאָלדרע איבערן קאָפּ, ווי אַ קינד, וואָס שרעקט זיך פאַר בייזע חלומות: ער האָט געוואָלט מיט גוואַלט דווקא איינשלאָפן... נאָר דער כשופ־דיקער רוף פון די שיפן — די ווייטע און די נאָענטע — האָט אים סוף־כל־סוף פון בעט אַרויסגעריסן. ס׳איז געווען ווי דער דאָזיקער רוף אין דער נאַכט וואָלט געווען נישט סתם אַזוי אַ גלייכגילטיקער רוף איבער טונקעלער וועלט און נאַכטישן אָקעאַן, נאָר אַ רוף אַ באַ־זונדערער, — אַ רוף, וואָס איז טאַקע בפירוש געווענדט צו אים אַליין, צו יונה קודלען, —

— זיי זיך מטריח, יונה קודלע... קריך אָקאָרשט אַרויס פון דיין וואַרימען בעט אין איינע נאַטיעס, שטעל זיך אַנידער ביים פענצטער און שטיי דאָרט אָפּ אַזוי אַ גאַנצע נאַכט אין געהאַקטע וואונדן... און הער זיך איין, הער זיך איין.

נאָך עטלעכע נעכט פון אַזאַ מין אָפּשטיין נעבן טונקעלן פענצ־טער פונם פאַרלאָר־צימער, וואו די ליכט די עלעקטרישע זיינען שוין געווען לאַנג אויסגעלאָשן, האָט שוין יונה קודלע געוואוסט צו פאַנאַנ־דערשיידן צווישן די פאַרשיידענע ווייטע און נאָענטע רופן, וואָס האָבן זיך דערטראָגן צו אים: צווישן די רופן פון די שיפלעך פונם נאָענטן שיפסהעד־אויסגוס און די רופן פון די שיפן פונם אַביסל ווייטערן, אָפענעם אָקעאַן.

ער האָט שוין געקענט דאָס נידעריקע, בייזע און באַסאָווע בלאָזן פון די גרויסע אַטלאַנטישע דאַמפּפערס; דעם הייזעריקן באַריטאָן פון

די פישער־שיפן ; דעם אַלט און פּאַלצעט פון די נאָענט־נעאַנקערטע יאַכטעס און פון די מאָטאָר־שיפלעך, וואָס קערן זיך אום גאָר שפּעט אין דער נאַכט אינם אויסגוס אַריין פון טשיקאַווע שפּעט־נאַכטיקע נסיעות... פון געהיימע הולטאַיסקע הוליאַנקעס אָדער ריזיקאַלישן שנאַפּס־שמוגל.

נאָר טיפער פון אַלץ פלעגט אויף אים מאַכן אַן איינדרוק דאָס הודזשען פון די אומרואיקע ביינאַכטיקע סירענעס און דאָס וואָרנענ־דיקע קאַלט־רעגלמעסיקע קלינגען פון די אויטאָמאַטישע געפאַר־גלעקער ביי דער עפענונג פונם שיפסהעד־אויסגוס אינם אָקעאַן אַריין.

ער האָט געקענט דעמאָלט דייטלעך זען, מר. יונה קודלע, די היפּשע גלעקער, וואָס הויערן תמיד איבערן מיטן־וואַסער, ווי שפּראָצנדיק פון די טיפענישן פון סאַמע אויסגוס אַרויס, — זיי הוידען זיך איצט הין און צוריק, הוידען זיך אָן חשק, אַזוי גלייכגילטיק, מיט אַזעלכע טויבע קלאַנגען פון אונטער זיך, ווי פון טיף אונטערן וואַסער אַרויס... זיי הוידען זיך נאָכאַנאַנד פון זייט צו זייט, יעדע מינוט פון מעת־לעת, פויל און לאַנגזאַם און אייביק אַזוי, — גלעקער פאַרמשפּטע אויף אייביק צו קלינגען איבערן נאַכטישן ים, אויף אייביק צו וואָרענען פון געפאַרן פרעמדע פאַרבייוואַנדערנדיקע שיפן, וואָס קומען אָן פון אַלע ווינקעלעך וועלט — און אַליין צו זיין תמיד צוגעשמידט צו אַן איין־איינציקן אָרט.

פון דעם־אָ — פון אַזאַ מין שטיין און צוהערן זיך — פלעגט יונה קודלען סוף־כל־סוף דורך אַ קאַלטער סקרוך איבער דעם לייב... אָט פונקט ווי דאָס וואָלטן די דאָזיקע גלעקער אים, אים אַליין, יונה קודלען, פון עפּעס געוואָרנט און עפּעס ביי אים געמאָנט. ער פלעגט שוין דערנאָך בשום אופן נישט קענען איינשלאָפן אַ גאַנצע נאַכט. און דאָס איז געווען זייער, זייער נישט גוט — צוליב טעמים, וועלכע זיי־נען שוין פריער אביסל דערקלערט געוואָרן.

.8

מיטאַמאָל האָט זיך יונה קודלע אַ כאַפּ געטאָן פאַרן קאָפּ:

— גאָט מיינער... ער איז דאָך שוין לאַנג פאַרבייגעגאַנגען אָט יענעם ראָג אויף בראָדוויי, וואו עס געפינט זיך דאָס באַרימטע קאָנ־פעקטן־געשעפט...

ער האָט זיך געוואָלט מיט גרויס אימפּעט לאָזן אויף צוריק, כדי נאָך באַווייזן צו קריגן אָט יענע זעלטענע קאַראַמעלן, וועלכע צוגייען זיך אין מויל — אין זיין ווייבס מויל — ווי קאַקאַאָ־פּאַסטאַליעס גע־פּרעגלט אין פּוטער. ער האָט אָבער דאָ דערזען, אַז ער געפינט זיך שוין ביים יוניאָן־סקווער.

אויב ער וואָלט זיך געלאָזט גיין צוריק צופוס, וואָלט עס גע־דויערט אַ היפּש ביסל צייט. אָבער אין אָט דער פּאַרנאַכטיקער שעה, ווען די גאַסן זיינען אַזוי געדיכט פּאַרפּליוצט מיט מענטשן, וואָלט ער מיט אַ טעקסי אויך נישט אָנגעקומען אַהין, צו אָט יענעם געשעפט, פיל שנעלער; פאַרקערט, ס׳וואָלט נאָך אפשר געדויערט לייגגער ווי צופוס.

— שלעכט...

אַ שטיקל צייט האָט ער זיך אַזוי געשלאָגן מיט דער דעה. אַז ער האָט זיך ענדליך פּאָרט געלאָזט גיין צוריק צופוס, איז עס געווען ווי אַ שפּענדל וואָלט זיך איינגעעקשנט צו שווימען דווקא אַרויף־וואַסער...

ער האָט זיך דעריבער אינגיכן געמוזט פאַרקערעוועו צוריק.

ער האָט זיך נישט פאַרקערעוועט צוריק פון אייגענעם ווילן — זיין אייגענער ווילן האָט אים, פאַרקערט, געצויגן אַרויף, אַרויף, צו אָט יענעם בראָדווייער ראָג־גאַס, וואו ער האָט געדאַרפט קויפן די קאַראַמעלן „קלאַרים און לאַמאַנט". נאָר דער כוואַליענדיקער מענטשן־שטראָם האָט אים שוין פון זיך אַליין, מעכטיק און שווייגנדיק, אויס־געדרייט אויף צוריק.

דער געדיכטער שוואַרצער פלוס, וואָס האָט געשטראָמט אָן אויפ־הער האַרט ביי די שאַרף־אָפגעשניטענע ווענט פון די הויכע פעלזן־בערג, וואָס האָבן זיך געהויבן ביי ביידע זייטן פונם בראָדוויי־טאָל, האָט דאָ, ביים יוניאָן־סקוועיר, זיך שוואַרץ און ווינקלנדיק פאַרקערעוועט מזרח־צו. דורך דער פּערצנטער גאַס האָט זיך דער שוואַר־צער טייך געלאָזט — נאָך אַלץ פונקט אַזוי געדיכט און מעכטיק, ווי אויף בראָדוויי — שטראָמען צו דער איסט־סייד.

יונה קודלע, — זיין גרויסער, געדיכט־פאַרוואָקסענער קאָפּ האָט זיך נישט אַרויסגעזען פון צווישן די אַנדערע קעפּ, ווייל ער האָט באַ־קרוינט אַ גוף אויף גאַנץ קליינע און קורצע פיסלעך, — דאָס דאָזיקע שווייגנדיקע שפּענדל פון אַ יונה קודלע איז באַלד אויך מיטגעשלעפּט געוואָרן אויף דער איסט־סייד מיטן מעכטיקן אימפּעט פונם אומגע־

הויער־קרעפטיקן שטראָם פון א פארנאַכט אין אָט יענע ניו־יאָרקער גאַסן.

צוערשט האָט ער זיך געפילט זייער באַזאָרגט און אומרואיק איבער דעם, וואָס ער האָט נאָך נישט איינגעקויפט די קאַראַמעלן. ס׳איז געוועזן נאַטירלעך, אז פאר אים זאָל דאָ באַלד אויפשטיין דאָס געשטאַלט פון זיין פרוי — א הויכע, א פעטע, א בלאָנדע, נישט נאָך אירע יאָרן נאָך א צופּלאָסענע — ווי זי שטייט עס אזוי מיט די הענט פעסט אריינגעפלאַנצט אין בײדע באָקעס, מיט א קרומן, פאראַכטלעכן שמייכעלע אויף אירע אָפּגעקאָשערטע, פליישיקע, פולע ליפּן; ווי זי שטייט עס און טורעמט אזוי איבער אים, איבער איר קליינינקן מאַן, און באַטראַכט אים אזוי פאַרניכטנדיק, ווען ער באַווייזט זיך אויף דער שוועל פון זיין הויז אָן די באַקאַנטע פּעקלעך, איינגעוויקלטע אין גלאַנציקן סעלאָפאַן־פּאַפּיר — די באַקאַנטע שאַכטלעך, שיין־ ארומגעבונדענע מיט זיידן־ראָזעווע טאַשמעלעך. אָבער באַלד האָט ער פונדעסטוועגן זיך אָנגעהויבן צו באַרואיקן:

— מילא... פארפאַלן... וואָס, קאָן ער דען קעמפן מיט אַזאַ ריזיקן צענדליק־טויזנט קעפּיקן עולם? און בכלל... ס׳איז דאָך שוין, דוכט זיך, סיי־ווי צו שפּעט...

דער גרויסער, קיילעכדיקער זייגער איבער דער שילד פון א נאָענטן זייגער־געשעפט האָט אים איצט באַוויזן מיט זיינע ריזיקע „הענט״ 10 מינוט נאָך זעקס — יענער קאָנפעקט־געשעפט שליסט זיך צו פונקט זעקס...

.9

ער איז שוין איצט געווען אויף דער צווייטער עוועניו, די דאַון־טאַונער אָפּשפּיגלונג פון בראָדוויי. אומצייליקע בלויע און ראָזעווע און געלע ליכטער פון אַרקע־לאָמפּן, פון עלעקטרישע שילדן, פון טעאַטער־רעקלאָמעס, האָבן אים דאָ מיט פרייד מקבל פּנים געווען.

— שאַ, — איז מר. קודלען איינגעפאַלן מיטאמאָל א גליקלעכער געדאַנק, — פאַרוואָס זאָל ער טאַקע נישט פאַרברייננגען דאָ דעם היינטיקן אָוונט?

ס׳איז אַן איינפאַל... פאַר אים איז דאָך אַלץ געווען דאָ א נייע וועלט — אָט ווי ער וואָלט פּלוצלונג אָנגעקומען אין א שפּאָגל־נייער

שטאָט. ער האָט דאָך שוין פון לאַנג, פון לאַנג פאַרגעסן, אַז ס'איז גאָר דאָ אײנגאַנצן אין ניו־יאָרק אַזאַ מין שטאָט־טײל װי די איסט־סײד.

ער איז שוין דאָ נישט געװען אודאי אַ יאָר צען, — אײגנטלעך זינט ער האָט אָנגעהױבן „אױסגײן" מיט ג אָ ס י ן, מיט זײן איצטיקער װײב. זי, דאָס װײב זײנס, האָט קײנמאָל נישט ליב געהאַט די איסט־סײד, כאָטש זי איז געװען אַ דאָרטן־געבױרענע. זי האָט אים תמיד אַלץ געשלעפּט קײן פלעטבוש — ביז זי האָט אים ענדלעך אַריבערגעשלעפּט.

פלעטבוש איז בײ איר געװען זײער אַ ברײטער, נישט אַזױ אַ נעאָגראַפישער, װי אַ סימבאָלישער באַגריף. דאָרט האָבן געװאױנט די העכערע און בעסערע קרײזן אידן; קרײזן, װאו מען פלעגט רײדן תמיד אָדער װעגן געשעפט, אָדער װעגן אױסבײטן אײן אױטאָמאָביל אױפן צװײטן, אָדער װעגן דעם אױף װיפיל ס'איז אױסגעװאַקסן דער אײנענער צי דעם צװײטנס פאַרמעגן; קרײזן, װאו מען פלעגט אָדער שפּילן אין קאָרטן אָדער זיך תמיד קלײבן פאָרן אין לעיקװאוד, צי אין אַטלאַנטיק סיטי... אמת, יונה קודלע פלעגט זיך צװישן אָט די נײע קרײזן זײנע פילן שרעקליך פרעמד, כאָטש ער פלעגט מיטרײדן, מיטשפּילן און מיטשמײכלען מיט אַלעמען. אָבער נישט װײניקער פרעמד האָט ער זיך דאָך געפילט אױך בײ זיך אין דער הײם.

אַ מאָדנע הײם איז בײ אים געװען: זײן װײב פלעגט אים דאָרט קאָרמענען מיט אױסטערן, מיט סקעללאָפּס, מיט אַלערלײ „טשאָפּס" און „מינסד פּײס"... נאָר מילא, צו זײן שטוב האָט ער זיך שוין לאַנג געהאַט ביסלעכװײז צוגעװאױנט. דאָרטן זײנען דאָך געװען אַזױ פיל לײדיקע חדרים — איז אין אײנעם פון זײ, אין אַ װינקל פון אַ שעז־לאָנג, פלעגט ער זיך אײנטוליען און לײענען די גאַנצע פרײע צײט אין דער הײם עפּעס אַ צײטונג. מיטן װײב זײנעם פלעגט ער בכלל זײער װײניק רײדן. אָבער אין אָט יענע קרײזן — דאָרט פלעגט ער ת מ י ד פילן זיך עפּעס װי אַ געפאַנגענער.

איז איצט, גײענדיק אַזױ איבער די איסט־סײדער גאַסן, האָט ער גלײך דערשפּירט אַ געפיל, װאָס ער האָט שוין פון לאַנג נישט געהאַט, אַן אומדערװאַרט געפיל פון באַפרײאונג...

— אַך, ס'איז אים אַזױ גוט... גוט װי די װעלט: ער געפינט זיך צװישן אײגענע, צװישן הײמישע...

און אודאי נישט אומזיסט האָט ער געהאַט איצט אַזאַ מין געפיל: בחור־ווייז, ווען ער האָט נאָך געאַרבעט אין שאַפּ 10 שעה אין מעת־לעת פאַר פופצן דאָלאַר אַ וואָך, דעמאָלט האָט ער דאָך דאָ געלעבט, דאָ האָט ער דאָך פאַרבראַכט זיינע בעסטע יונגע יאָרן.

אין איין מינוט, ווי דורך אַ כשוף, איז ער געוואָרן לעבעדיק, מונ־טער, מר. קודלע. אַ יונג פייערל האָט זיך אַ צינד אָן געטאָן אין זיינע שוין לאַנג אויסגעלאָשענע אויגן, זיין טראָט איז געוואָרן מיטאמאָל גרינגער; ער האָט זיך גענומען דורשטיק, מיט יונגן נייגיר, איינקוקן אין יעדן פאַרבייגייער אויף די גאַסן — ס'האָט אים געטיאָכקעט עפּעס אין האַרצן.

— ווער ווייס, אפשר וועט ער דאָ אָנטרעפן אַ באַקאַנטן?

עלטערע אידן מיט צענויפגעקלעפּטע וואָנצן און פאַרטאַבעקטע בערד האָבן זיך דאָ אַרומגעדרייט עלנד און פאַרלאָזן, פאַרלוירענע אין גרויסן בבלדיקן כרך; העזהדיקע, פריידיקע, הי־געבאָרענע אינגלעך אין קורצע הייזלעך ביז די קני האָבן אַרומגעשמייעט מיט פּעק צייטונ־גען צווישן פאַרביילויפנדיקע טראַמווייען און יאָגנדיקע אויטאָמאָבילן, — זיי זיינען, דוכט זיך, אָט־אָט שיער נישט איבערגעפאָרן געוואָרן — און סאַמע פון אונטער די רעדער צוריק אַרויס און געיאָגט זיך נאָך זייערע פּילקעס.

פנימער, פנימער און פנימער... אָן אַ שיר פנימער, נאָר קיין איינס נישט קיין באַקאַנטס.

10

זיין וועג האָט זיך אין משך פון פילע אָוונטיקע שעהן געפּלאָנטערט — זיינע פיס, צי זיינע אויגן האָבן אים געפירט פון איין אומבאַקאַנ־טער גאַס אין דער אַנדערער. געהאַט האָט ער דערביי זייער אַ טשי־קאַווע און זייער אַן אומגעוויינלעך געפיל: אַ געפיל פון אַ מענטשן, וועלכער קומט צופאָרן אין זיין היימיש שטעטל אַריין נאָך יאָרן און יאָרן פון אַרומוואַנדערן אין די וויטסטע מדינות, נאָך אַ לעבן אַ גאַנצן, וואָס ער איז דאָרט, אין שטעטל, נישט געווען, — פילט ער זיך דע־מאָלט אין זיין אייגן שטעטל איינציטיק אי היימיש, אי פרעמד... און ס'ווילט זיך אים דעמאָלט נישט צוגעבן, אַז דאָס געפיל פון פרעמדקייט איז טאָקע שטאַרקער פון דעם היימישקייט־געפיל.

גאַסן אײַנגע און טשיקאַווע: מענטשן־שטראָם פּלייצט בלויז אײַנמיטן, אויף ברוק; טראָטואַרן און זוימען גאַס — געדיכט אָנגעפּיקעוועט מיט פּושקאַרטס פון צעלניק, פון יאַפּאַנעזישע פייגן, פון פּערסימאַנס און ברוינע באַנאַנעס; מיט געשטעלן פון אינדיאַ־נער ניסלעך, פון באַקסערן און בראַזיליער פּוטער־ניס. און אי־בער זיי, איבער די דאָזיקע אַלערלייאיקע פּושקאַרטס — פּלאַקערן און רויכערן אין דער נאַכט פּאַקלען: פּאַקלען, וואָס דערציילן דער וועלט פון קיינמאָל נישט־אויפהערנדיקער גרויסשטאָטישער מי און פון אייב־געעקשנטער אידישער לוסט צום לעבן.

מיט הונגעריקע, מיט דורשטיקע בליקן, האָט זיך מר. יונה קודלע געקלאַמערט אָן דעם פּנים פונעם מענטשן־שטראָם, וואָס האָט זיך גע־האַלטן אין נאָכאַנאַנדיקן בייטן און ענדערן זיך פאַר זיינע אויגן: קיין איין באַקאַנט געזיכט האָט ער אָבער דאָ נישט געטראָפן.

דאָס האָט מר. קודעלן זייער ווי געטאָן. ער האָט געטראַכט:

— ווער ער וואָלט אָנגעטראָפן דאָ אימיצן פון זיינע אמאָליקע באַקאַנטע, עך... וואָלט ער זיי געוויס איינגעלאַדן מיטגיין מיט אים — טאַקע שוין, גלייך — צו זיך אהיים...

אמת, זיין ווייב האָט קיינמאָל נישט געהאַט גערן די אמאָליקע באַקאַנטע און חברים זיינע — זיינע אמאָליקע „ברידער" פון דער יוניאָן, פונם אַרבעטער־רינג ברענטש און פונם אידיש־שפּרעכנדיקן ברענטש פון דער עס. פּי. ער פלעגט זיי אין דער ערשטער צייט פון זיין פאַרהייראַטן לעבן, פון צייט צו צייט, איינלאַדן צו זיך אהיים. נאָר זי, דאָס ווייב זיינס, פלעגט האָבן פאַר זיי אַלעמען — „לינקס", „רעכטס" און מיטלמעסיק; סאָציאַליסטן, אַנאַרכיסטן און פּועלי־ציו־ניסטן — בלויז איין־איינציקן נאָמען:

— „די יידים"...

אַ וואָרט, וואָס פלעגט ביי איר תמיד באַגלייט ווערן דורך אַ פאַראַכטלעכן קרים מיטן לינקן ווינקל פון אירע פליישיקע און פאַר־קאַשערטע ליפּן.

יעדן מאָל, נאָכדעם ווי זיי פלעגן אוועקגיין, פלעגט זי אַ שטיק צייט האַלטן אין איין לופטערן, אין איין רייניקן די צימערן נאָך זיי; פלעגט ברייט פאַנאַנדערעפענען די פענצטער, ווי אַרויסצולאָזן די שלעכטע לופט, וואָס זיי האָבן נאָך זיך איבערגעלאָזן; פלעגט נאָכ־אַנאַנד שטויבן, ווישן און אַרונטערבלאָזן עפּעס אומגעזעענעס פון די

שטולן, אויף וועלכע זיי זיינען געזעסן, פון די טישן, אַרום וועלכע זיי האָבן געטומלט און געאַמפּערט זיך... און אפשר שעהן גאַנצע נאָכדעם פלעגט זי האַלטן אין איין נאָכאַנאַנדיקן בורטשען און אין איין נאָכ־אַנאַנדיקן באַקלאָגן זיך:

— נו, זעסט דען אַליין ניט? וואָס ווילסטו פון מיר... נו, אָט האָב איך שוין היינטיקס מאָל אוועקגעשטעלט אַש־טעצעלעך פאַר זיי... איז וואָס־זשע קומט אַרויס דערפון? נישט קיין אַש־טעצעלעך — גאַנצע אַש־קאַנען דאַרף מען דאָך פאַר זיי אוועקשטעלן... גאָט מיינער, וואו, דענקען זיי, געפינען זיי זיך: אין אַ אידישער שול?... אין אַ כשר רעסטאָראַן?...

11.

וואָס ס'איז געשען מיט יונה קודלען יענעם גאַנצן אָוונט, וועלכן ער האָט פאַרבראַכט אויף דער איסט־סייד, איז גאָרנישט פון אַזאַ נישט־געוויינלעכן כאַראַקטער: עס קאָן אַלץ דערציילט ווערן אין בלויז נאָך אַ פּאָר שורות.

ער האָט נאָך לאַנג געבלאָנדזשעט ביז גאָר שפּעט אין אָוונט אַריין, ביז אים האָט זיך פאַרוואָלט עסן. אַז ס'האָט אים אָנגעהויבן הונגערן, איז ער אַריין אין אַ קליינעם, אָפּגעלאָזענעם אידישן רעסטאָ־ראַנדל, ערגעץ אויף ברום סטריט, וואו מען קאָן נאָך עד־היום אָפּעסן אַ מאָלצייט פון פינף געריכטן פאַר דער אומגלויבלעכער סומע פון פינף־און־דרייסיק סענט, און דערצו נאָך: „ברויט וויפיל מען וויל”; אַ רעסטאָראַנדל, וואו די טישטוכער אויף די טישן האָבן תמיד געלב־לעכע קוויטן; וואו דער שטרודל אין שוי־פענצטער איז געדיכט באַ־דעקט מיט פליגן — עס איז שווער צו טרעפן וועלכעם איז דאָרט אַ ראָזינקע און וועלכעם אַ פליג, — זיי בלייבן דאָרט אפילו ווינטערן, די פליגן, אויפן טאַץ מיט שטרודל־אָנשניט... אבער יונה קודלע האָט שוין לאַנג, לאַנג אַזוי נישט הנאה געהאַט פון אַ מאָלצייט ווי אָט יענעם אָוונט.

דערנאָך, שפּעטער אביסל, איז ער געשטאַנען מיט אַ היפּשן עולם נעבן איינעם אַ פאָנאָגראַף־סטאָר, אין אַ קרייז פון שטאַרקער און בלענדנדיקער ליכטיקייט, וואָס אַ היפּשער עלעקטרישע לאָמטערן

האָט געשפּריצט אונטן אויפן טראָטואר. דער גאַנצער עולם ארום אים, יונג און אַלט, איז געשטאַנען שווייגנדיק, ווי באַנומענע: אַלע האָבן צוגעהערט אַ ליכטיקע קולות, וואָס האָבן זיך נעטראָגן פון דער קליט אַרויס דורך דער גרויסער טרובע, — פונם אָפּאַראַט, פונם מעגאַפאָן, — וואָס האָט אַרויסגעלאָזן די מעלאָדעס פון אינעווייניק, פון קליט, אין דער רוישיקער גאַס אַרויס.

מענטשן זיינען נאָכאַנאַנד צוגעקומען און אַוועקגעגאַנגען. דער קרייז איז אַ מאָל גרעסער, אַ מאָל קלענער געוואָרן; שטיקלעך זיינען פון אים אָפּגעצופּט און צוריק באַהעפט געוואָרן — און סוף-כל-סוף איז ער אַלץ געבליבן דער זעלבער. אַקסלען פון עלטערע לייט האָבן זיך אָנגעשפּאַרט אָן קעפּ פון יונגוואַרג; קעפּ פון אינגלעך — אָן אומבאַקאַנטע אַקסלען פון עלטערע לייט.

דאָרט אינעווייניק, אין קליט, האָט פּלאַסטינקע געביטן פּלאַס-טינקע. נאָך חזן יאָסעלע ראָזענבלאַטס „ומפּני חטאינו" האָט אימיצער זייער רירענדיק געזונגען די „גרינע קוזינע"; דערנאָך האָט קאַנטאָר שליסקי געזונגען אַ שטיקל יום-כפּור-דיקן מוסף, און טיטאַ רופאָ האָט אים גלייך נאָכדעם פאַר-ביטן מיט דער אַריע פון „פיגאַראָ".

מענטשן האָבן זיך דערמאָנט, אַז ס'איז דאָ ערגעץ אַ וועלט מיט זאָרג, אַז מ'דאַרף זיך ווידער ערגעץ אײַלן, זיינען זיי אומגערן אָפּגעקראָכן; אַנדערע, אָבער, זיינען אויף זייער אָרט צוגעשטאַנען צום זוים פונם קרייז; דער קרייז גופא האָט זיך אַלץ נישט געמי-נערט. נייע אַקסלען האָבן זיך אָנגעשפּאַרט אָן פרעמדע יונגע קעפּ, און קעפּ אָן אומבאַקאַנטע אַקסלען. אַלע אַרומגעקליבענע האָבן געשוויגן; אַלעמענס פּנימער האָבן אויסגעדריקט נישט-געוויינלעכן עקסטאַז און התפּעלות. די דאָזיקע התפּעלות פלעגט פון צייט-צו-צייט בלויז — אַריבערשווימענדיק פון אַ קרוג אין אָנגעפילטן ביז די ברעגן — זיך אויסדריקן אין אַ זיסן קרעכץ, אין אַ באַדייטונגס-פולן אויפהויבן איין פריידיק-לייכטענדן פּנים קעגן אַ צווייטן, אַ ווילד-פרעמדן, אָבער אויך פּונקט אַזאַ פריידיק-לויכטענדיקן פּנים:

— נו... איר זענט עפּעס אַ מבין, האַ? ס'איז ווערט גאָלד, וואָס?

.12

אז יונה קודלע האָט זיך סוף־כל־סוף געהאַט אַנגעזעטיקט מיט אַט די אַלע נגונים, האָט ער זיך געלאָזט גיין אַהיים.

נישט אַז ער זאָל זיך האָבן מיטאַמאָל פאַרבענקט אַהין, אַהיים. אדרבא: ער איז איצט געווען אָנגעפילט מיט אַזאַ מין טויבער און טעמפּער גלייכגילטיקייט צו דער היים און צום ווייב און צו דעם, וואָס עס קאָן דאָרטן אפשר פּאַסירן, ווען ער וועט זיך אומקערן. ער האָט זיך דעריבער געלאָזט גיין איצט צוריק פּאַוואָליע און פּויל, אָן שום באַזונדערע געפילן, גוטע צי שלעכטע — סתם אַזוי... עס האָט זיך דאָך סוף־כל־סוף געדאַרפט ענדיקן, דער דאָזיקער פרייער און אומגעוויינלעכער אָוונט זיינער.

מער נישט, ווען ער האָט זיך אויפן וועג אַהיים אָפּגעשטעלט נעבן עפּעס אַ שמוציקן אידישן וואורשט־געשעפט, ערגעץ אויף רי־ווינגטאָן סטריט, נישט ווייט פון אַ געשעפט פון שימעלס קנישעס, און האָט דאָרט איינגעקויפט אַ פּאָר פונטיקע קנאָבל־וואורשטן — איז עס געווען, פונדעסטוועגן, מיט אַ געפיל פון לאַנג־יאָריקער נע־קריוודעטקייט, וועלכע רעכנט זיך סוף־כל־סוף אָפּ... אַ טויף־פאַרדראָ־סיקע נעקריוודעטקייט, וואָס האָט ענדלעך געקראָגן איר געלעגנהייט פון נקמה־נעמען.

יאָ, עס איז געווען מיט אַ מין געפיל פון שטומען פּראָטעסט און דערוואכענדיקן רעוואָלט, וואָס ער האָט איינגעהאַנדלט די דאָזיקע פּאָר פונטיקע קנאָבל־וואורשטן.

— טאַקע אַזוי... פאַרוואָס האָט ער עפּעס קיינמאָל, קיינמאָל אין שטוב נישט געקאָנט האָבן קיין קנאָבל־וואורשט, הא? אויס־טערן און לאַבסטערס4) יאָ — און קנאָבל־וואורשט נישט? „האָט־דאָגס"5) מיט זויער־קרויט יאָ — און קנאָבל־וואורשט נישט?

מיט אַ געפיל פון נצחון און קאָמפּלעטלוסטיקייט איז ער מיטן פּעקל וואורשט געפאָרן אַהיים.

די קנאָבל־וואורשטן זיינען געווען שטייפע, טרוקענע און האַר־טע, מוראדיק האַרטע — מען האָט מיט זיי טאַקע ממש געקאָנט באַגיין אַ מאָרד... זיי זיינען געווען צונויפגעדרייט אין געשלאָסענע, שטייפע בייגל. אונטער דער נערונצלטער, ברוינער, אביסל צונע־שימלטער הויט, האָבן זיך געפונען היפּשע פעטס־פלעקן — פאַר־

דעכטיקע, געלבלעכע פעסט־פלעקן, וועלכע האָבן ארויסגעלאָזן נישט גאָר קיין אנגענעמען ריח.

.13

און שפּעט נאָך האַלבער נאַכט איז יונה קודלע ווידער געשטאַנען איינער אליין ביים פענצטער פונם טונקעלן פּאַרלאָר־צימער, פונקט ווי ער האָט עס לעצטנס געטאָן דורך אַ סך נעכט.

די פענצטער־שויבן זיינען געווען וואַסערדיק־בלוי: עס איז געווען היינט אַ ליכטיקע, געשמאַקע נאַכט פון אָנהויב פרילינג. אַ שאַרפער דינער האָרן פון אַ יונגער לבנה איז געווען אויפגעהאַנגען אויף אַ קאַלט-בלייכן, שטילן און ביינאַכטיקן הימל. אָבער היינטיקס מאָל האָט זיך מר. קודלע נישט צוגעהערט צו די כשופדיקע רופן פון די וויטע שיפן אויפן אָקעאַן און אויף דעם נאָענטן ים־אויסגוס. צוגעהערט האָט ער זיך גאָר איצט צו דעם נאָכאַנאַנדיקן כניקען, וויינען און באַקלאָגן זיך פונם וויב זיינעם, וואָס האָט זיך אהער ארונטערגעטראָגן צו אים פון דער הויך, פונם אָפענעם שלאָף־צימער. עס האָט אים פאַרפאָלגט און נאָכגעיאָגט, דאָס דאָזיקע ביינאַכטיקע ווייבערשע כניקען — עס האָט אָנגעהאַלטן שוין העכער אַ שעה צייט.

— אוי, פינצטער איז מיר... אוי, ביטער איז מיר... פאַרוואָס איז עס מיר באַשערט אַזאַ טעמנע מזל... — האָט געהאַלטן אין איין נאָכמאָכנדיקן באַקלאָגן זיך דאָס וויב זיינס, וואָס האָט אַזוי לאַנג און אומגעדולדיק און אומזיסט ארויסגעוואַרט אויף די קאַראַמעלן „קלאַרים און לאַמאַנט”. — שוין אַ וואָך צייט ווי איך בעט זיך ביי אים ממש ווי ביי אַ גזלן: קאַראַמעלן... ברייננגט ער מיר גאָר קנאָבל־וואורשט...

די פענצטער-שויבן זיינען היינטיקע נאַכט געווען וואַסערדיק־בלוי און ליכטיגלעך ווי אין אַ פאַרטאָג. אויף יענער זייט פון דער לבנה-באַלויכטענער גאַס האָט זיך געזען ווי אין דעם אַנטקעגנאיבערדיקן הויז הוליען דאָרטן שכנים — מען שכורט דאָרטן, אַפּנים, אויף וואָס די וועלט שטייט, מען הוליעט דאָרט לוסטיק און פריילעך: מאָרגן איז דאָך זונטיק... עס טראָגן זיך פון דאָרט אין דער שטילער, באַלויכטענער שפּעט־נאַכט ארויס פריילעך־שכורע קולות

און א לאַכנדיק טרומייטערן פון א סאַקסאַפאָן; דורך די באַלויכטענע פענצטער פון אָט יענעם אַנטקעגנאיבערדיקן הויז זעט מען ווי עס באַוועגן זיך לוסטיק צונויפגעקלעפּטע סילועטן פון מענער און פרויען. עס שיינט מר. יונה קודלען, אז זיי זיינען דאָרט ווי פון נישט קיין היגער וועלט, אַז זיי האָפּקען און טאַנצן דאָרט מיט אַ נישט־היגער, אַ פרעמדער פרייד... דאָ, אין שטוב, האָט יונה קודלעס ווייב אַלץ נישט אויפגעהערט צו כניקען און צו באַקלאָגן זיך אויף איר וויסטן, טעמ־נעם מזל.

און אין קיך, אויפן ציכטיק־ווייסן און גלאַנציקן עמאַלירטן טיש איז די גאַנצע צייט געלעגן יונה קודלעס ווייטער, פאַרשעמטער קרוב פון ריווינגטאָן סטריט — דאָס אביסל פאַרשימלטע האַרטע וואורשטל מיט די געלבלעכע פלעקן פעטס. פון חרפּה און בושה איז עס געלעגן צונויפגעדרייט אין א בייגל, ווי אין גרויסע אַנגסטן; מיט די ארויס־שטאַרצנדיקע עקלעך האָט זיך עס עלנד און הילפלאָז צוגעהערט אין דער שיינער לבנה־ליכט באַגאָסענער פרילינג־נאַכט צו דעם, וואָס עס קומט איצט פאָר ארום אים, — אינם סטוקאָ־קאַטעדזש פון איינעם אַ וויטן, פאַרוואָרפענעם ווינקל פון ניו־יאָרק — פון איינעם אַ הויז אין ש י פּ ס ה ע ד ־ ב ע י.

בוליטאָן־סיור־סען (פראַנקרייך), 1927.

חשבונות

1.

די מירמל־שטיינערנע עס־טישלעך זיינען געשטאנען אינם קינסטלעכן שאָטן פון די ריזיקע זונשירעמס, וועלכע זיינען געווען אריינגעשטעקט דאָ און דאָרט אינם באָדן פון קליינע ים־שטיינדלעך, פאר דער ווערענדע פונם גרויסן האָטעל.

סאיז געווען מיטאָג־צייט. די האַלב־טראָפּישע זון האָט געברענט און געבראָטן ווי אַ זון אין אַ מדבר. די ריזיקע זון־שירעמס האָבן בלויז באַשיצט פון דער זונס דירעקטע שטראַלן: די היץ און די פאַרנעקייט איז אָבער אויך דאָ, אין זייער שאָטן, ניט מעגלעך געווען אַריבערצוטראָגן.

מאַלבים איז די גאַנצע צייט פונם מיטאָג קוים איינגעזעסן אויף זיין פּלאַץ, האָט זיך אַלע ווײַלע אויפגעהויבן, זיך צוריק אַוועקגעזעצט, האָט זיך נאָכאַנאַנד געפאָכעט מיט אַ פּאַפּירענעם פעכער, געווישט מיט אַ סערוועטקע דעם שפּעדיקן שוויים, וואָס האָט אים גערונען פון שטערן. דאָס טאַשן־טיכל איז שוין געווען אינגאַנצן דורכגעווייקט נאָך פונם פריער אַרונטערגעווישטן שוויים.

דער ים־ווינטל האָט אַהער נישט דערגרייכט. די בלוי־שימערירנדיקע פעלדער פונם מיטללענדישן ים זיינען געווען אָפּגעטיילט פונם גאָרטן מיט אַ פעלזיקן בערגל, אַ געדיכט־באַדעקטן מיט פאַנאַנדערגעבליטע קאַקטוסן פון פאַרשיידענע מינים, מיט צווייגיקע קוסטן פון די שטעכעדיקע „פייגן פון אינדיע".

די גלאַנציקע בלעטער פון די אָראַנזש־בוימער, פון די קורצינקע טאַנזשערין־בוימלעך, מיט אַן אויסזען פון פאַנאַנדערגעפּנטע פּאַראַסאָלן — זיינען געווען פאַרגליווערט אין דער היציק־בלויער לופט... די בוימער האָבן אויסגעזען ווי נישט קיין לעבעדיקע, ווי אויסגעמאָלענע אויף עפּעס אַ דעקאָראַציע. בלויז די לאַנגע און שמאָלע לולב־בלעטלעך פון פּאַלמע־בוימער האָבן אויך איצט דריבנע און ציטערדיק זיך באַוועגט, אַרויסגעלאָזט פון זיך אַ קוים־הערבאַרן טרוקענעם שאָרך — האָבן עדות געזאָגט, אַז ערגעץ אַרום מוז דאָ פאָרט בלאָזן אַ ווינטל.

.2

מאַלבימס אומגעדולד איז געוואָרן באַזונדערס שטאַרק בעת די וואַרט־מינוטן צווישן איין געריכט און אַ צווייטן.

די פּראָוואַנסאַלער קעלנערין האָט, כאָטש אַן אויסגעמאַטערטע פון דער היץ און פון דער שווערער האַרעוואַניע, דוכט זיך גאַנץ פלינק געאַרבייט. זי איז אָבער געווען איינע אַליין דאָ, זיך נישט געקאָנט אויף אַלעמען צערייסן. חוץ דעם, די אינטערנאַציאָנאַלע געסט האָט דענערווירט דאָס, וואָס מען האָט זיך מיט איר כמעט ניט געקאָנט צוזאַמענרעדן, וואָס אַפילו פראַנצויזיש האָט זי גערעדט אַזוי מאָדנע, אָרטיק, ניט־פאַרשטענדלעך, פּראָוואַנסאַליש... און ס'האָט אויך, קאָנטיק, ווייניק אַפּעטיזירט דאָס באַדינט ווערן פון אַט דער נידע־ריקער, ברייטער, צעשויבערטער און צעפּלאַמטער פרוי. אַרום דעם מיטאָג האָט געהערשט עפּעס אַ נישט־דערבאַקנקייט, וואָס האָט ביי אַלע געסט איין גאָרטן אַרויסגערופן אַן אומצופרידנקייט אָן ווערטער.

אויפן דעסערט האָט זיך שוין מאַלבים ניט געקאָנט דערוואַרטן. ער האָט זיך שאַרף און אומצופרידן אויפגעהויבן פון טיש. זיין הויך־קער־פיגור, איינצייטיק אי קיילעכדיק אי ווינקלדיק, האָט מיט שמאָלע, געמאָסטענע טריטעלעך דערמאָנט אָן אַ שפּאַצירנדיקן פּענגווין.

ביי דער ברייטער, טויער־מעסיקער אַריינגאַנג־טיר אינם „שאַטאָ", האָט דער האָטעל־ווירט זיך געגוויגט און זיך אַנטשולדיקט פאַר אים מיט אַ האָניק־זיסן פראַנצויזישן שמייכל:

— וואַרט, מאָסיע מאַלבים... מאָרגן וועט שוין זיכער קומען צופאָרן דער באַראָן — פון מאָרגן אָן וועט איר שוין זיין צופרידן מיט אַלץ... אַבסאָלוט מיט אַלץ! אָט די בהמה פון אַ פּראָוואַנסאַ־ליערין, קאָמפּראַנע...1) מערסי!

.3

מאַלבים האָט אַרויפגעשלעפּט מיד דעם הויקער זיינעם אַרויף די דריי קילע שטיינערנע עטאַזש־שטיגן, וואָס האָבן געפירט צו זיין צימער. ער האָט זיך מיט די לעצטע כחות אַריינגעוואָרפן אין אַ שטרויענעם וויג־שטול, קעגן דעם פאַנאָנדערגעפּראַלטן פענצטער.

דאָ אַהער האָט שוין יאָ אַריינגעבלאָזן דאָס שוואַכע ים־ווינטל, וואָס אונטן האָט מען אים נישט געקאָנט פֿילן. ער האָט געבראַכט כאָטש אַביסל דערפֿרישונג אין דער נישט־דערטרעגלעכער היץ פֿונם האַלב־טראָפּישן זומער. דער פֿעלזיקער בערגל האָט דאָ, אויף דער פֿלאַך פֿון די אומגעווינלעך־הויכע פּאַלאַצדיקע דריי שטאָק פֿונם אַלט־פּראָוואַנסאַלישן האָטל, שוין נישט פֿאַרשטעלט דאָס ווינטל, וואָס האָט געבלאָזן פֿונם מיטללענדישן ים.

מאַלבים האָט פֿונדעסטוועגן נישט געקאָנט איינדרעמלען, ווי גע־ווינלעך נאָך וואַרעמס. (ס'איז געווען אַ טייל פֿון זיין מעדיצינישער קור). ס'האָט זיך אים נאָכאַנאַנד געפּלאָנטערט איין־און־דערזעלבער געדאַנק.

— דער באַראָן ... מאָרגן, הייסט עס, קומט צופֿאָרן דער באַראָן.

און זיין טונקעלער קאָפּ איז באַלד, אַ פֿאַרטיפֿטער אין מחשבות, פֿאַרשוואונדן אין דער פֿאַרטיפֿונג צווישן די צוויי בערגלדיקע הויקערס, — די הויקערס האָבן באַלד דעם קאָפּ פֿאַרשלונגען, ווי צוויי פֿרעמדע האַלב־לעבעדיקע פּאַראַזיטישע באַשעפֿענישן, האָבן אים הונגעריק איינגעזויגן אין זיך ... די הויקערס, וואָס ער האָט געהאַט נישט פֿון געבורט אָן.

ער האָט זיי געקראָגן ערשט מיט אַ יאָר צען צוריק, בעתן פּאָגראָם אין זיין אוקראַיניש שטעטל — אין דעם סטעפּישן כמעלניצקי־שטעטל, וואָס איז שוין זינט עטלעכע יאָר אָפּגעווישט געוואָרן אינגאַנצן פֿונם פּנים פֿון דער ערד — אין טעטייעוו. די פּאָגראָמשטשיקעס, אָט יענע שכנים זייערע פֿון די אַרומיקע סטעפּישע כוטאָרן און דערפֿלעך, וועלכע ער האָט אַ גאַנץ לעבן געקאָנט פֿאַר רואיקע און פֿרידלעכע באַשעפֿע־נישן, און וועלכע זיינען מיטאַמאָל געוואָרן גאָרנישט צו דערקאָנען, ווי אַ שטיל היימיש טייכל, אויף וועלכן מען שיפֿט און מען באָדט זיך, ווי אויפֿן בויך פֿון אַ פֿרידלעכער חיה און וואָס בעת אַ געוויסער גייט עס אַזוי פֿלוצלינג און שנאַהדיק אַרויס פֿון די ברעגן און מאַכט אָן אַ נישט־געריכטן חורבן — איז אָט יענע־אָ ... זיי האָבן עס אים דעמאָלט אַרויסגעשליידערט אויפֿן שטיינערנעם ברוק פֿון זייער הויף — אַרויסגעשליידערט פֿונם הויכן פֿענצטער פֿון אַ בוידעם, וואו ער האָט זיך צוויי טעג און צוויי נעכט געפּרובירט פֿון זיי אויסצובאַהאַלטן.

איז אין פֿאַרגלייך מיט די איבעריקע מיטגלידער פֿון דער היפּשער מאַלבימשער משפּחה, וועלכע זיינען אַלע אויסגעשאָכטן געוואָרן, איז

ער דאָך, אייגנטלעך, אָפּגעקומען גאָר מיט גרינגן: בלויז די שולטער־ביינער צעבראָכן, עטלעכע אויבערשטע ריפּן צעשמעטערט, און נאָך עפּעס דאָרט אַ פּאָר קלייניקייטן „אינעווייניק". נאָר ווען אים איז מיט עטלעכע חדשים שפּעטער ענדלעך געלונגען צו אַנטלויפן קיין אויסלאַנד, האָבן אים שוין אַרויסגעשפּראָצט אויפן רוקן און אויף דער ברוסט צוויי היפּשע הויקערס... און זיי זיינען נאָכאַנאַנד, מיט יעדן חודש ממש, געוואַקסן און גרעסער געוואָרן — ווי די פּרוכט פון אַ זינד, אַ מאָרד־זינד, ווי אַ פרעמדער שנאה־זאָמען, וואָס איז איינגעפלאַנצט געוואָרן אין זיין גוף. פונם פּאָגראָם איז אים, הייסט עס, גאָר עפּעס נאָך צוגעקומען.

ער האָט זיך באַזעצט אין פּאַריז, איז געוואָרן דאָרט אַן אַרבעטער, אַ „מאַראָקינער"2).

און צי פון דעם, וואָס זיין געזונט בכלל איז זינט „דעמאָלט" שטאַרק אונטערגעגראָבן געוואָרן, צי גאָר פון דעם, וואָס אויף אים — אַ זון פון אַ פאַרמעגלעכן פּאָדאָליער ישובניק, וועלכער האָט קיינמאָל אין לעבן נישט געטאָן קיין שווערערע אַרבעט, ווי לייענען ביכלעך דורכן טאָג, און שפּאַצירן, מעשה שטאָלצער האָן, דווקא מיט עטלעכע מיידלעך מיטאַמאָל אין די קליינשטעטלדיק־זומערדיקע פאַרנאַכטן — איז אויף אים, הייסט עס, געפאַלן שווער די טאָג־טעגלעכע אַרבעט אין אַטעליע3) — אַזוי, צי אַזוי: מיט אומגעפער אַ יאָר צוריק האָט זיך מאַלבים אָנגעהויבן צו באַקלאָגן אויף די לונגען אויך.

די דאָקטוירים האָבן אים דעמאָלט געהייסן אַרויספאָרן אויף עטלעכע חדשים אין דעם מילדן גן־עדנדיקן קלימאַט פון דער פראַנצויזישער ריוויערע. גלייכער וואָלט אודאי געווען צו טאָן עס אינם ווינטער: די פּאַריזער ווינטערס — נישט אַזוי ווינטערס, ווי לאַנגע, זיבן־חדשימדיקע הערבסטן — מיט זייערע רעגנס און נעפּלען, זיינען פאַר מאַלבימען געווען ממש סם. אָבער אַרויסגעפאָרן איז ער פונדעסטוועגן דווקא זומער — ערשטנס, האָט ער סיי־ווי־סיי זומער־צייט נישט געהאַט קיין אַרבעט; צווייטנס, זומער — שוין נאָכן סעזאָן אויף דער ריוויערע — קאָסט דאָרט אַלץ אַסך ביליקער... אַשטייגער, אינם פּאַנסיאָן, וואו מאַלבים איז איצט איינגעשטאַנען, האָט ער געצאָלט אינגאַנצן 25 פראַנק אַ טאָג, „טו קאָמפּרי"4).

.4

ווען דעם באַראָן האָט ער שוין געהערט עטלעכע מאָל רעדן דעם ווירט פונם פּאַנסיאָן.

דאָס איז געווען אַ ברייטער, נידעריק־וואוקסיקער פּראַנצויז מיט איין אויגל, דאָס רעכטע, תּמיד אַ פאַרזשמורעטס, ווי ביי אַ דרעמ־לענדיקן קאָטער; און מיט אַ צוויטן, אינגאַנצן אַ פאַנאַנדערגעעפנטן, אָבער פאַרצויגן אויף דריי־פערטל מיט אַ בעלמע.

ווען נאָר עפּעס פלעגט גיין נישט כשורה אינם פּאַנסיאָן, ווען נאָר עמעצער פון די פּאַנסיאָנערן פלעגט מיט וואָס נישט איז זיין נישט־צופרידן, פלעגט מען שוין דערהערן פון אים דעם פּזמון:

— וואַרט, מעסיע־דאַם[5]), אין עטלעכע טעג אַרום וועט קומען אונזער באַראָן... אַ, מסיע־דאַם, אַלץ וועט שוין דעמאָלט זיין גוט... אָט...

— וואָס אמת, איז אמת, — ער איז טאַקע אַביסל... אַביסל דאָסיק, אונזער באַראָן — פלעגט דער ביטערער פראַנצויז קלוגינקע אָנווייזן זיך אַליין אויפן מוח — קאָמפּראַנע, ווי אַלע רוסן... אָבער אַ וואוילער איז ער ביז גאָר... און אַזאַ געבילדעטער! איז תּמיד גרייט אַלעמען צו דינען! ער טוט דאָ ביי אונז אייגנטלעך גאָרנישט, אַבסאָלוט גאָר־נישט, כאָטש מיר גיבן אים פריי צו עסן. מיר האַלטן אים אָבער דאָ דערעיקרשט צוליב דער באַקוועמלעכקייט פון די געסט...

מאַלבים פלעגט זיין זייער צופרידן, וואָס דער באַראָן ווייזט זיך פונדעסטוועגן אַלץ נישט. ער האָט זיך געשראָקן פאַר דער אומפאַר־מיידלעכער באַגעגעניש. כאָטש פאַר די יאָרן וואָס מאַלבים האָט גע־וואוינט אין פראַנקרייך, האָט ער שוין גוט געוואוסט:

— אַזאַ מין באַראָן, צי גענעראַל, צי פירשט, איז איצט שוין אודאי אַ מענטש אַ געשלאָגענער. ס'איז נישט די אַמאָליקע באַראָנען, גענעראַלן און פירשטן...

אָבער דער קראַנקער מוח, וואָס האָט זיך אָט די אַלע יאָרן אַרומ־געטראָגן מיט אַ באַליידיקונג נישט צום אויסהיילן, האָט אויף קרומע וועגן צונויפגעפּאָרט דעם נאָך נישט געזעענעם באַראָן מיט אָט יענע אַמאָליקע שכנים — צוערשט גוטע און פריידלעכע מענטשן, וועלכע זיינען דערנאָך געוואָרן שוין מער נישט צו דערקאָנען... מיט אָט יענע באַשעפענישן, צוליב וועלכע דער שטאָלצער מאַלבים, וועלכער

פלעגט מיט יאָרן צוריק אַזוי הענעריש אַרומשפּאַצירן דוקא מיט אַ גאַנצער באַפּטע פאַרערנדיקע מיידלעך אין די קליינשטעטלדיקע פאַרנאַכטן, איז געוואָרן צוערשט אַ הויקער און אַ קריפּל, און שפּעטער מיט יאָרן — אַ קראַנקער און קרענקלעכער אַלטער בחור; געוואָרן אַ פאַרזועניש, וואָס איז געווען פאַרמשפּט (מאַלבים האָט עס קלאָר געוואוסט) איינזאַם אויסצולעבן אַלע זיינע פאַרבליבענע יאָרן אין אַ קליינטשיק צימערל אויף אַ שמאָלינקער געסל פון דער שטאַרק־פריילעכער און שטאַרק־פּרעמדער שטאָט פּאַריז — אין אַ טונקל, ביליק האָטעל־צימערל, אַכט פראַנק אַ טאָג... דאָס לעצטע מאָל — ערגעץ אין אַ פאַרדעכטיק האָטעלכל אַרום פּאָרט סעינט דעני.

.5

אויף מאָרגן, ווען מאַלבים איז אַרונטער פון זיין צימער אויף מיטאָג — צוליב די גרויסע היצן פלעגט דער מיטאָג סערווירט ווערן תמיד אין גאָרטן, צווישן די זומערדיקע, נאָך ניט פאַנאַנדערגעבליטע אָראַנזש־ און ציטרינען־ביימער — האָט זיך צווישן די טישן שוין אַרומגעדרייט, קעלנעריש־פאַרשמאַיעט, אַן עלטערער מאַנספּאַרשוין: הויך, אַ נאַקעט־עלפאַנטביינערנער קאָפּ, אַ לאַנגע סיווע באָרד כמעט ביזן גאַרטל.

צווישן די געסט, ביי די קאַלטע מירמלשטיינערנע טישלעך, האָט געהערשט היינט אַ באַזונדערע לוסטיקייט, אַ פריידיקע אויפגעלייגטקייט. פון פאַרשיידענע זייטן האָבן זיך געהערט בקשות, באַשטעלונגען, באַפעלן:

— הער באַראָן, איינע פּאָרציאָן קרעם, ביטע...

— מסיע לע באַראָן, דיו סעל, סיל וואו פּלע...(6)

— מיסטער בעראָן, דהי מאָסטערד, איף יו פּליז...(7)

דער הויכער מאַנספּאַרשוין מיט דער לאַנגער סיווער באָרד, עטוואָס אַן איבערגעבויגענער, האָט אַרומגעטאַנצט מיט אַן אַסטמאַטישן אָטעם צווישן קיך און טישלעך, האָט מיט אַן הכנעהדיקן שמייכל באַמיט זיך אויסצופירן יעדן איינעמס באַפעל וואָס גיכער: מיט יעדן איינעם פון די געסט האָט ער גערעדט זיין שפּראַך. און אַז ער פלעגט פאַרטיק ווערן, פלעגט ער בלייבן שטיין אָנגעשפּאַרט אָן דעם שטעכעדיקן, דיקן, פעסט־זיצנדיקן שטאָם פון אַ פּאַלמענבוים, סאָפּען שווער,

אונטערשטעלן דעם נאַקעט־עלפאַנטביינערנעם קאָפּ דער פּאַליענדיקער האַלב־טראָפּישער זון און מיט אַ געטריי־הינטישן אויסדרוק אויפן פּנים בלייבן וואַרטן אויף ווייטערדיקע באַפעלן.

מאַלבים האָט זיך געסטאַרעט מיט אַלע כחות נישט צו קוקן אויף יענעם, נישט אויפצוהויבן אפילו זיינע בליקן אין יענעמס זייט. ווייל ווי נאָר דער באַראָן פלעגט כאַפּן זיינעם אַ בליק, פלעגט ער גלייך צו אים צולויפן אַן אַן אָטעם.

— וואָס ווינטשט איר, מיין הער?

— קע דעזירע־וואו, מסיע?8)

— ווהאַט דו יו וויש, סער?9)

אויף דריי־פיר שפּראַכן פלעגט ער איבערחזרן יעדע פראַגע... נאָר מאַלבימס קאָפּ פלעגט זיך טשערעפּאַכע־אַרטיק טיף אַריינציען אינם טאַלעכל צווישן די צוויי הויכע האָרבן: די אויגן פלעגן זיך פאַרטיפן אינם טעלער פאַר אים. ער פלעגט נישט ענטפערן. ער האָט נישט פאַרשטאַנען...

6.

דאָס מאָל האָט ער אָבער אויפן דעסערט יאָ געוואָרט: נאָכן עסן איז ער אויך נישט אַוועק גלייך צו זיך אין צימער. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ דאָרפיש־אויסגעפלאָכטענער באַנק פון רויען האָלץ, פון וועלכן די קאָרע האָט זיך אומעטום געשיילט: אַביסל טיפער אינם גאָרטן, אינם שאָטן פון אַ פייגנבוים.

דאָ איז געווען גאָר אַ מחיה. די היפשע פינף־ווינקלדיקע בלעטער פונם זיך־ערשט פאַנאַנדערבליענדיקן פייגנבוים האָבן געשפּרייט אַרום זיך געגנוג שאָטנס אויף צו קאָנען דאָרט באַקוועם כאַפּן אַ דרעמל, וואָס מאַלבים האָט טאַקע געטאָן. אָבער ווען מאַלבים וואָלט זיך אַליין נאָר נישט געוואָלט נאַרן, וואָלט ער געמוזט צוגעבן:

— דאָס האָט ער גערדרעמלט גלאַט אַזוי, צוליב אָנשטעל בלויז... אין דער אמתן האָט ער אויף עפּעס די גאַנצע צייט געוואַרט.

— אַך, זענט איר, הייסט עס, אַ רוס גאָר?... — האָט מען אים אין אַ קורצער ווײַלע אַרום טאַקע איבערגעריסן דעם דרעמל — דער־פאַר האָט איר מיר נישט געענטפערט אויף מיינע פראַגעס! דערלויבט־

זשע מיר אויף אַ ווײַלע צוצוזעצן לעבן אײַך... אַך, גאָט מײַנער! די פּיס ברעכן אַזוי...

מאַלבים האָט אויך איצט גאָרנישט געענטפערט. נאָך בעתן מיטאָג האָט ער באַשלאָסן אײַנגאַנצן נישט צו רעדן צו יענעם: ער האָט זיך אַליין נישט געטרויט, אויב ער זאָל נאָר אָנהויבן רעדן. ס'האָט זיך גלײַך אַרויסגעוויזן, אַז ס'איז אויך טאַקע נישט געווען נויטיק. יענער האָט זיך אַזוי דערפריִיט מיטן אָנגעטראָפענעם „לאַנדסמאַן", אַז קיינער וואָלט סײ־ווי־סײ נישט געווען איצט אימשטאַנד אָפּצושטעלן דעם פּאַנאַנדערגעעפנטן קוואַל פון זײַנע רייד.

— און איר זענט נאָך, הייסט עס, אַ שטיקל זשורנאַליסט? — מאַלבים האָט געשטווינט צו הערן אַזאַ פראַגע. ער האָט אָבער פאַרשטאַנען, אַז דער פראַנצויזישער ווירט, וועלכער האָט באַמערקט בײַ אים אין צימער אַ צאָל ביכער, האָט עס אים אודאי געמוזט אָפּרעקאָמענדירן אַזוי פאַר דעם באַראָן. — הייסט עס, שטיקלעך שונאים זײַנען מיר שוין... ווײַל איך בין — אַ צענזאָר... דאָס הייסט, געווען... אַמאָל... איך קאָן אַסך שפּראַכן: איך האָף, אַז איך קאָן זיי נאָך איצט אויך... אין יאָר 1905 בין איך געווען אַפילו, ווייסט איר, הויפּט־איבערזעצער בײַם שטאַב פון גענעראַל ליניע־וויטשעס אַרמיי אויפן ווײַטן מזרח...

אין דער געשטאַרקטער היץ פונם בײַטאָג האָבן נאָכאַנאַנד געזשומעט און אײַנגעשפּאַרט געביסן אָן אַ צאָל ברעג־ים־פליגן. ניט ווײַט פון דאַנען איז געווען דער פישער־דאָרף פון קראָ־דע־קאַין. מאַלבים איז געווען צו־שוואַך קעגן זיי, קעגן די ים־פליגן.

— דאָס איז גאָרנישט... — דעם באַראָנס קול האָט געקלונגען באַרואיקנדיק און געלאַסן — בײַנאַכט איז דאָ נאָך ערגער... יאָ. זיי הייסן דאָ: „מוסטיק"... אַזעלכע פּאַסקודנע אינסעקטן האָב איך באַגעגנט בלויז אין סיביר... האָ? בין געווען אַמאָל גובערנאַטאָר פון אַ גרויסער פּראָווינץ אין טורקעסטאַן... אגב, כ'האָב דאָרט געמאַכט אויך דעמאָלט וויכטיקע געאָגראַפישע אויספאָרשונגען. בין אַ מיטגליד פון דער קייזערלעכער געאָגראַפישער געזעלשאַפט... אין די אוראַלטע וועלדער פון צענטראַל־סיביר איז אַפילו דאָ אַ שטעג, וועלכער ווערט ביז אויף הײַנטיקן טאָג אָנגערופן אויף מײַן נאָמען.

מאַלבים האָט אַלץ געשוויגן, אײַנגעשפּאַרט געשוויגן.

דעם באַראָנס אויגן האָבן זיך פּלוצלינג ברייטער פאַנאַנדער־נעעפנט אויף מאַלבימען, האָבן אויסגעדריקט פּיינלעכן חשד.

— איר דאַרפט נישט דענקען, אַז ווייל איך בין אַמאָל געווען א גובערנאַטאָר... איך בין תמיד געווען קעגן בלוט־פאַרגיסונג — האָט ער זיך אזש געבעטן ביי יענעם — טאַקע דעמאָלט, בעת איך בין געווען גובערנאַטאָר אין טורקעסטאַן, איז פאָרגעקומען אַן עקספּע־דיציע פונם רוסישן חיל קעגן איינעם א געבירטיקן שבט... אָבער איך בין געווען די גאַנצע צייט קעגן די קאַמפן! — ער האָט זיך אָנגעהויבן הילכיק קלאַפּן אין ברוסט — מיטן בלויזן כח פון וואָרט האָב איך איבערצייגט דעם הויפּטלינג פון אָט יענעם שבט, ער זאָל זיך אונטערגעבן... יאָ! און איך קאָן אייך פאַרזיכערן: ער האָט זיך איבערגעגעבן ניט דער רוסישער מלוכה, נאָר מיר פּערזענלעך! דער גענעראַל, דער אָנפירער פון אָט יענער עקספּעדיציע־אָפּטיילונג, וועלכער האָט דוקא יאָ געוואָלט א שלאַכט — כדי דערנאָך צו קאָנען באַקומען אָרדנס און אויסצייכענונגען — יענער איז פון דעמאָלט אָן געוואָרן מיט מיר ברוגז אויף טויט... טאַק־ס...

און מאַלבים האָט אַלץ געשוויגן.

7.

פון אויף יענער זייט געדיכטער בלעטער־וואַנט האָבן זיך מיט־אַמאָל דערהערט געשרייען, אויסרופן:

— באַראָן! באַראָן! מסיע לע באַראָן!

דער זקן מיט דער לאַנגער אַריסטאָקראַטישער חשובער באָרד — זי איז געווען אַריסטאָקראַטיש־ווייך און גלאַנציק, ווי טייערער זייד — האָט, קאָנטיק, אויף א ווײַלע פאַרלוירן זיין געדולד, האָט א מאַך געטאָן מיט דער האַנט אויף הינטן, געטריבן פון זיך עמעצן... די קולות זיינען געבליבן שטעקן פון הינטן, אין דער געדיכטער בלענדיק־בלויער היץ פונם האַלב־טראָפּישן זומערדיקן בייטאָג.

— איר שווייגט די גאַנצע צייט... — האָט דער באַראָן הכנעה־דיק אין א מינוט אַרום ווידער אָנגעהויבן — איך קאָן זיך פאָרשטעלן, וואָס איר טראַכט איצט וועגן מיר... דערהויפּט נאָך ווייל איר זענט א איד... — זיין אַסטמאַטישער קול האָט ענדלעך, דוכט זיך, גע־קראָגן זיכערקייט, און זיך שוין אויף א לענגערער ווײַלע נישט איבער־

גערים. — איך פאַרזיכער אייך אָבער, אַז איך האָב תמיד געוואָרנט די בורזשואַזיע, אונזערע מלוכה־קרייזן, אַז זיי מוזן עפּעס טאָן פאַרן פאָלק, אויב זיי ווילן אַז דאָס פאָלק, וועלכעס לעבט אַליין אין אַזאַ מוראַדיקער דחקות און נויט, זאָל קאָנען פאַרזען די הולטאַיסטווע און דעם לוקסוסדיקן לעבן אַרום זיי... — זיין שטים איז געוואָרן נאָך פעסטער. — איך בעט אייך זייער, איר זאָלט מיר גלויבן! איך האָב פאָראויסגעזען אַ רעוואָלוציע — יאָ, אַ שטראָף, וועלכע האָט געדאַפּט, געדאַרפט קומען!... אַ! מסיע... — האָט ער זיך פּלוצלינג איבערגעהאַקט און דערשראָקן אויסגעשריען — וואָס איז דער מער מיט אייך? איר זענט געוואָרן אַזוי... אַזוי בלייך...

— גאָרנישט... — האָט מאַלבים קוים געהאַט כח אים צו ענט־פערן — מיר איז געוואָרן עפּעס אַזוי נישט גוט... ס'איז מסתמא די היץ...

— נאַט... — דער באַראָן האָט אָפּגעריסן אַ פּאָר טרוקענע בלעטלעך פון אַ דערבייאיקן ציטרין־בוים, האָט זיי צעריבן מיט די פינגער אויף דער דלאָניע פון דער רעכטער האַנט — נעמט, גיט אַ שמעק, ס'וועט אייך בעסער ווערן... איבעריקס, אויב איר ווילט, קאָן איך אייך עקזאַמענירן... ווען איך בין נאָך געווען בסך־הכל אַ בחור פון אייניקע־און־צוואַנציק יאָר האָב איך שוין געענדיקט אויף דאָקטאָר־מעדיצין אין דער פּאַריזער עקאָל דע מעדיסין. כאָטש איך האָב מעדיצין קיינמאָל נישט פּראַקטיצירט: איך בין, אייגנט־לעך, אַ „נאַטוריסט", לויט מיינע מעדיצינישע איבערצייגונגען... כ'קאָן אייך זאָגן, אויב איר ווילט, איינס־און־צוויי, וואו עס האַלט מיט אייך, מיט אייער גאַנצן אָרגאַניזם, אויב איך זאָל בלויז אַריינ־קוקן גוט אין אייערע אויגן... אַ־נו! הויבט נאָר אָקאָרשט גוט אויף אייערע אויגן־דעקלעך...

ער האָט ליכט אָנגענומען מאַלבימען פאַר ביידע זייטן פונם פאַרנשטן הויקער, אים אַביסל אָפּגעשטופּט פון זיך כדי ער זאָל אים קאָנען בעסער אַריינקוקן אין די אויגן, באַטראַכטן. מאַלבים האָט פּלוצלינג, ווי ניט מיט זיין אייגענעם קול, אויסגעשריען:

— נעמט אַוועק פון מיר אייערע שמוציקע הענט... ווי וואַגט איר מיך אָנצורירן?

פון צווישן דעם היפּשן בלעטערוואַרג פונם פייגנבוים האָט זיך

גליַיך אַרויסגערוקט דאָס בייזע פּנים פונם נידעריק־וואוקסיקן פראַנ־צויז, דעם פּאַנסיאָן־ווירט.

—קעל דיאַבל10) — האָט ער אַזש געפּייערט אויפן באַראָן מיטן לינקן אויג זייַנעם, דעם אויף דריי־פערטל באַצוויגענעם מיט אַ בייזער רשעותדיקער בעלמע — וואָס באַהאַלט איר אייך אויס אַ גאַנצן טאָג... איר, רוסישע פּוילענצער! רק ער וואָלט געפּלאַפּלט און געפּלאַפּלט! און די דילן אין קאָרידאָר האָט מען שוין אַ גאַנצע וואָך נישט געוואַשן... און דאָס גראָז אויף דער לאָנקע... און... וואָס דענקט איר, צום טייוול! איר וועט דאָ פרעסן ביי מיר אומזיסט?

דער באַראָן הויבט זיך דעמאָלט אויף פון באַנק, נישט ענטפערנ־דיק קיין וואָרט. ער לאָזט בלויז אַרונטער נידעריקער דעם קאָפּ צו דער לאַנגער בכבודיקער סיוועך באָרד זייַנער, וועלכע איז געוועזן ציכטיק און גלאַנציק ווי פייַנער זייַד. ער טראָגט זיך אָפּ אָן אַ וואָרט, ווי אַ נעשמיסענער הונט.

— נו, וואָס האָט איר דאָ גערעדט מיט אים — האָט דער פּאַנסיאָן־ווירט, ווי גאָרנישט וואָלט פּאַסירט, זיך גליַיך געווענדט צו מאַלבימען מיט אַ זיסן פראַנצויזישן האָניק־שמייכל. — אַ־יאָ, ער איז אַן אינטעליגענטער מענטש, אונזער באַראָן... קאָן אפשר צען שפּראַכן... רעדט דייַטש, פראַנצויזיש, פּויליש, איטאַליעניש, ענגליש און... וואָס ניט? אפילו רוסיש אויך... כאַ־כאַ — האָט ער זיך באַלעקט פונם אייגענעם וויץ. — מער נישט, זיי זייַנען גרויסע פּוי־לענצער, די דאָזיקע רוסן... איר זעט דאָך, איר מיינט, איך וואָלט אים דאָ געהאַלטן אפילו איין טאָג, ווען נישט צוליב דער באַקוועמ־לעכקייט פון די געסט? אָך, איר איילט זיך אַוועקצוגיין... באָן זשור, מסיע מאַלבים! מערסי ביען!

.8

ווען מאַלבים איז אַרויפגעגאַנגען שפּעטער אַ ווײַלע צו זיך אין צימער, האָט ער שוין געטראָפן דעם באַראָן קניענדיק אויף די שטיי־נערנע שטיגן. לעבן אים — אַן עמער וואַסער מיט זייף, אַ האַרטע דראָטענע בערשטל, אַ שמאַטע. ער האָט ענערגיש געהאַלטן אין קראַצן און רייניקן די שטיינערנע טרעפּ פונם אַלטן פּראָוואַנסאַלישן שאַטאָ.

ער האָט זיך שנעל אויפגעהויבן אין זיין גאַנצער הויך, צוגע־פּלעטשט זיך אַזש צו דער וואַנט, געלאָזן דעם הויקער דורכגיין. ער האָט זיך נאָך אונטערטעניק פאַר אים אַנטשולדיקט, הלמאי ער האָט נישט געמאַכט גענוג שנעל.

מאַלבים האָט קיין וואָרט נישט געענטפערט. און כאָטש ער האָט זיך באמת נישט אויפצוהויבן די אויגן, האָט ער באַמערקט: דעם באַראָנס לאַנגע סיווע באָרד איז געווען איצט אַרומגעבונדן מיט אַ טאַשנטיכל אַרום האַלז — אפנים, אַז זי זאָל זיך ניט אַפּטונקען אין עמער זייפיקן, שמוציקן וואַסער.

סאַמע ביזן אָוונט איז מאַלבים דערנאָך געזעסן ביי זיך אין צימער, געקוויקט זיך מיט דעם זיך־פאַנאַנדערשפּילנדיקן ים־ווינט, וואָס האָט זיך ממש מיט יעדער רגע געשטאַרקט, זיך פאַרגאַנגען אין אַ דין פּיפּערייַ, ווי אַ קינדיש געוויין, האָט געריסן די צווייגן פון די פייגן־בוימער און פּערסיקעס־בוימער אונטן אין גרויסן גאָרטן. דאָס האַרץ האָט אים גענאָגט, גענאָגט... און ער האָט נישט געוואוסט: איז עס געווען די אַלטע באַקאַנטע נאַגעניש איבער דעם אומגליק וואָס האָט מיט אים אַליין מיט יאָרן צוריק פּאַסירט, אָדער איז עס גאָר געווען אַ נייע נאַגעניש — אַ פאַרדראָס אויף זיך אַליין, הלמאי ער האָט אַזוי באַליידיקט דעם אַלטן געפאַלענעם מענטש.

צו וועטשערע איז ער יענעם אָוונט נישט אַראָפּגעגאַנגען: אין דרויסן האָט זיך דער ווינט נאָך מער פאַנאַנדערגעבושעוועט.

פאַרן שלאָף האָט עמעצער אָנגעקלאַפּט אין טיר.

— איך האָב אייך בלויז געוואָלט וואָרענען... — האָט זיך אין דער אויף־העלפט געעפנטער טיר באַלד באַוויזן דעם באַראָנס נעבעכדיק געזיכט. — איר זאָלט פאַרמאַכן די פענצטער... אין דרויסן האָט אָנגעהויבן בלאָזן אַ מיסטראַל...11)

מאַלבים האָט נישט אויפגעהויבן די אויגן.

— יאָ... און נאָך עפּעס... — דעם זקנס שטים האָט געקלונגען אונטערטעניק און באַזאָרגט. — איך זע, אַז איר האָט פאַרגעסן אַרויס־צושטעלן פאַר דער טיר אייערע שיך אויף איבער נאַכט, צו פּוצן... גיט זיי מיר אַהער...

— מען דאַרף נישט.. — האָט מאַלבימען אַ שפּאַר געטאָן צום האַלז אַ נאַסע זאַלציקע שטיק: ער האָט געמוזט שטאַרק פאַרבייסן די ליפּן, ער זאָל זיך נישט פאַנאַנדעריאָמערן הויך אויף אַ קול —

איך בעט אייך זייער, זייט זיך נישט מטריח... איך... איך פוץ אַליין מיינע שיך. — ער האָט אים בייז אָנגעהויבן יאָגן פון דער טיר.
— גייט... גייט שוין... לאָזט מיך...

און ווען דער אַלטער באַראָן האָט זיך אַלץ נישט גערירט פון אָרט, איז געשטאַנען אַזוי מיט אַן אונטערטעניק־אַרונטערגעלאָזטן קאָפּ, האָט מאַלבים מער נישט געקאָנט אויסהאַלטן, איז אַנטלאָפן אין אַ ווינקל־צימער און זיך אַוועקגעדרייט מיטן פּנים צו דער וואַנט. זיין גרויסער קאָפּ — ס'איז געווען ווי אַ קאָפּ, וואָס האָט גאָרנישט באַלאַנגט צו אָט דער קורצינקער פיגורל, נאָר איז געווען געבאָרגט פון עפּעס אַ הויכן, שטאָלצן געשטאַלט — דער קאָפּ האָט בלויז אָנגעהויבן נאָכ־אַנאַנד צו ציטערן צווישן די צוויי אומבאַוועגלעכע בערגלעך פונם הויקער.

מעכטלען (בּרעג־ימישע מַלפּן) 1930.

אַ שפּאַס

.1

מיסטער הענרי פרימען, א דערפּאָלגרייכער ביזנעסמאַן און היפּש־רייכער מענטש פון דער שיקאַגער „לופּ״, האָט זיך געפונען היינטיקן זומער אויף א פאַרגעניגנס־רייזע אין פּוילן.

אויף דער פינפטער וואָך פון זיין באַזוך איז אים פּלוצלינג איינגעפאַלן א טשיקאַווער געדאַנק: ער וועט גאָר נעמען און זיך דורכפאָרן קיין ק . . . האַ, פאַרוואָס נישט? וואַט דו יו סעי, באָי? (1

דער „באָי״, דאָס הייסט טאַקע ער אליין, מר. הענרי פרימען, וועלכער האָט זיך עס צו זיך אליין געווענדט מיט דער דאָזיקער פראַגע, האָט גלייך איינגעשטימט.

— יעס... טאַקע מאָרגן אינדערפרי נעמט ער דעם טרעין(2 — האָט אָט דער נישט־געריכטער איינפאַל אים אַזש געמאַכט אומגעדולדיק — דעם „פּאַטשאַנג״, ווי זיי רופן עס דאָ.

ווייל — פאַרוואָס טאַקע נישט שוין, גלייך? אין וואַרשע איז ער דאָ שוין באַלד פינף וואָכן, און פאַר אָט דער צייט איז ער אויסגעווען, דוכט זיך, אין אלע לוסט־פּלעצער, אין אלע היגע קאַוויאַרנעס; אין דער זשעמיאַנקע (אי אין דער גרויסער און אי אין דער קליינער), ביי לורסן, אין בריסטאָל, אין די לאַזשענקעס, אויף דער ווייסל... אויך אין א ריי אנדערע ערטער, וועמעס נעמען קענען דאָ אודאי נישט דערמאָנט ווערן. בקיצור, אין אָט אלע יענע רייכע ערטער און ערטערלעך, וואָס אין דער יוגנט זיינער האָט ער בלויז געהערט זייערע נעמען, אָדער אפשר בלויז געזען, פאַרבייגייענדיק, זייערע שילדן...

איז — וואָס ווייטער? מ׳שטיינס געזאָגט, וואָסערע „עקסייטמענטס״(3 א שיקאַגער מענטש קאָן עס שוין האָבן אין א וואַרשע! כאַכאַ... און ער האָט עס די גאַנצע צייט זיך אַזעלכעס פאָרגעשטעלט פון אָט די אלע ערטער, וואָס אין דער יוגנט האָט ער ניט געהאַט די העזה אפילו צו חלומען פון ווען־עס־איז באַזוכן זיי.... דאָס איז דאָך געווען אין אַמעריקע זיין אייביקער טרוים! אָבער — וואָס? קעגן שיקאַגאָ איז דאָך וואַרשע ממש א קאַונטרי־פּליים!(4

איז עס דעריבער ממש געווען א גליק, וואָס מר. הענרי פרימען האָט זיך אַזוי נישט־געריכט דערמאָנט אָן דער פּיטשינקער שטעטעלע

ק., וואו ער האָט איינמאָל אָפּגעלעבט א גאַנצן זומער. ער איז, נעמליך, געגאַנגען א זמן אין דער דאָרטיקער ישיבה. דאָס איז געווען מיט יאָרן און יאָרן צוריק — אודאי מיט גאַנצע פינף־און־צוואַנציק יאָר צוריק. פינף־און־צוואַנציק יאָר איז טאַקע אליין א גאַנץ גרויסע ציפער, א גאַנץ היפּשער אָפּשניט פון א מענטשנס לעבן ; נאָר ווען מר. פרימע־נען — מיט יאָרן צוריק האָט ער געהייסן הערשל פריימאַן, אדער, ווי די חברים האָבן אים גערופן אין דער ישיבה, הערשל דער וואַרשעווער — פלעגט אַמאָל אויפן זכרון אָנפליִיצן די דערינערונג וועגן אָט יענעם זומער פון די ווייט־ווייטע קינדהייט־יאָרן זיינע, פלעגט זיך אים דוכטן : דאָס איז געווען נישט מיט פינף־און־צוואַנציק יאָר צוריק, נאָר לכל־הפּחות, מיט גאַנצע הונדערט יאָר צוריק : נישט ער, נאָר עמיצער אַנ־דערש עפּעס, אַן אָפּגעריסן־אָפּגעשליסן אינגל וואָס קומט אים אַמאָל צו חלום, איז עס אין יענער ישיבה געגאַנגען...

ס'האָט דעריבער באמת פאַרשפּראָכן צו זיין זייער א שאַרפע סענסאַציע — אָט דאָס ווידער־באַזוכן אַן אָרט, וואו מען איז נישט געווען, הייסט עס, שוין גאַנצע הונדערט יאָר. דאָס שטעטעלע ק. האָט זיך געפונען ערגעץ צווישן פּלאָצק און קוטנע — אין גאַנצן עטלעכע שעה מיט דער באַן פון וואַרשע. איז שוין אויף מאָרגן, נאָכמיטאָג פון א הייסן פאַרנעם זומער־טאָג, האָט זיך מר. פרימען געטרייסלט אין א לאַנגער פויערשער פור, וואָס האָט אים געפירט פון דער באַן־סטאַנ־ציע אויפן וועג צו אָט יענעם שטעטעלע, וואוהין אַן אייזנבאַן האָט נאָך עד היום, — נאָך פינף־און־צוואַנציק, צי נאָך הונדערט יאָר, — אַלץ נישט דערגרייכט.

די פור איז געווען א שמאָלע און א לענגלעכע. זי האָט זיך גוואַלדיק געוואָרפן אויפן גריבערדיקן שאָסיי, וואָס האָט זיך געצויגן צווישן נידעריקע טאָרף־וועלדער. מר. פרימענס ביינער האָבן זיך אזוי געטרייסלט, אז ס'האָט זיך געדוכט : אָט־אָט און זיי שיטן זיך אינ־גאַנצן פאַנאַנדער... דער אמעריקאַנער פּאַסאַזשיר איז געזעסן א האַלב־פאַרחלשטער פון דער פאַרנער היץ, אַן איינגעטונקטער אין שטרוי, און געהאַלטן אין איין טרייסטן זיך :

— אָט־אָט, און עס באַווייזן זיך שוין ענדלעך די ערשטע האַלב־פאַנאַנדערפאַלנדיקע הייזלעך פונם שטעטעלע...

דערוויל אָבער האָבן זיך בלויז געזען נאָכאַנאַנד נידעריקע, זומ־פּיקע פעלדער. פויערים, מיט פאַרשטעקטע ארבל און פאַרקאַטשעטע

הויזן, זיינען דאָרט געשטאַנען ביז די קני אין וואַסער, האָבן אויסגע־שניטן אינם גרונט פיר-עקיקע שטיקער טאָרף, און זיי צענויפגעלייגט קופּעס-ווייז. און שפּעטער פלעגן אינם גרונט, נעבן די קופּעס שוואַרצן, פעטן טאָרף, זיך באַווייזן גרויסע פיר-עקיקע סאַזשעלקעס וואַסער. זיי האָבן אויסגעזען ווי בלוי־גרינלעכע אויגן, מיט וועלכע די אונטערער־דישע וואַסערן האָבן שטיל און זיך וואונדערנדיק, מיטן חדוש פונם ע ר ש ט ן מאָל, ארויפגעקוקט צום הימל־צו.

.2

גאָרנישט... נאָר ס'איז געווען פונדעסטוועגן מאָדנע:

נאָך אזוי פיל ענדערונגען אויף דער גאַנצער וועלט, און נאָך אזוי פיל ענדערונגען אין זיין אייגענעם פּערזענלעכן לעבן — פון א קליין אינגל, עפּעס א נאַריש הילפלאָז ישיבה־בחורל, ביז צו א דערפאָלגרייכן ביזנעסמאַן, דער אייגנטימער פון א היפשלעכן דעפּאַרטמענט־סטאָר (אייגנטלעך, צוויי דעפּאַרטמענט־סטאָרס: איינעם אין דער „לופּ־געגנט" פון שיקאַגאָ און א צווייטן — אויף רוזוועלט ראָוד) — נאָך דעם אלעמען האָט זיך דאָס דאָזיקע אָרט אויף קיין האָר נישט, אויף קיין ברעקל נישט געביטן! — ס'איז כמעט געווען ווי א פּערזענלעכע באַליידיקונג, א פּערזענלעכע גרינגשעצונג פון מר. פרימענען און אלע זיינע ביז־איצטיקע אויפטואונגען און דערגרייכונגען...

אויפן ערשטן שפּאַציר, וואָס דער אמעריקאַנער האָט געמאַכט איבערן שטעטל, האָט ער גאָרנישט באַמערקט אזוינס, וואָס האָט נישט געלעבט אין זיין זכרון נאָך פון גאָר אמאָל־אמאָל אָן. דערזעלביקער גרויסער, כמעט ריזיקער מאַרק מיטן אלטן מאַגיסטראַט־טורעם אין ווייטסטן ווינקל. (אהא, ער איז טאַקע יאָ פריש־איבערגעקאַלכט גע־וואָרן) דיזעלביקע גאַסן—די פלאַצקער, קוטנער און וולאַצלאַווקער גאַסן וואָס שטראַלן ארויס פונם מאַרק אין דריי פאַרשידענע ריכטונגען; די־זעלביקע מויערן און הייזלעך, דערזעלביקער געשטאַנק פון די פּאָמויעס, וואָס האָבן זיך געשווייגקט אין שמאָלע ריטשקעלעך לעבן די ברעגן פון די טראָטואַרן, אויסגעפלאַסטערטע מיט שפּיציקע קיזלשטיינער, ווי דער גאַנצער מאַרק... אפילו דיזעלביקע ליימיקע בערגלעך הינטער דער שטאָט! קינדערווייז, ווען ער האָט דאָ געלערנט אין דער ישיבה, געדענקט ער, אז מען האָט אָט די בערגלעך גערופן „דער הר־ההר",

ווייל די בערגלעך האָבן גערויטן איינס אויפן אנדערן. דיזעלביקע בערגלעך! ס'איז געווען ווי דער אמעריקאַנער וואָלט דערוואַרט, אַז כאָטש די בערגלעך זאָלן פאַר דער צייט אָפּגעווישט ווערן, אויסגעגליכן ווערן מיט דער ערד...

מר. פרימען האָט ביי אָט די בערגלעך טאַקע פאַרענדיקט זיין שפּאַציר איבערן שטעטל. דער דאָזיקער גאַנצער שפּאַציר, פון איין עק שטעטל ביז דעם צווייטן, האָט געדויערט בסך־הכל א האַלבע שעה. נאָר צום סוף שפּאַציר האָט זיך מר. פרימען דערפילט אַזוי מיד, און אפילו אביסל טרויעריק. ער האָט דאָ אַלץ דערקאָנט; אָבער אים האָט דאָ זיכער קיינער נישט דערקאָנט... נאַטירלעך, כמעט יעדער איינציקער דורכגייער אין גאַס, מאַן אָדער פרוי, יונג אָדער אַלט, ווי פאַרנומען זיי זיינען נישט געווען, האָבן זיך אָפּגעשטעלט אינמיטן שפּאַציר, אָדער יאָגעניש ערגעץ, האָבן אים נאָכגעקוקט מיט גרויס נייגיריקייט: א שטייגער, א פּאַווע איז געקומען צופליען פון די ווייטע לענדער.... אָבער ער האָט גוט געוואוסט: דאָס האָט דער אַמעריקאַנער אויפגעוועקט דאָ אַלעמענס נייגיריקייט, און ניט זיין באַזונדערע פּערזאָן...

יע, ס'איז אים געוואָרן, נעבעך, זייער טרויעריק אויפן געמיט; אים איז דאָ אַלץ אַזוי אייגן, אַזוי טייער, אַזוי נאָענט — א שטיק פונם אייגענעם לעבן. די אַרומיקע, אָבער, איז ער א פרעמדער... קיין איין באַקאַנטן פּנים פאַר דער גאַנצער צייט ניט געטראָפן! צוליב וואָס איז ער אינגאַנצן געקומען אַהער?

אָבער מיט א פרייען און אומאָפּהייננגיקן אמעריקאַנער בירגער איז זיך נישט אָנצוהייבן... ער וועט טאַקי נעמען און גלייך אוועקפאָרן צוריק קיין וואַרשע! אָבער ווען? א צוג — פון דער נאָענטסטער סטאַנציע, א צוואַנציק קילאָמעטער פון דאַנען — גייט ערשט אָפּ מאָרגן בייטאָג... אָבער מאָרגן איז דאָך פרייטיק. לוינט זיך שוין ניט. מילא... וועט ער שוין דאָ פאַרבלייבן איבער שבת.

— ער איז דאָך שוין אַזוי לאַנג נישט געווען שבת אין א קליין אידיש שטעטעלע... — האָט ער ווי זיך אַליין צוגערעדט און איבערגע־רעדט — אפשר מיט גאַנצע הונדערט יאָר צוריק... ס'וועט אים זי־כער זיין אינטערעסאַנט.

.3

מאָרגן אין אָוונט איז טאַקע א פרייטיק-צו-נאַכטס.

דורכן פרייטיקדיקן טאָג האָט זיך ביים אמעריקאַנער די שטימונג געבעסערט. ס'האָט אים פונדעסטוועגן שטאַרק הנאה געטאָן דער גרויסער אויפזען, וואָס זיין באַזוך האָט ארויסגערופן אין שטעטל... ארויסגייענדיק פון זיין צימער אויפן צווייטן שטאָק פונם „האָטעל" — א צוויי־עטאַזשיקע הילצערנע, האַלב־חרובע געביידע — אין גאַס ארונטער, פלעגט מר. פרימען יעדעס מאָל באַמערקן, ווי שטאָטישע באַלעבאַטים סודען זיך, טענהען איין וועגן עפּעס מיטן אייגנטימער פונם האָטעל, א הויכן אידן מיט גרויסע ווייַנפּערלעך אויף א היפּשן שופר־נאָז. ווי נאָר אָבער מען פלעגט אים דערזען, פלעגט דער היציקער שמועס גלייך אָפּגעהאַקט ווערן. אַלע ווערן איינגעשטומט, שמייכלען בלויז דרך־ארצדיק און חניפהדיק אים אנטקעגן, שטופּן אים שלום־עליכם מיט ברייטע שלאַבערדיקע הענט, וואָס גליטשן זיך ארויס פון זיינער, איידער ער באַווייזט זיי נאָך ווי געהעריק א דריק צו טאָן.

נאָך וועטשערע שטייט מר. פרימען פאַר דער דרויסנדיקער טיר פונם האָטעל. זי גייט ארויס גלייך אין מאַרק אריין. איבערן ריזיקן מאַרק שפּאַצירט איצט ארום יונגוואַרג — איינגלעך, מיידלעך; פּאָר־לעך, איינציקווייז. מען קרייזט ארום דעם מאַרק פון איין עק ביזן צווייטן — איינמאָל, צוויי מאָל, דריי מאָל — נאָכאַנאַנד, אייביק... אַלע מאַרשירן זיי פאַרביי מר. פרימענען, ווי אין א פּאַראַד.

אַז א פּאָרל אָדער א גרופּע, שפּאַצירנדיק, דערנענטערט זיך צום אָרט, וואו עס שטייט דער אמעריקאַנער, הויבן זיך דעמאָלט שטימען העכער, ווערן לוסטיקער, ארויספּאָדערנדיקער... ס'איז דעם אמעריקאַנעם קלאָר, אַז זיי וואָלטן זייער געוואָלט פאַרפירן א שמועס מיט אים. דאָס איז שוין אָבער מאָדערנע יונגוואַרג; קאָן מען נישט אריינפּאָרן, ווי די טאַטעס, א ווילד־פרעמדן מענטשן גלאַט אַזוי א שלום־עליכם...

מר. פרימען, צו פאַרגרינגערן זיין איינזאַמקייט, פאַרטשעפּעט דעמאָלט אַליין מיט א פראַגע די ערשטע פּאָר אָנקומענדיקע יונגעלייט. ווי א שטאַרק־רייפע פרוכט, וואָס פאַלט תיכף ארונטער אין האַנט אריין ביים ערשטן ריר, שטעלט זיך די גאַנצע גרופּע גלייך אָפּ. דער שמועס פאַרבינדט זיך גרינג, ווי צווישן באַקאַנטע פון לאַנג־אָן...

מיט דערלייכטערונג און צופרידנקייט דערפילט דאָך די יונגוואַרג דאָ סוף־כל־סוף איר אייגענעם, איר איניגסטן פארלאנג די גאנצע צייט. איין קלייניקייט — ריידן וועגן אמעריקע מיט אן אמתן אמעריקאַ־נער!... ווייל אזוי מוז מען דאָך תמיד ריידן וועגן דעם געבענשטן לאנד בלויז איינער מיטן אנדערן, בלויז פון ביכלעך ארויס, בלויז פון דער אייגענער הונגעריקער פאנטאזיע...

— אך, אזוי... איר זיינט פון שיקאגא? ביי אייך געפינט זיך, הייסט עס, דער דזשאנגל... אפטאן סינקלעירס דזשאנגל...

— האָסט אָבער געלייענט זיין לעצטן בוך? — ווענדט זיך איין יונגערמאן צו א צווייטן מיט א פראגע, וואָס איז אָבער געמיינט דער עיקר פאַר דעם אמעריקאנערס אויערן — דזשימי היגנס?... „הונדערט פראָצענט" ?

מר. פרימען, כאָטש ער איז אי אן אמעריקאנער, אי א שיקאגער, הויבט אפילו נישט אָן צו וויסן וועגן אָט די אלע זאכן... כמעט אלע ז י י נ ע טעג פון די פארלאָפענע פילע יאָרן זיינען אוועק דער עיקר אויף געלט־מאכן און ארויפארבעטן זיך; אויף אנדערע זאכענישן, אויף אלערליי „נארישקייטן" איז אים דעריבער קיינמאָל קיין צייט נישט פארבליבן.

דאָס געזעמל ארום דעם האָטעל־טיר ווערט וואָס אמאָל גרעסער. איינער וויל אריבערשטייגן דעם צווייטן אין זיין וויסן פון אמעריקאנער ענינים; יעדער קאָנקורירט מיטן אנדערן אין אויספיינען זיך מיט קענטעניש פון דער אמעריקאנער פאָליטיק.

— מיסטער... מיסטער פרימען... וואָס פאַר א פארטיי איז ביי אייך די קו־קלוקס־קלען?

— א פארטיי? — שטויסט דעם פרעגער בטולדיק אָפּ א צוויי־טער יונגערמאן — בהמה, ס'איז כלל נישט קיין פארטיי, ס'איז אן אָרגאניזאציע אזא...

— פון וואַנען ווייסט איר עס אזויפיל זאכן וועגן אמעריקע? — קאָן זיך דער אמעריקאנער שוין גארנישט אָפּוואונדערן — אפילו וועגן דעם קלען ווייסן זיי! איר מוזט, אפנים, האָבן א סך ליידיקע צייט... איר... איר ארבעט דען קיינמאָל נישט?

— ארבעטן? — רופן אויס אין כאָר עטלעכע שטימען — ביי וואָס?... וואו?... אָט — ווייזן עטלעכע פאַר דאָרע פינגער גלייכצייטיק אָן אויף א הויכן פארשיין, וואָס סטאַרטשעט ארויס אויפן

ראנד פונם געזעמל, און נעמט די גאנצע צייט נישט קיין אַנטייל אינם אַלגעמיינעם שמועס — אים איז גוט... די איינציקע פאַבריקל אין שטאָט — האָט ער זי צוגענומען...

— ער האָט חתונה געהאַט מיטן גאַנצן פאַבריקל... — וויצלט זיך אַ צווייטער מיט גיפט.

דער יונגערמאַן, אויף וועלכן די עטלעכע פּאָר דאַרע פינגער טיטלען אַזוי קנאַהדיק, הויבט זיך אָן טאָפּטשען אויף איין אָרט אין פאַרלעגנהייט, און לאָזט אַרונטער די אויגן. ער איז בלאַנד און הויכגעוואַקסן, האָט אַן איידל מילך־ווייס געזיכט, אויף וועלכן אפילו די האַלב־טונקלקייט פונם זומערדיקן פרייטאָג־צו־נאַכטס קאָן נישט באַהאַלטן די צונטערדיק־רויטע בושה־פלעקן, וואָס טרעטן דאָרט איצט אַרויס. אָט די בושה שטאַמט נישט אַזוי פון דעם, וואָס אַזוי פיל בליקן זיינען איצט געווענדט אויף אים, דעם נישט־לאַנג חתונה־געהאַטן; זי שטאַמט גיכער פון דעם, וואָס די אַלע אַרומגעקליבענע יונגעלייט און מיידלעך, חברים און חברטעס פון אַזוי פיל שטעטלשע יאָרן, ווייסן: ער האָט חתונה געהאַט פאַר געלט...

.4

דעמאָלט רוקט זיך אַרויס פונם ברעג צונויפגעקניפּטן געזעמל יונגוואַרג אַ מיידל מיט אַ טונקל, כמעט ציגיינעריש פּנים — דאָס איז עס טאַקע די גליקלעכע מויד, וועלכע האָט פאַרמאָגט איר אייגנם אַ ירושה־פאַבריקל, אַ זאָקנשטריקעריי מיט אַ מאָדערן־אויסגעשטאַטער מאַשינעריע; מיטן כח פון אָט דער פּרנסה־געבנדיקן פאַבריקל האָט זי עס אַריינגעקראָגן פאַר אַ מאַן אַזאַ שיינעם און איידעלן בחור... ווייל אַליין איז זי ווייט נישט קיין שיינע: אַ גריבערדיק פּאָקן־געשטופּלט פּנים, אַ ברייטע נעגערשע נאָז, און אינגאַנצן איז זי שוין צו אַ קורצע און צו דר'ערד וואַקסנדיקע — דערהויפּט אין פאַרגלייך מיטן שלאַנקן, הויכן מאַן אירן.

אויך זי ווייסט וואָס מען טראַכט דאָ וועגן איר — זיכער נישט קיין גוטס: דערהויפּט די שטעטלשע מיידלעך, די שוין־לאַנג רייפע כלה־מיידלעך... אַ, זי האָט אויך גוט געהערט די גראָבע באַמער־קונג, וואָס אימיצער פונם עולם האָט דאָ פריער געמאַכט וועגן איר; און דעריבער טאַקע האָט זי זיך עס קעמפעריש אַרויסגערוקט, אַנגע־

שטעלט אַ צו־להכעיסדיק פּנים קעגן אַלעמען... נו, אויב דער מאַן אירער איז עס אַזאַ לעמעשקע, נעמט ז י אַלץ אויף זיך! און ווען אַ צווייטער בחור פונם עולם, אָן אַנגערעגטער פון איר טראַציקייט, גיט איר אַ וואָרף מיט אַ שעלמישן שמייכעלע אַ צווידייטיקע פראַגע:

— איז וואָס טוט איר דאָרט אין אייער פאַבריקל... איר דאַרפט גאָר קיינמאָל קיין הילף נישט? האַ? אויף וויפיל וואַלצערס אַרבעטסט דו דאָרט מיטן מאַן — בלויז אויף איין וואַלצער?

ענטפערט זי אויפן זעלביקן שעלמישן צווידייטיקן אופן:

— אַ שיינעם דאַנק... מיר קאָנען זיך באַגיין דערווייל אָן אימיצנס הילף... ס'איז פאַר אונז גענוג איין וואַלצער.

און אַזוי ווי זי שטייט שוין סיי־ווי לעבן דעם אַמעריקאַנער, ווענדט זי זיך אויך מיט אַ וואָרט צו אים, צום רייך־געקליידעטן און ריין־געראַזירטן, מיטל־יעריקן מאַנספּאַרשוין, וועלכער שטייט דאָ אָנ־געשפּאַרט אָן דער לייסט פון דער האָטעל־טיר, שמייכלט שווייגנדיק אויף אַלעמען מיט אַזאַ חשובער מיניסטער־מינע און פאַרשפּרייט אַרום זיך אַ זעלטענעם דופט... אַ דופט ניט אַזוי פון בעי־ראָם און וויטש־העיזעל און אַנדערע מיטגעבראַכטע שמעקעכצן, מיט וועלכע מר. פרימען האָט זיך אָנגעדושעט היינט פאַרנאַכט נאָכן ראַזירן זיך, ווי דעם דופט פון אַ וויטן, לעגענדאַריש־רייכן און לעגענדאַריש־גליק־לעכן לאַנד, ווייט אויף יענער זייט אָקעאַן.

— גלויבט מיר, ס'איז נישט אַלעמאָל אַזוי געווען ביי אונז...

— טרעט זי אַרוים פאַרן אַמעריקאַנער גאַסט איינצייטיק אי מיט אַ באַשולדיקונג, אי מיט אַ פאַרטיידיקונג פון דער איצטיקער שטעטל־שער יוגנט — אַמאָל האָבן די הינגע מיידלעך געהאַט עפּעס אינטע־רעסן... פאַר עפּעס געקעמפט... היינט טראַכט מען אָבער בלויז פון איין זאַך: חתונה האָבן...

אָבער די אַרומיקע מיידלעך פעלט אפילו נישט איין צו פאַרטיי־דיקן זיך קעגן אָט דער באַשולדיקונג. פאַרקערט גאָר: זיי אַלע גיבן זיך אַ שפּאַר און אַ לאָז פאַראויס, פאַרלאָזן זייערע בחורים־קאָמפּאַ־ניאָנען, שטופּן זיך דורך זיי דורך צום צענטער קרייז — ס'קוקט אוים: זיי ווילן אַלע פאַרניכטן ממש אָט יענע נידעריק־וואוקסיקע מיידל מיטן טונקל־געשטופּלט פּנים, וועמען ס'איז גרינג איצט צו שפּילן די ראָלע פון אַ צדקת. אָדער האָבן זיי עס גאָר געוואָלט הונגעריק באַפאַלן דעם ציכטיקן און פריש־אויסגעפּוצטן אַמעריקאַנישן

מאַנסביל ? ... אַזוי, אַלנפאַלס, האָט עס אויסגעזען מר. פרימענען, ווען לייטזעליקער מיניסטער־שמייכל פון פריער האָט זיך תיכף, אונטער דער מיידלשער מאַסן-אַטאַקע, געענדערט אין אַן אויסדרוק פון שטוינונג און פאַרוואונדערונג.

— וואָס דען ... — האָט איינע פון די מיידלעך טראַציק צוריקגערופן מיט אַ כלומרשטן העזה־שמייכל, הינטער וועלכן זי איז אָבער געווען גוואַלדיק ערנסט — אודאי, אינטערעסן ! ... וואָס איז אַ מיידלס אינטערעסן ? חתונה האָבן ! ...

— „קעמפן" ... — האָט אַ צווייטע מיידל איבערגעקרימט, אי שטיפעריש, אי פיינטלעך, דער געשטופּלטער מיידלס ווערטער — מיר, מיידלעך, קעמפן איצט אויך — מיר קעמפן פאַר חתנים ...

— אָט אַזוי איז איצט ביי אונז די לאַגע, פאַניע פרימאַן ...

— האָט איינער פון די בחורים, וועלכע האָבן זיך די לעצטע מינוטן צונויפגרופּירט צוזאַמען, ווי דער יחוסדיקער טייל פונם געזעמל, זיך ווי אַריינגעלייגט אין שלום — אַזוי איז די לאַגע ביי אונז אין פּוילן...

— האָט ער כלל־טועריש אינפאָרמירט דעם וואַזשנעם אַמעריקאַנעם גאַסט — ביי אונז איז דאָ אַ ווערטל : איין עפּעלע פאַר פיר באַרנעס... אַן עפּעלע, פאַרשטייט איר מיך, מיינט אַ זוכער (זכר) ; באַרנעס — דאָס זיינען די נעקייוועס (נקבות) ... איך זאָג עס קעגן דעם : אויב איר, אַשטייגער, וואָלט זיך געוואָלט דאָ אויסזוכן אַ כלה, קאָנט איר זיי געפינען צען פאַר איינע ... און סאַמע יונגינקע ... מיידעלעך פון זעכצן יאָר ... איר זענט דאָך מסתמא געקומען אַהער חתונה האָבן ? — האָט זיך דעם בחורס אינפאָרמאַציע פאַרענדיקט מיט אַ פראַגע.

— איך ? חתונה האָבן ? כאַ־כאַ-כאַ ... — האָט זיך מר. פרימען הויך און לוסטיק פאַנאַנדערגעלאַכט מיט אַ צופרידענעם געלעכטער, — וואָס פעלט אייך איין, יונגערמאַן ...

.5

יענע נאַכט קאָן מר. פרימען ביז זייער שפּעט פאַר קיין פאַל נישט איינשלאָפן.

עס איז אים געווען גוואַלדיק הייס, כאָטש פונם אָפענעם פענצטער האָט, דוכט זיך, אַריינגעבלאָזן אַ קיל נאַכט־ווינטל. ער האָט געמוזט

אַרונטערוואַרפֿן פֿון זיך די דינע קאָלדרע, און איז געבליבן ליגן אינ־גאַנצן אַן אָפּגעדעקטער — בלויז אין זיינע האַלב-זיידענע פּאַדזשאַ־מעס, מיט אויסגענייטער אוקראַיִנישער האַפטונג אַרום קאָלנער און די קעשענקעס. אָבער אויך איצט איז אים אַ סך קילער נישט געוואָרן.

ער האָט באַטראַכט זיין גוף... די לאַנגע, פּליסנדיקע ליניע פֿון די פּאַדזשאַמעס האָט באַהאַלטן דעם היפּשן פּעמפּיקעוואַטן בייכל זיינעם, וואָס האָט שוין זינט אַ יאָר צען אַרויסגעשפּראָצט ביי אים — זינט ביזנעס האָט ביי אים אָנגעהויבן גיין גאָר אַל־ראַיט.

— האַ? ער איז נאָך, דוכט זיך, גאָר אַ יונגערמאַן...

אָט האָט דאָך יענער בחור, בעתן שמועס פֿאַר דער האָטעל־טיר, אים אפֿילו געפֿרעגט, צי ער איז נישט געקומען אַהער חתונה האָבן אין שטעטל...

— כי־כי־כי... — האָט שוין מר. פּרימען געלאַכט איצט מיט אַ שטילן כיכיקנדיקן געלעכטערל, ווייל ס'איז דאָך שוין געווען שפּעט ביינאַכט, און מען האָט דעם דאָזיקן קונדסישן געלעכטערל געדאַרפֿט דערשטיקן אין זיך — חתונה האָבן!... און וואָס וואָלט אויף דעם געזאָגט זיין וויב... און די דריי שוין־אונטערגעוואַקסענע קינדער, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אין דער היים...

ס'איז אים געווען היים, שטאַרק היים... די סטעליע פֿונם האָטעל-צימער איז געווען אַ דאָרפֿישע, אַ שטאַרק-נידעריקע. דורכן פֿענצטער אויפֿן צווייטן שטאָק — נישט געקוקט אויף דער וואָרנונג פֿאַרן שלאָפֿן, אַז ער זאָל דאָס פֿענצטער בעסער צומאַכן איבערנאַכט, צוליב גנבים, האָט ער עס דאָך ברייט פֿאַנאַנדערגעעפֿנט, עס זאָל אים ווערן כאָטש אַביסל קילער — האָט אַריינגעקוקט אַ היפּשע שטיק פֿון אַ רויטער לבנה, דאָס ערשטע פֿולע פֿערטל פֿונם חודש. אין צימער איז דעריבער געווען ליכטיקלעך. און דורכן זעלבן פֿענצטער האָבן, דוכט זיך, זיך אַריינגעטראָגן אינווייניק עפּעס מאָדנע אַזעלכע שאָרכן — ס'האָט אויסגעקוקט, ווי דאָס האָט די אַמאָליקע יוגנט אַריינגעשלייכט זיך צו מר. פּרימענען דורכן אָפֿענעם פֿענצטער.

יאָ, ער האָט זיך דערפֿילט איצט מאָדנע פֿריש און יונג... און וואָס איז — איז ער עס טאַקע אין דער אמתן אַזוי אַלט? אמת, ביי די שלייפֿן און ביי די ראַנדן קאָפּ זיינען זיינע האָר געווען שוין זילבערדיק... אָבער אַזוי ווי ער פֿלעגט זיך שערן קורץ און אַרומ־גאָלן די ראַנדן קאָפּ, האָט זעלטן-ווען ווער־עס־איז געזען אָט די

גרויע האָר... ס'איז אויסגעקומען ווי בלויז ער אַליין וואָלט געוואוסט פון זיי — ז י י ן סוד. איבעריקס, ווען ער וואָלט נישט אויסגעקוקט אזוי יונג, וואָלט דאָך יענעם בחור נישט איינגעפאַלן, אַז ער איז געקומען אַהער חתונה האָבן!

— ס'וואָלט טאַקע געווען טשיקאַווע צו וויסן... — איז אַ רייצנדיקער געדאַנק אַריינגעקראָכן אינם פוילן פאַרן־שלאָפנדיקן מוח — וואָלט ער טאַקע געקאָנט איצט קריגן אפילו אַ יונגינקע מיידל פון זעכצן יאָר, ווי אָט יענער בחור האָט אים אינפאָרמירט? זייער מעגלעך. ער איז נאָך יונג... און אַן אַמעריקאַנער איז אויך נישט קיין קלייניקייט... בפרט נאָך, ווען מען וואָלט געוואוסט, אַז ער איז רייך אויך; יאָ, ס'וואָלט געווען טשיקאַווע אויסצוגעפינען, וויפיל ער איז „ווערט" איצט, — דאָס הייסט, וויפיל ער האָט דאָ דעם ווערט ווי אַ חתן...

די פולע פערטל־לבנה האָט זיך שטיל אַ רוק געטאָן איבערן הימל נעענטער צום פענצטער־צו. זי האָט איצט שטיל באַלויכטן דעם גרויסן מאַרק מיטן פריש־אָפּגעקאַלכטן טורעם אין ווייטן ווינקל, און מיט די איינגעשלאָפענע מויערן־ווענט אַרום, — אי זי, די לבנה, אי די שטילע מויערן — האָבן איצט אויסגעקוקט ווי מיט 25 יאָר צוריק, ווי מיט הונדערט יאָר צוריק... אפשר טאַקע דערפאַר, וואָס אַלץ אַרום אין שטעטל האָט זיך גאָרנישט געענדערט, האָט זיך עס מר. פרימען דערפילט אין אָט דער שעה אַזוי יונג — שיעור נישט דער זעלביקער זיבעצן־יעריקער ישובה־בחורל, וואָס האָט אַרומגעשליאָנדערט איבער די גאַסן אין זיין לאַנגער קאַפּאָטקעלע מיט כ'וויים וויפיל זומערן צוריק?... ער האָט זיך אומרואיק געוואָרפן אויפן געלעגער, און די ספּרונדזשינעס פונם מאַטראַץ האָבן רחמנותדיק געסקריפּעט און געקרעכצט אונטער אים.

און ווידער איז ער געבליבן ליגן שטיל, און ווידער האָבן זיך דערהערט שאָרכן אינם צימער... נאָר דאָס מאָל זיינען זיי נישט געקומען פונם פענצטער. מיט דערשטוינונג, כמעט מיט איבערשרעק, דערהערט באַלד מר. פרימען אַ מיידלשע שטים:

— דאָס האָט איר געקלונגען? ניין? אבי כ'האָב געדיינקט, אַז דאָס האָט איר געקלונגען... נאָך אַ טרונק...

מר. פרימען האָט זיך האַלב אויפגעהויבן אויף זיין געלעגער. פון דזשענטלמענישקייט וועגן האָט ער שנעל אַרויפגעצויגן די דעקע

ביז צו די קני. דורך זיין מוח זיינען אָבער אין דער זעלביקער צייט שנעל דורכגעלאָפן אייניקע מאַנסבילשע פּאַרדאַכטן — און מאַנסבילשע האָפענונגען... נישט געקוקט אויף דער דריי־פּערטל טונקלקייט אין צימער, האָט ער דאָס מיידל גלייך דערקאָנט. דעם באַלעבאָס־מיידל. זי פלעגט עס אים אַרויפטראָגן דאָס עסן אין צימער. די ערשטע צייט האָט ער געמיינט: דאָס מוז אודאי זיין אַ דינסט, זי איז געווען אַזוי פּראָסט און אָרעם געקליידט. ביז ער האָט געהערט: זי האָט דעם באַלעבאָס פונם האָטעל, דעם אידן מיט דער רויטער באָרד און מיט דער ווײַנפּערל־נאָז, אָנגערופן „טאַטעשי".

— סיי־ווי... — אַ יונג־מיידלשע פיגור, נאָך אַלץ ווי אַ נאַכטיקער שאָטן, האָט זיך אַ שאַר געטאָן איבערן צימער, — איך האָב זיך דערמאָנט, אַז איר האָט דאָ נישט קיין וואַסער צו טרינקען, און ס'איז אַ הייסע נאַכט... אָט, האָב איך אייך געבראַכט וואַסער.

.6

ווען דער אַמעריקאַנער, נאָך אַלץ נישט קומענדיק צו זיך פון דער נישט־געריכטער זעאונג, האָט אַלץ נישט געעפנט קיין מויל, האָט זי ווייטער פאָרגעזעצט:

— וואו זאָל איך עס אוועקשטעלן?

— אָט דאָ, אויפן נאַכט־טישל... — האָט זיך מר. פּרימען געריבן די אויגן.

דער אַמעריקאַנער, וועלכן עס האָט זיך איבערגעגעבן דער ציטער פון נישט־זיכערקייט און אומרו אין איר שטים, איז ענדלעך געקומען צו זיך, האָט אויף גיך אָנגענומען אַ פעסטן באַשלוס. דאָס נאַכט־טישל איז געשטאַנען לעבן בעט, צוקאָפּנס. ווען זי האָט דאָרט אוועקגעשטעלט דאָס וואַסער, האָט ער איר פעסט אָנגעכאַפּט ביים אָרעם:

— זעצט זיך...

— אוי, לאָזט אָפּ... אַזוי שפּעט? מען דאַרף נישט... — און זי האָט זיך אַנידערגעזעצט.

אַזוי ווי דער ראַנד פון בעט איז געווען אַ הויכער, מעטאַלענער און שאַרפער און עס איז דאָרט געווען שטאַרק נישט־באַקוועם צו זיצן, האָט זי הינטערווײַלכּם אַרונטערגעזונקען אויפן טיפן מאַטראַץ.

אים איז דעמאָלט אָנגעקומען גרינג זי אַריבערצובויגן צו זיך מיטן לינקן אָרעם, וועלכער האָט אָנגעהויבן שטייף אַרומקלאַמערן איר טאַליע.

— טוט עס נישט, פּאַניע פּרימען...

— פאַרוואָס? איר זענט אַ שיין מיידל...

איר טונקעלע הויט איז געווען מאַט און פריש און שטייף אָנ־געצויגן אויף אַ בויגיקן לייב. ער האָט געציטערט:

— איך בעט אייך, רופט מיך העגרי, דאָס איז מיין נאָמען...

— און איך האָב געמיינט, אַז אַמעריקאַנער יונגעלייט רופן זיך דזשייק... — האָבן אַ רייע פרישע, ווייסע ציין אויפגעשמייכלט אין דער טונקל — אַזוי... איר האַלט, אַז איך בין אַ שיין מיידל? איר זוכט דען דאָ שיינע מיידלעך? איר קאָנט זיי ביי אונז אין שטאָט געפינען וויפיל איר ווילט.

— איך וויל בלויז איינע... אייך, בראָנקע... — איז אים אָנגעשוואוּמען דער נאָמען, מיט וועלכן ער האָט אַ פּאָר מאָל געהערט די מענטשן אונטן זי רופן. זיינע הענט האָבן זיך אָנגעהויבן פּלאָנטערן אַרום איר. זי האָט זיך אַ בויג געטאָן פאַראויס, ווי וועלנדיק זיך אַרויסרייסן פון זיינע ברענענדיקע אָרעמס. אירע קורץ־געשווירענע האָר, ווי שוואַרצע פייגל, האָבן זיך געגעבן אַ וואָרף אַריבער איבער איר פּנים.

— אָ, לאָזט אָפּ... דאָס נישט...

די פערטל־לבנה אין דרויסן איז געוואָרן ווי פולער נאָך, ווי רויטער און בלוטיקער. זי איז נאָך ווי נידעריקער אַרונטערגעלאָזן געוואָרן פונם נאַכטיקן הימל אויף אַן אומגעזען שטריקל דורך אַן אומגעזעענער האַנט. זי איז שוין באַלד אַריינגעקראָכן אין סאַמע פענצטער אַריין. דאָס בלוט האָט דעם אַמעריקאַנער אַ שלאָג געטאָן צום קאָפּ, ווי אַ סך פלעשער אויסגעטרונקענער וויין.

— איך האָב דאָך אָבער נאָר אייך ליב, בראָנקע... אויף אַן אמתן... — האָט ער האַלב־שכורלעך געפּליסטערט.

— נו, טאָ האָט מיט מיר חתונה... — איז איר ענדלעך גע־לונגען זיך צו באַפרייען פון זיינע הייסע, האַריקע אָרעמס — איך האָב געהערט, אַז איר זענט דאָך געקומען זוכן אַ כּלה...

— איך? זוכן א כלה? — איז מר. פרימען ווי נאך מער פאר־שכורט געוואָרן פונם דאָזיקן איינפאַל, — א י ך זאָל חתונה האָבן?

דאָס מיידל איז שוין ווידער געשטאַנען אויפן דיל לעבן בעט, האָט איילִיק אויסגעפּרעסט די קנייטשן פונם קלייד.

— איר דאַרפט נישט מיינען, אַז איך בין עפּעס כ'וויים וואָס...
— האָט די מיידל שלעכט אויסגעטייטשט זיין פאַרוואונדערונג, — נאָר איך האָב געהערט פון מיינע חברטעס, אַז איר זענט סיי־ווי געקו־מען אהער טאָן א שדוך... — איר קול איז געווען שטיל און טרויע־ריק — און מיר איז שוין דערעסן געוואָרן דאָס זיצן דאָ אין שטעטל, ביי דעם טאַטן... און איר פאָרט דאָך שוין זונטיק אַוועק... האָב איך געמיינט...

— יאָ — האָט מר. פרימען ווי אין חלום איבערגעחזרט איין־איינציק וואָרט — יאָ... יאָ... — אָבער מער האָט ער גאָרנישט געזאָגט.

נאָך א מינוט פון שווייגן, האָט זי זיך ווידער אָפּגערופן:

— איר דאַרפט אויך נישט מיינען, אַז איך בין, חס ושלום, עפּעס א שלעפּערין... איך האָב מיין אייגנס א פינף הונדערט דאָ־לאַר... מיין נדן.... אויב איר ווילט, קאָנט איר רעדן וועגן דעם מיטן טאַטעשי...

— יאָ, אָבער דאָס קאָן מען דאָך ערשט טאָן מאָרגן... — האָט דער אַמעריקאַנער זיך שוואַך געוועָרט, געזוכט צייט — ווי מיינט איר?...

— אודאי מאָרגן — האָט זי זיך הינטערווייַלכם גערוקט צו דער קאָרידאָר־טיר — איר וועט קאָנען דורכן מאָרגנדיקן טאָג אַלץ איבער־רעדן מיטן טאַטעשי... איצט מוז איך שוין סיי־ווי גיין... מען קאָן נאָך אונטן דערהערן.

די טיר האָט זיך שטיל צוגעמאַכט הינטער איר, אַזוי שטיל, ווי זי האָט זיך פריער געעפנט. און מיטאַמאָל אין דער רויטער אָפּשניט לבנה פאַרשוואונדן פון פענצטער, ווי א זעאונג. מר. פרימענס מידער קאָפּ איז צוריקגעפאַלן אויפן קישן. ער איז גלייך פאַרזונקען אין טיפן שלאָף.

.7

אויף מאָרגן כאַפּט ער זיך אויף מיט איינמאָל, גלייך ווי מען כאַפּט זיך אויף פון אַ לאַנגן, שווערן שכרות־שלאָף. און פּונקט אַזוי מיט איינמאָל, גלייך, דערפילט ער אויך, אַז עס מוז שוין איצט זיין זייער שפּעט. ער שפּרינגט גלייך אַרויס פון בעט און גיט אַ קוק אין פענצטער אַריין.

איבער די לײדיקע און זוניקע גאַסן זעט מען איצט כמעט נישט קיין לעבעדיקע באַשעפענישן... אָט דאָס, הייסט עס, איז שבת אין אַ קליין פּאַרוואָרפן שטעטעלע. מער נישט, פון צייט צו צייט איילן דורך קליינע מיידעלעך. פאַר זיך פאָראויס, ווי טייערע אוצרות, טראָגן זיי פאַרזיכטיק אין די אויסגעשטרעקטע הענט טעפּלעך אַרומ־געוויקלטע מיט שמאַטעס — דעם טשאָלנט פונם בעקער; הינטער זיך — לאַנגע, זיידענע, דורכזיכטיקע שאָטנס איבערן ברוק און זאַמד.

דערפון פאַרשטייט מר. פרימען: ס'איז שוין לאַנג נאָכן שבת־דיקן דאַווענען, און שטאָטישע באַלעבאַטים זיינען שוין לאַנג צוריק פון שול. ער טוט זיך שנעל אָן. און נאָך איידער ער פאַרענדיקט זיין טואַלעט, קלאַפּט שוין אימיצער אין טיר:

— דער טאַטעשי האָט געבעטן, איר זאָלט אַרונטערגיין עסן מיט אונז...

יאָ! עס איז געווען בראָנקע. וואָס האָט עס איצטער אַזוי גע־לויכטן אין איר: אירע פרישע, בלישצענדיקע ציין, אירע גרויע אויגן, אָדער איר טונקל געזיכט? זי האָט געטראָגן אַ ציכטיק גע־בלמלט קלייד מיט אַן אויסגעפּאַסטן סטאָן. אַלץ אין איר האָט פריינט־לעך געשמייכלט, ווען זי האָט געזאָגט:

— הלמאי זאָלט איר תמיד עסן אַליין אין אייער צימער? קומט אַרונטער, מירן עסן אַלע צוזאַמען... היינט איז דאָך שבת!

ערשט איצט גיט עס דעם אַמעריקאַנעם אַ זעץ אין קאָפּ — ער דערמאָנט זיך אָן דער פאַרגאַנגענער נאַכט... ער גיט אַ צי צו צו זיך דאָס מיידל — נישט אַזוי אויס ליבשאַפט, ווי מחמת עפּעס אַ פליכט, אַ חוב. גיך, פיבערדיק, שלינגענדיק די ווערטער, ווי ער וואָלט זיך געאיילט ערגעץ אַוועקצוגיין צוליב אַ וויכטיקער ביזנעס, האָט ער זיך אַזש אָנגעהויבן בעטן ביי איר רחמים:

— טייערינקע, אויף קיין פאַל נישט... כ׳קאָן בשום אופן נישט... אָנדערסטענד?5) כ׳האָב מיר מייע געוואוינהייטן... איך מוז עסן באַזונדער... איך האָב אַזאַ פלאַש, אָנדערסטענד, איך טרינק אַזאַ וואַסער ביים עסן...

— נו, איז וואָס?... איז נעמט די פלאַש אויך צם טיש...

— האָט זיך דאָס מיידל קעגן אים געחנדלט — קיינער וועט זי ביי איך נישט צונעמען...

— ניין, ניין, ס׳איז נישט מעגלעך... שפּעטער, נאָכן עסן, וועל איך אַרונטערקומען... פּאָזיטיוו... ווי נאָר כ׳וועל פאַרטיק...

אָבער נישט נאָר„ ווי נאָר ער איז געוואָרן פאַרטיק„ — אויך אַ היפּשע צייט דערנאָך איז ער פון צימער נישט אַרויס... „איך האָב עס דאָ פאַרקאָכט אַ שיינע קאַשע" — האָט ער זיך אַזש גע־האַלטן פאַרן קאָפּ. — „מער פעלט מיר טאַקע נישט, אַז מען זאָל זיך אין אַמעריקע דערוויסן, אַז איך האָב מיר דאָ געלאָזט רעדן שדוכים". פונדעסטוועגן האָט אַ גליקלעכער שמייכל ברייט פאַנאַנדערגענומען זיינע דיקע פליישיקע ליפּן ביי דער בלויזער פאַרשטעלונג:

אונטן, אין עס-צימער, וואַרט איצט די גאַנצע משפּחה אויף אים מיט אַן „אָנקוקעניש"... ער, מר. הענרי פרימען, דער מאַן פון אַ היפּשער הונדערט-און-אַכציק פונטיקער אידענע, וועלכע טרייבט תמיד איר איינגענעם אויטאָמאָביל; דער טאַטע פון אַ טאָכטער און צוויי זין, וואָס ביידע גייען שוין אין קאַלעדזש (איינער איז ערשט „פרעשמען", און דער אַנדערער איז שוין אַ „סיניאָר") — ע ר איז איצט אַ יונגיקער חתן-בחור! נישט שלעכט, נישט שלעכט...

ווירקלעך: דאָס געפיל איז געווען זייער אַ געשמאַקס... אַ שטיק צייט האָט ער זיך איינגעהערט דורך דער פּאָדלאָגע צו דעם, וואָס עס קומט פאָר אונטן, אין עס-צימער, וואו די גאַנצע משפּחה זיצט מסתמא און וואַרט אויף אים. מען זינגט דאָרט אַ ווײַלע שבת-דיקע זמירות. דערנאָך ווערן די זמירות אָפּגעהאַקט. ס׳הערט זיך בלויז אַ קלאַנג פון מעסער-גאָפּל אָן געשיר. נאָר פרימענען דוכט זיך: דאָס סודעט מען זיך דאָרט, דאָס שושקעט מען זיך, דאָס רעדט מען דאָרט וועגן אים אויף שטום-לשון, מען טייטלט וויכטיק מיט די פינגער אויף דער סטעליע — אויף זיין פּאָדלאָגע... ניין, ס׳האָט זיך בשום אופן נישט געוואָלט אַראָפּגיין אונטן.

די זומערדיק-בייטאָגיקע זון האָט זיך אין דרויסן רעכט פאַנאַנדערגעפלאַקערט. אין צימער איז געוואָרן אַזוי הייס, נישט אויסצוהאַלטן. ס׳איז פונדעסטוועגן פאָרט קיין פלאַן נישט געווען צו זיצן דאָ אַ גאַנצן זומערדיקן טאָג אין צימער, ווי אַ תפוס. ער איז דאָך נאָך היינט אין גאַס נישט געווען!

אונטן, אין דער שטוב אונטער אים, האָט זיך ענדלעך איינגעשטעלט אַ דורכאויסיקע שטילקייט — אַ זאַטע, שבת־נאָך־וואַרמעסדיקע שטילקייט פון אַ קליין שטעטל. אודאי זיינען דאָרט איצט אַלע איינגעשלאָפן, האָט זיך דער אַמעריקאַנער באַרואיקט. ביי דער גרעסטער אָנשטרענגונג האָט דער אויער נישט געקאָנט איצט פאַרנעמען פון ערגעץ קיין שום שאָרך. פונדעסטוועגן איז ער אַראָפּ די טרעפּ מיט די שטילסטע טריט; די אַלטע שטיגן, פאַרשאַלטן זאָלן זיי ווערן, האָבן אָבער צו־הויך געסקריפּעט אונטער זיין שווערן, מאַסיוון קערפּער.

ווען ער האָט אָנגעהויבן דורכגיין דאָס עס־צימער אויף די שפּיץ־פינגער, צו דער דרויסנדיקער טיר, האָט זיך זיין האַרץ מיטאַמאָל גע־געבן אַ שטעל אָפּ.

— אָ, פאַניע דזשייק... איך מיין, פאַניע העגרי... — אַ גע־שטאַלט מיט אַ טונקלהויטיק פּנים (איצט איז עס געווען נישט מאַט, נאָר פייערדיק און שוויצנדיק) האָט זיך אויפגעהויבן פון אַ ווינקל פון אַן אַלטער סאָפע — וואוהין וועט איר גיין אין אַזאַ היץ? איר וועט איצט אפילו קיין הונט אין גאַס נישט טרעפן... קומט, זעצט זיך דאָ לעבן מיר אויף דער סאָפע... אַלע שלאָפן איצט אין שטוב...

— ששש... — האָט מר. פרימען אַ דערשראָקענער אַרויסגע־פליסטערט — נישט אַזוי הויך... איר קאָנט נאָך אימיצן אויפ־וועקן... ניין, איך קאָן מיר איצט נישט צוזעצן... איך איַיל מיך שרעקלעך... אויף מיר וואַרטן אין שטאָט עטלעכע קאָמיטעס... וויכטיקע מיטינגס...

— אָבער איר וועט באַלד קומען צוריק? — אַ צעטראָוואָזשעט געזיכט האָט אַרויפגעקוקט צו אים אין גרויסע אַנגסטן — איר פאָרט דאָך שוין מאָרגן אין דער פרי אַוועק... דער טאַטעשי וועט וואַרטן אויף אייך אין שטוב היינט פאַרנאַכט, צו שלש־סעודות...

— שור6) וועל איך קומען, שור... — האָט ער איר אָנגענומען פּאַר צוויי דינע מיידלשע אָקסלען — דאַצאָלראַיט... הערסט אַ מעשה... וואָס דען, איך וועל נישט קומען? אָבער איצט, טייערע, יאָג איך מיך שרעקלעך... — און ער האָט איר אַ פּאָר מאָל אַ פּעטשל געטאָן איבער דער פּלייצע, נישט אַזוי מעשה־געליבטער, ווי מעשה גוטער ברודער.

אין דרויסן איז אין די גאַסן ווירקלעך געווען אויסגעשטאָרבן — היים און פּוסט, ווי אַ מדבר. דער אַמעריקאַנער האָט זיך געלאָזט לויפן איבער די היציקע זאַמדן פון אַ זייטיקער גאַס. דאָס ערשטע געפיל: אַנטלויפן... אָבער וואוהין? נאַטירלעך, צו דער באַן. אָבער צו דער באַן האָט מען נישט געקאָנט צוגיין צופוס. די סטאַנציע איז גאַנצע צוואַנציק קילאָמעטער ווייט! קיין בעל-עגלה וועט ער אום שבת זיכער נישט קאָנען קריגן. פונדעסטוועגן האָט ער געשפּאַנט מיט אומגעהויערער שנעלקייט, וואָס ווייטער, אַלץ ווייטער...

באַלד איז ער שוין געווען אויסערן שטאָט. ער האָט דערזען פּאַר זיך אַ גרויסן צעשפּאָלטענעם דעמב, מיט אַ ריזיקן שאָטן — אַ גאַנצער שאָטנדיקער פּלאַץ. ער האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם קאַפּעליוש און דאָס רעקל, זיך אַ דערשעפּטער אַ שליידער געטאָן אויפן פייכטן גראָז, אָנגעהויבן מיט אייליקע זופּן ציען אין זיך די קילע, שאָטנדיקע לופט, ווי אַ דורשטיקער — קאַלטע ברונעם־וואַסער.. רגעס, מינוטן, שעהן — ער האָט נישט געפילט ווי לאַנג ער איז דאָ אַזוי געלעגן; זיינע מחשבות זיינען געווען נישט קלאָר, ווי אין אַ הינער־פּלעט... גאָר ווען ער איז געקומען צו זיך, האָט זיך די זון שוין גענויגט צום פאַרגיין, און דער גאַנצער דרויסן, אַפילו אויף יענער זייט פונם דעמבע־קרייז, איז שוין געלעגן אַ קילער.

8.

ווידער דורך זייטיקע געסלעך האָט ער זיך געלאָזט גיין צוריק אין שטאָט אַריין.

ער האָט געדיינקט, נאָך פון די אַמאָליקע ישיבה-בחורשע יאָרן זיינע, אַז דאָ נישט ווייט האָט זיך געדאַרפט געפינען אַ חסידישע קלויז, וואו מען פּראַוועט מלוה-מלכה ביז העט שפּעט אין דער נאַכט אַריין — דאָרט וועט זיין גוט זיך אויסצובאַהאַלטן ביז...

אינם האַלב־טונקעלן חסידישן שטיבל האָבן זיך מענטשן אין לאַנגע זשופּיצעס, אין קאַפּאָטעס ביז צו דער ערד, אין קליינינקע סאַמעטענע היטעלעך, געשאָקלט און געוואָרפן זיך אין אַלע זייטן, ווי צעדולטע. ווייסע־חברהניקעס האָבן דעם אַמעריקאַנער אַרומגע־רינגלט, זיינען אַרומגעלאָפן איבער אים מיט נייגיריקע מויזן־אויגעלעך. אַלע ווילע איז אימיצער צוגעקומען צו אים, אים אָפּגעשטעקט אַ שלום־עליכם. און ווען נאָר עס פלעגט זיך דערנענטערן צו אים אַ רויטע פלאַמענדיקע באָרד, פלעגט אים איינפאַלן דאָס האַרץ:

— דאָס איז ער... בראָנקעס טאַטע...

מיטן אָוונט, וואָס איז מיט יעדער סעקונדע געוואָרן געדיכטער, איז אים אָבער געוואָרן אַ סך גרינגער. דאָ, אין קלויז, איז איצט געווען נאָך פיל פינצטערער ווי אין גאַס. די זעלביקע חשכות, וואָס ער האָט געדיינקט פון זיינע אינגלשע יאָרן דאָ — אַ חשכות פון הונדערטער יאָרן, אַ חשכות פון דורות און דורות — האָט דאָ אויך איצט געהערשט. מען האָט שוין מער נישט געזען קיין מענטשלעכע פּנימער. מען האָט בלויז געזען שאָטנס, מ'האָט בלויז געפילט, ווי מענטשן באַוועגן זיך דאָ, געהערט געשרייען, ווילדע געזינגערייען, שטימען פון יענער וועלט... אין דרויסן איז שוין לאַנג געווען וואָך, און קראָמען האָבן זיך שוין געעפנט, נאָר דאָ האָט מען מיט ווילדע געשרייען און געוואַלדן, ווי אָפּגעשריען און געיאָגט פון זיך די וואָך, זיך געקלאַמערט אָן דעם שבת.

ענדלעך האָט אין אַ ווינקל פון דער אַרומיקער חשכות אויפ־געפלאַקערט אַ הבדלה. ביים ציטערדיקן ליכט פון דער הבדלה האָט זיך בלויז געזען: אַ הויכע געשטאַלט — אַ פּנים בלויז — עפּנט אַ בשמים-ביקסל, וואָס קלינגט מיט אָן אַ שיעור זילבערנע גלעקלעך, צעשאַרט דאָרט מיט אַ פינגער די שטיקלעך „בשמים", שטופּט אין דער צעעפנטער טירעלע אַריין די נאָז... אָבער דערנאָך ווערט די הבדלה אויסגעלאָשן, די שול ווערט ווידער אָנגעפילט מיט אָן אומ־רואיקער סומאַטאָכע און טונקעלער זינגעריי. — — —

מר. פרימען באַנוצט זיך דעמאָלט מיט דער צעדולטער פאַר־טועמקייט פונם עולם און רוקט זיך אַרויס פון דער פינצטערניש, אַנטרינט.

אין דרויסן דרייט ער זיך פונדעסטוועגן צוערשט אַ היפּש ביסל אַרום איבער די גאַסן, איידער ער באַשליסט ביי זיך אַריינצוגיין אין

זיין האָטעל. אַז ער עפנט ענדלעך שטילענקערהייט אויף די טיר און קומט אַהין אַריין אויף די שפּיץ־פינגער, איז שוין גאָר שפּעט אין דער נאַכט.

דער גרויסער נידעריקער עס־צימער פונם האָטעל איז קוים־קוים באַלויכטן פון דער טיף־אַריינגעדרייטער פלאַם פון אַ בליץ־לאָמפּ, וואָס שטייט אויפן טיש. אָבער בעת מר. פרימען גנבעט זיך אַזוי אויף די שפּיץ־פינגער צו די טרעפּ, וואָס פירן אַרויף־צו צו זיין צימער, דערזעט ער ביים שוואַכן ליכט פונם נאַכטיש־אַריינגעדרייטן בליץ־לאָמפּ:

אויפן טיש שטייט אַ סאַמאָוואַר — ער מוז נאָך זיין נישט אין גאַנצן אָפּגעקילט, ווייל מ'זעט ווי אַ פּייערל, אינווייניק אין דער טרויב, פאַלט אַראָפּ אין דעם שוואַרצן טאַץ אונטער דעם סאַמאָוואַר און דאָס שטיקל גאָלדענע קויל לעשט זיך אויס אין וואַסער מיט אַ צישען... נישט ווייט פון סאַמאָוואַר שטייט אַ פול קוישל מיט פּרוכטן, פול און נישט־גערירט, מיט אַ היפּשן ווערך אפילו... און ביי די ברעגן פונם טיש, אויף דעם פריש־אויסגעפּרעסטן טישטוך, זיינען, ווי פאַר אַ פּייערלעכער סעודה, אויסגעשטעלט אין צוויי פּינקט־לעכע רייען קליינע גלעזערנע שעלעכלעך פאַר סאָק און איינגעמאַכטס — אויך זיי זיינען פאַרבליבן דאָרט שטיין ביי די ראַנדן ציכטיקע, נישט־גערירטע און פּוסטע.

ניו־יאָרק, 1930.

אַ שיף אויף גרויסע וואַסערן

ערשטער קאַפּיטל

1.

ערשט אויפֿן פֿערטן טאָג פֿון איר נסיעה האָט די 20־טויזנט טאָ־ניקע פֿראַנצויזישע שיף „אַגאַמעמנאָן" דערגרייכט די גרויסע הונדערט-מייליקע זאַמד־בענק פֿון צפֿון־אַטלאַנטישן אָקעאַן, וואָס אַרום ניו־פֿונדלענד.

די פּאַסאַזשירן האָט אָט יענעם פֿרימאָרגן דערוואַרט אַ גרויסע און אָנגענעמע איבערראַשונג.

אַרויסגייענדיק אויף דער פּראָמענאַד-דעק — זאַטע פֿונם רייכן, אָקאָרשט אַריינגעפּאַקטן פֿרישטיק אינם עס־סאַלאָן; אויסגעשלאָפֿענע און אויסגערוטע אין די באַקוועמע און קאָמפֿאָרטאַבלע קאַיוטעס און אין די פּאַלאַציקע קאַבינעס „דע־לוקס" — האָבן זיי זיך מונטער צעשפּרייט איבער די דעקעס פֿונם שיף, באַגריסט איינער דעם אַנדערן מיט פֿרישע פֿרימאָרגנדיקע שמייכלען.

דערפֿרישט און אויסגערוט, האָט נאָך דער עולם דערווייל נישט גע־וואוסט, וואָס צו טאָן מיט דערוואַכטער מאָרגן־ענערגיע: אָדער זיך לאָזן שפּילן „שאַפֿל באַארד" (דער קליין־וואוקסיקער דעק־סטיוואַרד"1) — איינגאַנצן אין בלויען אָנגעטאָן, אין אַ קיילעכדיק היטעלע מיט בענדער, וואָס האָבן געפֿלאַטערט הינטער אים, אין געוויינלעכער אומ־רואיקייט פֿון ים-לופֿט, ווי קליינע צעפּלעך, — האָט שוין לאַנג מיט אַ שטיק קרייד געצייכנט אויף דער דעק די קוואַדראַטן, פֿיגורן און קעסטעלעך פֿאַר דער „שאַפֿל-באַארד"־שפּיל); אָדער אַראָפּגיין אין אָפּטיילונג פֿאַר „מעכאַנאָטעראַפּיע" און מאַכן דאָרט אַביסל מעכאַנישע איבונגען; אָדער גלאַט זיך לאָזן לעבעדיק און פֿריש לויפֿן רונד־אַרום דעם פּראָמענאַד־דעק, נאָכאַנאַנד און נישט מיד ווערנדיק, ביז מען וועט האָבן אָנגעציילט 7 רונד אַרום דער שיף, די לענג פֿון איין מייל אויף דער יבשה.

דאָס רוב פּאַסאַזשירן האָבן עס טאַקע אַזוי געטאָן — האָבן זיך געלאָזט אין אַ געיעג־לויף איבער דער דעק־פּראָמענאַד. אָבער די יעניקע, וועלכע זיינען געווען צו מיד און צו פֿויל פֿאַר דעם, האָבן

גלייך, ווי נאר אויף דעק ארויף, זיך אריינגעווארפן אין האלב־ליגנ־דיקע פאזעס אין זייערע דעק־שטולן. דער דעק־סטיוארד, דער בלאנ־דער און שלאנקער פראנצויז מיט די ליכטיק־וואסערדיקע אייגעלעך, מיט די קאקעטישע, קליינע און שפיזלדיק־פיקסירטע וואנצעלעך און מיטן גאנצן אביסל מיידלשן זיך חנדלענדיקן פנימל זיינעם — ער האט גלייך צו יעדן פאסאזשיר צוגעאיילט, ארומגעפאדעט ארום אים, ארומגעוויקלט יעדן איינעם וואַרעם מיט קאלדרעס און פלעדן: ער האט זיי עפעס, די פאסאזשירן, גארנישט געוואלט אפלאזן און ארויס־לאזן פון זיין ווארעמער „מאמעשער" זארג ארויס... ער האט זיי ענדלעך אבער געמוזט איבערלאזן, איבערלאזן אויף געניצן געשמאק און פויל; אויף ווארטן — נישט־הונגעריק, גלאט־אזוי — אויפן עלף־אזייגערדיקן בוליאן.

און מאדנע איז עס געווען און שטארק־פארדריסיק און פול מיט שטומען באוויז אויף אייביקן אומרעכט, וואס נעמט דורך די וועלט... זיי, אט די צעקראכן־געגעצנדיקע פוילענצער אין די דעק־שטולן, זיי־נען עס געווען די ערשטע, וועלכע עס האט דערוואַרט אט די דאזיקע וואונדערלעכע, פריידיקע איבערראשונג פון יענעם פרימארגן.

— מיט וואס האבן ז י י דאס פארדינט!

.2

פייגל.

פייגל האבן זיך מיטאמאל געדיכט א שאט געטאן דורכן אויס־געלייטערטן בלוי איבערן אקעאן — אן א שיעור טונקעלע פינטע־לעך: פונדערווייטנס אן אנגעפלויגענער שליו איבער די וואסער־מדבריות פונם אקעאן... הערטלעך גאנצע, דריי־עקן און פאראלעלא־גראמען פון פייגל — בלוי און ווייס, און לילע־קאליר.

ליניעס, וואס זיי האבן געצייכנט אין דער לופט זיינען געווען פארשיידן: שארפע, שפיציקע און ווינקלדיקע; און ליניעס אויך פאר־קיילעכדיקטע, לאנגזאמע, חשובע אזעלכע און גראציעזע.

מעווען, קראען און אנדערע אויסטערלישע, וואונדערלעכע פייגל.

בעטלערישע, שמוציקע פייגל; אויסטאנצנדיק אויף צופריער מלכותדיק אזוי איידעלע און שוועבנדיקע ליניעס, ריטמישע באוועגונגען און קרייזן איבערן שיף, — האבן זיי זיך דערנאך ארונטערגע־

טוקט אין די שמוציקע פּאַמאַיעס און אָפּפאַלן, וואָס זיינען ארויסגע־גאָסן געוואָרן אין ים פון דער שיף־קיך ארויס.

ווען זיי זיינען ארונטערגעפלויגן פון זייער בלוי־הערשאַפט איבערן אָקעאַן, גיריקע און הונגעריקע, זיינען געווען זייערע באַוועגונגען קרי־געריש, שאַרף־שפּיציק און ווינקלדיק: איבער אַ שטיקל שאָלעכץ האָבן זיי מיט שאַרפע קריגערישע שנאָבלען געפּיקט איינער דעם צווייטן ביז בלוט. אָבער ווען זיי זיינען דערנאָך ארויפגעפלויגן, זאַטע און אָפּגעפרעסענע — ווי קיילעכדיק און לאַנגזאַם־חשיבותדיק זיינען עס דעמאָלט געווען זייערע באַוועגונגען!...

וואונדערלעכע, — קריגערישע און שטילע, בעטלערישע און שטאָל־צע ים־פייגל.

פון זייערע ווילדע, הויך־פעלזיקע אָדער פלאַך־זאַמדיקע אינזלען ערגעץ דאָ ארום, — פון אַ מהלך פון צענדליקער מיילן, — האָבן זיי, קאַנטיק, שאַרף דערשמעקט דעם ריח פון איבערגעקאָכטער שפּייז, פון שטינקענדיקן אָפּפאַל, וואָס האָט זיך נאָכאַנאַנד נאָכגעשלעפּט נאָך דער דאָזיקער ציכטיקער און לוקסוסדיקער שיף... דער פּאַלאַץ־שיף, וואָס האָט שוין דעם פערטן טאָג געאַקערט זיך אַ וועג איבער די פעלדער פונם אָקעאַן.

— אוי, סאַראַ גרויסע פרייד איז עס געווען, — נאָכצוקוקן דאָס צייכענען פון זייער פייגל־שריפט אויפן אין־סופיקן בלוי איבערן אָקעאַן.

3.

אָבער פאַר דאָס רוב פּאַסאַזשירן, וואָס האָבן זיך איצט געפונען אויפן דעק פונם שיף „אַגאַמעמנאָן", איז דאָס באַוויזן זיך פון אָט די היפּשע מחנות פייגל אפשר גאָרנישט געווען אַזאַ טיפע און אַזאַ שאַרפע פרייד.

אמת: ס'איז טאַקע געווען אומגעוויינלעך און מאָדנע אינטער־סאַנט צוצוזען אַזוי פיל פייגל־מחנות אינמיטן אָקעאַן, כאָטש עס איז שוין געווען דער פערטער מעת־לעת זינט מען האָט פאַרלאָזט ניו־יאָרק. עס איז דאָך שוין געווען גאַנצע פיר טעג און גאַנצע פיר נעכט זינט מען האָט די יבשה געלאָזט הינטער זיך!

און אפשר נאָך לענגער... די בלויזע פאַרשטעלונג פון אַ יבשה אין אַ פּאַסאַזשירס מוח איז שוין געווען איצט ווי דאָס דער־מאָנען זיך אָן עפּעס אַ חלום — אָן אַ שוין־לאַנג פאַרגעסענעם חלום.

די רייכע לוקסוס־שיף „אַגאַמעמנאָן" — לאַנג, און ווייס, און גראַציעז, ווי אַן אויסטערלישע ים־גאַנז פון ריזיקער גרויס — איז נישט געווען קיין גאָר גרויסע שיף. זי איז געווען בסך־הכל אַ שיף פון אַ וואַסערע 20.000 טאָן. דער ריזיקער שווימענדיקער פּאַלאַץ, ווייזט אויס, איז לכתחילה געבויט געוואָרן נישט צוליב שנעלקייט. ער האָט איבערגעשניטן דעם אַטלאַנטישן אָקעאַן נישט אין פינף מעת־לעת, ווי עס טוען עס, אַ שטייגער, די „מאַדזשעסטיק" אָדער די „אָלימפּיק", — נאָר אין גאַנצע אכט-ניין מעת־לעת. די, וואָס זיינען געווען געניייגט צו אַן איילנדיקער געשעפטס־רייזע קיין אייראָפּע, האָבן מיט אַזאַ „שיפעלע" דעריבער נישט געקאָנט פאָרן.

ס'איז געווען אַ שיף געבויט ספּעציעל פאַר לוקסוס־רייזעס און פאַר מענטשן, וועמעס איינציקער ציל אין לעבן איז אויסצופּרובירן אַלערליי ערדישע פריידן.

איז וואָס האָבן זיי, די אויסדערוויילטע פון דער ערד, וואָס צו איילן זיך? אדרבה... זאָלן די טעג פון פרייד געדויערן לענגער, וואָס לענגער.

ווייל די פאַרשיידענע ערדישע פריידן פון אַן ערשט־קלאַסיקן האָטעל, האָבן דאָך דאָ געדאַרפט זיין אָן אַ שיעור און אָן אַ גרענעץ שאַרפער. שוין דערפאַר אַליין, וואָס מען האָט זיי געפילט און איבערגעלעבט, די דאָזיקע פריידן, אין אַזאַ אומגעווייינלעכער וועלט, — טויזנטער מיילן ווייט פון דער יבשה; טויזנטער און טויזנטער פאַטאָמען איבער דעם אָפּגרונט פון אָקעאַן... טיף, קיל, גרין... און שרעקלעך־ווייט איז געווען אונטער דער שיף די ערד — אַזוי ווייט, אַז ס'איז פּשוט נישט געווען צו באַנעמען נישט מיטן מענטש־לעכן שכל, נישט מיט דער פאַנטאַזיע.

ביי אָט דעם אַלעמען איז אודאי געווען אומגעוויינלעך פריידיק און אומגעוויינלעך גוט צוצוזען, ווי עס שווימען נאָך דער שיף די מחנות פייגל און פּיקן די שאָלעכץ פון די גרייפּ־פרוכטן און דעם אַפּפאַל פונעם מיטאָג־מאָלצייט, וואָס מען האָט שוין איצט אין דער ריזיקער ווייס־בלאַנקענדיקער שיף־קיך געהאַלטן אין צוגרייטן.

— מען איז נאָך, הייסט עס, אַלץ נישט זייער ווייט פון דער הים, וואָס מען האָט נאָך מיט גאַנצע פיר מעת-לעת צוריק פאַרלאָזן...

אָבער צו שטאַרק נתפּעל־ווערן איבער דעם איז פאָרט נישט געווען וואָס... פּשוט — ס'איז געווען קלאָר די פּאַסאַזשירן: דאָ, נישט זייער ווייט פונם „רייד" — אַלנפאַלס, נישט קיין ווייטערער מהלך פון אַ פויגל־פלי אינמיטן אָקעאַן — האָט נאָך אַלץ געמוזט זיין ערד. און ס'איז אויך געווען קלאָר די פּאַסאַזשירן פונם „אַגאַ־מעמנאָן": עפּעס אַ גוטע, אַ צוגעלאָזענע און פריינטלעכע השגחה גיט שוין ספּעציעל אַכטונג אויף זיי — די פּאַסאַזשירן פונם לוקסוס־דיקן פּאַלאַץ-שיף, — אַז זיי זאָלן אפילו אינמיטן פון די גרויסע, ווייטע און פוסטע וואַסערן נאָכאַנאַנד האָבן דאָס געפיל פון היים און היי־מישקייט...

.4

אַ סך טיפער דערפאַר און אַ סך ליכטיקער און פון אַן אַ שיעור אַן איידעלערן געוועב איז געווען די פרייד, וואָס די אָנגעפלויגענע מתנות פייגל האָבן פאַרשאַפט פאַר עמעצן אַנדערש דאָ אויף דער שיף: פאַר איינעם פון די שיף־מוליער, וועלכע האָבן דאָרט ביי דער טראַנספּאָרט־מאַשינעריע אויף דער קאַרמע פון שיף היינט אַ גאַנצן פרימאָרגן געאַרבעט.

אינמיטן פון דער אַרבעט זיינער — דעם פּינזל אין דער האַנט, וואָס איז באַדעקט מיט אַ שווערער, אַן אייליקער און פאַרב־אָנגע־זאַפּטער הענטשקע, האָט געטריפט בשעת־מעשה מיט היפשע פאַרב־טראָפּנס אויפן דעק — אינמיטן פון דער אַרבעט האָט אָט יענער מו־ליער פאַרריסן דעם קאָפּ אין דער הויך.

ער האָט נאָכגעקוקט אַ שטיק צייט אַזוי מיט שטאַרקער בענק־שאַפט די פייגל, וואָס האָבן געקרייזט גאָר נאָענט איבער אים, האָבן הונגעריק געשריען, זיך זשעדנע געקלאַפּט אינם וואַסער און אַן די באָרטן פון שיף. אַ שטיק צייט האָט ער מיט וואונדער אין די אויגן געקוקט אויף זיי און אויף יענער זייט פונם הימל, פון וועלכער זיי זיינען, קאָנטיק, געקומען צופליען, אויף דער צפונדיקער שטרעקע פון געמישטן גרוי־פּערלמוטערנעם הימל-לייַלעך און וואַסער־לייַלעך:

— דאָרט האָט זיך געפונען די ערד פון ניו־פונדלענד...

אַזוי לאַנג האָט ער געקוקט אין דער הויך מיט אַ פאַררייסענעם קאָפּ, ביז אַן אַנדערער, אַ נידעריקער און אַ פעסט־געבויטער מאָליער, וועלכער האָט דאָרטן אויך זייט־ביי־זייט מיט אים געאַרבעט, — קאַנטיק, דער עלטסטער פאַרבער — האָט איבּ באַלד האַלב-פריינטלעך, האַלב־ערנסט, אַ שטורכע געטאָן:

—Mais nichoeas, econte, mon vieux, tu baille . . . [2]

.5

די דאָזיקע סצענע האָט איינער אַ פּאַסאַזשיר, ה׳ גאָלד. גאַנץ גוט געקאָנט צוזען פון דער העכערער שיף־דעק, וואו ער איז געשטאַנען ביי דער פּאַרענטשע.

דער אינגערער מאָליער־אַרבעטער — יענער, וועלכער האָט „געגענעצט" — איז געווען אַ גאַנץ הויכער בחור. ער האָט אָבער אויסגעזען, נישט געקוקט אויף זיין וואוקס, צו זיין נאָך גאָר יונג; זיין פּנים, אַלנפאַלס, איז געווען כמעט אינגליש; זיין גוף — מאָגער און נישט־אַנטוויקלט.

ער האָט דערפאַר געהאַט לאַנגע פיס און לאַנגע אָרעמס, — פיר היפּשע, שטייפע און נישט דיקע דרענגלעך. אפילו פונדערווייטנס האָט מען באַלד געקאָנט זען: זיי, די אָרעמס זיינע, — האַלב־אַנטבלויזטע ביז צו די עלנבויגנס, — זיינען געווען געדיכט טאַטואירט, פאַרשיידענע פיגורן זיינען געווען אויף זיי אויסגעבערענט מיט אַזאַ מין בלויער טינט־פאַרב: אַנקערן פון פאַרשיידענער גרויס, אויסטערלישע חיות, עקדישן און פּיפּערנאָטערס.

דעם בחורס פּנים... ס׳איז גאָלדן פונם סאַמע ערשטן אויגנבליק, וואָס ער האָט אים באַמערקט, — נאָך נעכטן אינדערפרי — געווען קלאָר: ניין, ס׳איז נישט געווען דאָס פּנים פון אַ מאַטראָז, אָדער פון אַ געוויינלעכן שיף־אַרבעטער... עס איז אפילו געווען ביינערדיק און ענערגיש, האָט פאַרמאָגט אַ פירקאַנטיקן קין, אַ הויט, וואָס איז געווען שטייף־אָנגעצויגן, און אַ ביינערדיקע נאָז, אַגרעסיוו, שאַרף, ווי ביי אַ רויב-פויגל. נאָר עפּעס אַזוינס האָט גאָלד, וועלכער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ שטיקל מענטשן־קענער, באַמערקט ביי יענעמס מויל: אַזעלכע לאַנגע קנייטשן צוויי, ווי קלאַמערן, וואָס האָבן טיף אַרומגענומען ביידע זייטן מויל.

קנייטשן נישט נאָך יענעמס קאַנטיקן עלטער נאָך; קנייטשן פון אַ מענטשן, וועלכער האָט, ס'איז קלאָר, אין זיינע וואָסערע צוואַנציק יאָר דורכגעלעבט, דורכגעמאַכט און דערפאַרן אודאי אַ סך מער וויפיל עס האָט געקאָנט אַריינגיין אין זיי, אין אָט די צוואַנציק יונגע יאָרן זיינע; טיפע קנייטשן אַרום אַ היפש, אַ ברייט און אַ תאוהדיק מויל.

היינט די אויגן זיינע... די אויגן זיינע זיינען שוין, פאַרקערט, געווען נישט קיין אַגרעסיווע; וואַרעמע, ברוינע אויגן זיינען דאָס געווען — אויגן פון אַ יונגן מענטשן, וואָס קוקן מער אין זיך ווי אַרום זיך; אויגן פון אַ מענטש אַ בעל־חלומות און אַ ז ע ע ר.

.6

איז אָט יענער שלאַנקער און מאָגערער יונגערמאַן, וועמען דער עלטסטער קורצינקער פאַרבער האָט אָנגערופן ניקאָלאַי, האָט זיך באַלד ווידער גענומען פאַר דער אַרבעט; ער האָט איצט צוריק אַנידערגעלייגט דעם פּינזל אויפן פאַרב־טאָפּ און האָט אָנגעהויבן מיט אַ ברייטן מעסער אַרונטערצוקראַצן דעם רויטלעכן און אויפגעבלעזלטן זשאַווער פון די קראַנען, פון די הויב־מאַשינען, פון די ציינערדיקע רעדלעך און וואַלצעס, פון דער גאַנצער קאָמפּליצירטער הויב־מאַשינעריע, וואָס אויף דער אונטערשטער דעק ביי דעם הינטערשטן טייל פון דער שיף, ביי די עפענונגען, וועלכע האָבן געפירט אין די באַגאַזשקעלערס אַריין.

אָפּגעקראַצט און אַרומגעקראַצט, האָט ער זיך ווידער גענומען צו שמירן. אָבער דאָס שמירן איז ביי אים ווידער צוגעגאַנגען זייער פּאַוואָליע. ער האָט איצט טאַקע אויף אַן אמתן געגענעצט, ווי נישט קיין אויסגעשלאָפענער. אפשר איז ער געווען פון דער נאַטור אויס אַ פוילער? אָבער ס'איז דאָך מעגלעך אויך: די דאָזיקע אַרבעט האָט אים שוין פון לאַנג דערעסן!

און ה' גאָלד, מיט אַ שמייכל אויף זיינע דינע ראַפינירטע ליפּן, האָט זיך אַליין געוואונדערט:

— אַ מאָדנע זאַך... פאַרוואָס איז ער דאָס אַזוי פאַראינטערעסירט און פאַרכאַפּט געוואָרן מיט דעם דאָזיקן אומבאַקאַנטן יונגנמאַן, מיט וואָס האָט יענער עס אים גענומען?

לאַנג אָבער האָט ער וועגן דעם נישט געקאָנט שפּעקולירן, מר. גאָלד. פון הינטער אים האָט זיך אין אַ מינוט אַרום דערהערט די זאַטע, די טיפע און ברוסטיקע פּרויען־שטים פון מאַדאַם באַלדאַמעראַ:

— אָ, הער גאָלד, מאָיען... נו, ביטע, זינגען זי דאָך איין זאָנג... אָ, יעס?...

נאָר איידער גאָלד האָט זיך אומגעדרייט צו ענטפערן אויף מאַ־דאַם באַלדאַמעראַס באַגריסונג, האָט ער נאָך באַוויזן צו באַמערקן:

דעם יונגן ניקאָלאַיס געזיכט, וואָס איז אין די לעצטע פּאָר מי־נוט געווען פלעגמאַטיש אַזוי אַן אַפּגעלאָזן, האָט פּלוצלונג ציטערנדיק אויפגעפלאַמט... ער האָט אַרונטערגעלאָזט די האַנט מיטן פּינזל, האָט אויפגעהויבן אַ פּאָר אָנגעצונדענע פייערדיקע אויגן אויף דער אויבערשטער שיף־דעק, אויף וועלכער עס איז די גאַנצע צייט גע־שטאַנען גאָלד. ער האָט זיי אַזוי, די אָנגעצונדענע אויגן זיינע, געהאַלטן שאַרף־אָנגעשטעלט אַהין, ווי אַ שפּאַקטיוו, און אַ שטיק צייט נישט אַראָפּגענומען זיי פון דער מרס. באַלדאַמעראַ. און באַלד איז זיין פּנים געוואָרן אַזוי בלייך.

ס׳האָט זיך אין דער לויטערער עלף־אַזייגערדיקער ים־לופט קלאָר געזען: זיינע דיקלעכע ליפּן און די צוויי היפּשע טיפע קנייטשן ווי קלאַמערן, ביי יעדע זייטן מויל — זיי האָבן אַ פּאָר מאָל שאַרף און פיינלעך אַ צוק געטאָן. ער האָט זיך מיט פאַרדראָס אָפּגעקערט. שנעלער, ענערגישער אָנגעהויבן אַרבעטן...

צווייטער קאַפּיטל

1.

— אַ אַ — אַ... — האָט זיך ווייטער אַלץ אַזוי געהנדלט און נעבעטן ביי גאָלדן מרס. באַלדאַמעראַ — אָ, ביטע... זינגען זי איינען זאָנג... איינע נעגערשן... יעס, פּליז?3)

זי האָט ממש געטורמט איבער אים, כאָטש ער אַליין, גאָלד, איז אויך געווען אַ מענטש אַ וואוקסיקער. אירע אויגן, גרוי און ליכטיקלעך און קאַלטער שטאָל, האָבן געקוקט אויף גאָלדן שטיפע־ריש. זי איז געווען הויך, קרעפּטיק, בלאָנד — אַ פרוי מיט אַ שטאַרק־אַנטוויקלטער טאַליע; אַ פרוי — אַ בנין אַ גאַנצער. איר אָנגע־

שטאָפּטער, פּעטלעכער גוף האָט געאָטעמט אויף אים מיט געזונט, מיט פרישסטע בלוטן, מיט שפּאַרנדיקער תאוהדיקער לוסט.

און זי האָט אַזוי קאָמיש, אַזוי קינדיש און אַזוי חנעוודיק אויס־געדעדט די ענגלישע ווערטער, — אַ „סמך” האָט זי אויסגערעדט ווי אַ „זין”:

— אַ — אַ... יעז... זינגען זי איינען זאָנג... איינען נעגערשן... יעז?...

אויף דער דאָזיקער דעק — דער „שיף־דעק”, דער העכסטער דעק פונם „אגאַמעמנאָן”, — פלעגן בכלל ווייניק פּאַסאַזשירן אַרויפ־קומען. דאָ האָט זיך בלויז געפונען אַ טייל פון די שטייגן פאַר די הינט, וואָס זיינען מיטגעפאָרן מיט די פּאַסאַזשירן, ווי אויך די שטייגן פאַר די עופות און די טויבן, וואָס זיינען באַשטימט געווען פאַרן קיך־געברויך פון דער שיף. אינמיטן דעק זיינען געווען די דריי ריזען־קוימענס, קוימענס מיט מוראדיק־ברייטע לעכער, פון וועלכע עס האָט נאָכאַנאַנד געשפּאַרט אַ רויך, געדיכט אָדער שיטער, ווי פון די טיפענישן פון אַן אייביקן גייהנום — פון די טיפענישן פון דער הייץ־אָפּטיילונג, וואו קעסלען אויל האָבן נאָכאַנאַנד געברענט; וואו מאַשיניסטן זיינען טאָג און נאַכט, אין דעמפּיקער היץ, אַרומגעגאַנגען כמעט נאַקעט, פאַרשמירטע און פאַרקוילטע. איז דאָ האָבן געמאַכט זייער הויפּט־קוואַרטיר אַ גרופּע פּאַסאַזשירן, וועלכע האָבן זיך גוט צונויפגעטראָגן שוין פון די ערשטע פּאָר טעג פון זייער זיין אויף דער שיף; אַ געשלאָסענע גרופּע, וועלכע האָט זיך געהאַלטן תמיד צוזאַמען און האָט קיין „זייטיקע” פּאַסאַזשירן צו זיך נישט צוגעלאָזן.

אין אָט דער גרופּע האָט זיך געפונען מרס. באַלדאָמעראַ און איר חברטע מרס. בלייק, — ביידע אַרגענטינער דייטשקעס, געבוי־רענע ערגעץ אין אַ דייטשער קאָלאָניע אויף די אַרגענטינער פּאַמפּאַסן. מרס. באַלדאָמעראַ איז געווען די פרוי פון עפּעס אַן אַמבאַסאַדאָר פון אַרגענטינע אין איינער פון די קליינינקע מדינות פון צענטראַל־אַמעריקע — אין איינער פון יענע מדינות, פון וועלכע דערוואַקסענע מענטשן ווייסן געוויינלעך זייער ווייניק; איינע פון יענע מדינות, פון וועלכע עס ווייסן הויפּטזעכלעך יונגע קינדער, ווען זיי לערנען די געאָגראַפיע פון דער ווייטער, ווייטער וועלט... אָבער אינם פיין־געבונדענעם ביכעלע פון דיקן געלבלעכן פּאַפּיר, — דער פּאַסאַ־

זשירן-ליסטע, וואָס איז פּאַרשפּרייט געוואָרן צווישן אַלע רייזנדיקע אויף דער שיף „אַגאַמעמנאָן", — איז זי געווען פול באַטיטלט: „סעניאָרא ערנעסטינא דע באַלדאַמערא, פרוי פונם „מיניסטער פּלע־ניפּאָטענסיער" פון דער רעפּובליק פון ארגענטינע אין דער צענטראַל־אַמעריקאַנישער רעפּובליק פון..."

איר חברטע, מרס. בלייק, איז געווען די פרוי פון אַן אָנגעזעע־נעם ניו־יאָרקער באַנקיר, דעם פּרעזידענט פון אַ באַקאַנטער צפון־אַמע־ריקאַנישער האַנדלס־באַנק, מיט אָפּטיילונגען אין כמעט אַלע מדינות פון דרום־אַמעריקע. פּונקט, ווי מרס. באַלדאַמערא, איז זי אויך געווען אַן אַרגענטינער דייטשקע, נאָר זי האָט שוין פון יאָרן און יאָרן גע־וואוינט אין ניו־יאָרק מיט איר אַמעריקאַנער מאַן. זי האָט דערפאַר גערעדט ענגליש אסך פליסיקער ווי מרס. באַלדאַמערא, וועלכע האָט, איבעריקנס, געקנאָט ענגליש זייער ווייניק — בלויז די נויטיקסטע אומגאַנגס־פראַזן. מרס. בלייק איז געווען נידעריקער געוואַקסן פאַר מרס. באַלדאַמעראַן; זי איז אויך געווען טונקל־הויטיקער, מיט אַ שאַרפן פּנים און מיט מער שניינדנדיקע געזיכטס־שטריכן. בכלל: איר גאַנצע פיגור האָט געהאַט אין זיך מער שטייפקייט און כאַראַקטער, ווי מרס. באַלדאַמעראַס.

עס איז געווען שווער צו זאָגן, ווי עס איז תמיד אין אַזעלכע פאַלן, וואָס האָט עס זיי דאָ אַלעמען, די מיטגלידער פון אָט דער גרופּע, דערנענטערט. אפשר איז עס געווען אַלעמענס „דייטשישקייט" — כאָטש ביי אַלעמען איז די דאָזיקע „דייטשישקייט" געווען זייער אַ מאָגערע און זייער אַ בלאַסע. חוץ די צוויי אַרגעטינערינס איז דאָ אויך געווען עוזיאל גאָלד, אַן אָנגעזעענער אידישער זשורנאַ־ליסט — אַ מענטש, בדרך־כלל, אַ קלוגער און אַ ליבער, און דוקא, נישט געקוקט אויף זיין קאָמפּראָמיטירנדיקער פּראָפעסיע, אַ ריינער און אַן ערלעכער; אַ מענטש, וואָלט מען געקאָנט זאָגן, אָן באַזונדערע חסרונות, — חוץ זיין שוואַכקייט צו באַטראַכטן זיך מער פאַר אַן ערנסטן פּובליציסט איידער ווי אַ זשורנאַליסט... אפילו אין זיין אויסלענדישן פּאַס האָט ער דאָך געבעטן דעם באַאַמטן פאַר אָט די ענינים אַריינשרייבן דאָס וואָרט „פּובליציסט"—אַ וואָרט, וואָס ווערט כמעט נישט געברויכט אין ענגליש — אַנשטאָט דעם וואָרט „זשור־נאַליסט". און אָט דער עוזיאל גאָלד איז אויך געווען אַ שטיקל

„דייטש". ער האָט געשטאַמט פון אַמאָליקן עסטרייכישן גאַליציע, און האָט גערעדט דייטש טאַקע זייער שיין און זייער „נישט-אידיש".

.2

אין אָט דער גרופּקע זיינען געווען נאָך צוויי טשיקאַגאָער קאָמערסאַנטן — אָנגעזעענע תבואה־אַגענטן, פאָרשטייער פון אַ באַוואוסטער פירמע, וואָס האָט געפירט ריזיקע, מיליאָניקע געשעפטן מיט אייראָפּע, וואוהין זיי פלעגן יאָר־יערלעך צושטעלן גאַנצע מיליאָנען פודן ווייץ און קאָרן פון די רייכע שוואַרץ־ערדיקע פעלדער־שטאַטן פון דער מיטלוועסט. אין האַמבורג און אין ליווערפּול, אין האַוור און אין דאַנציג, האָט די דאָזיקע פירמע פאַרמאָגט היפּשע פיליעס מיט ריזיקע תבואה־עלעוואַטאָרן, וועלכע האָבן באַטראָפן אין די שווערע הונדערטער טויזנטער דאָלאָרן. די דאָזיקע צוויי טשיקאַגער קאָמערסאַנטן זיינען דאָס איצט געפאָרן אויף אַ מין קאָנטראָל־באַזוך — קאָנטראָלירן די דאָזיקע אייראָפּייאישע פיליעס, וועלכע קיינער פון זיי האָט נאָך ביז איצט קיינמאָל נישט באַזוכט.

ביידע זיינען זיי געווען געזונט־קאַרקיקע, פיין-געוואַקסענע מאַנסבילן, מענער שוין אודאי אין די פערציקער. נאָר ביידע זיינען זיי געווען אַזוי ציכטיק־אָנגעטאָן, מיט פּנימער תמיד פריש-געגאָלטע ביז גלאַטקייט, אַז זיי האָבן געמאַכט דעם איינדרוק נאָך פון גאָר, גאָר יונגעלייט. ביידע זיינען זיי געווען טשעכאָסלאָוואַקישע אידן — געבוירן דוקא אין אַ פּראָסט־פּשוטער אידישער משפחה אין ערגעץ אַ דאָרפישן ישוב פון די בערג פון קאַרפּאַטן־רוסלאַנד. געקומען זיינען זיי קיין אַמעריקע נאָך גאָר יונגע בחורימלעך, אינגלעך, אפשר קינדער בלויז... אידיש האָבן זיי פונדעסטוועגן גאַנץ גוט פאַרשטאַנען, כאָטש גערעדט האָבן זיי עס —אביסל אפשר בכיון, מיט אַ מין חנדל אזא — שווערלעך און מיט מאַטערניש. אָבער דאָס ביסל, וואָס זיי האָבן יאָ גערעדט, איז געווען זאַפטיק און קערנדיק — עפּעס אזא מין אַרכאַאישער אידיש, וואָס זיי האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט פון זייער אַלטער קאַרפּאַטישער היים.

וועגן זייער אידישער אָפּשטאַמונג האָבן זיי דערציילט גאָלדן ערשט אויפן צווייטן צי אויפן דריטן טאָג פון זייער באַקאַנטשאַפט, בשעת אַן אינטימען שמועס אין באַר, ביי אַ פּאָר פיינע קאַלטע

פלעשער שאמפאניער, וואס זיינען געשטאנען לעבן זיי אין א געפרוי־רענעם עמערל מיט צעברעקלטן אייז; די דאמען זיינען גראד דערביי נישט געווען.

זיי האבן עם דערציילט גאלדן נאכדעם ווי זיי האבן דערטאפט ביי אים — כאטש גאלד האט שטארק געפרואווט זיך ארויסדרייען פון צו געבן זיי די דאזיקע אינפארמאציע, — אז ער איז א אידישער „שרייבער". ווי א וויכטיקן סוד האבן זיי עם דערציילט גאלדן, מיט א מאדנער מינע, מיט א מינע, געמישט פון זעלבסט־אויפאפערונג און שטאלץ.

— זעסט... אט, מיר שעמען זיך נישט... וואס איז, ווער וואלט עס דען אויף אונז דערקענט? אבער מיר — אונז ארט נישט... אט דערציילן מיר דיר אפן — מיר זיינען אויך אידן...

אבער דאס, אז זיי זיינען אידן, האט גאלד געוואוסט נאך פון דער ערשטער שעה, ווען זיי האבן זיך באקענט. כאטש קיינער פון זיי האט נישט געהאט אפילו קיין שמץ פון א „אידישן" אדער סתם א פרעמדן אקצענט אין זייער ענגליש־רעדן. גאלד פלעגט שוין האבן זיינע אויסגעפרואווטע און זיכערע סימנים אויף צו דערקענען א אידן. אויך איז אים אפילו נישט איינגעפאלן צו פאראיבל האבן אויף אט די צוויי רייכע קאמערסאנטן, פארוואס זיי וואלטן אודאי בעסער גע־וואלט באהאלטן פאר זיך זייער אידישקייט. אויך ער, עוזיאל גאלד, איז דאך געווען אין אט דעם פרט אביסל אפשר ענלעך צו זיי... אויך ער, ווען אים פלעגט אויסקומען צו זיין ביי אזעלכע אומשטענדן אין געמישטער געזעלשאפט, פלעגט זען פארמיידן צו דערציילן וועגן זיין ריכטיקער באשעפטיקונג: אים פלעגט זיין עפעס אומבאקוועם צו לאזן וויסן, אז ער איז א זשורנאליסט.

נישט ווייל ער האט זיך מיט דעם געשעמט... חלילה. עוזיאל גאלד איז געווען א מענטש מיט גענוג ערלעכקייט אין זיך, מיט גענוג זעלבסטווירדע. נאר פשוט: עס פלעגט געווייגלעך זיין פאר־בונדן מיט אן א שיעור אומבאקוועמלעכקייטן. עס פלעגט זיך דער־נאך, נאך זיין ענטפער, אין דער געזעלשאפט אנהויבן א גאנצע ריי פאנאנדערפרעגענישן, פון וועלכע עס פלעגט אים, מר. גאלדן, ווערן זייער פריקרע.

— א, א שאד, מר. גאלד... און מיר האבן נאך אייערע ביכער

נישט געליִיענט... מיר וועלן זיי ביי דער ערשטער געלעגנהייט זען צו קריגן... אומבאַדינגט...

— אָ, איר שרייבט נישט קיין ביכער? איר שרייבט גאָר אין די צייטונגען? אָ, דאָס איז דאָך נאָך אַסך אינטערעסאַנטער... אין די צייטונגען האָבן מיר אייך אודאי געליִיענט... זיכער...

— איר שרייבט דאָך אונטער אייער אייגענעם נאָמען? אין וועלכער צייטונג, זאָגט איר, שרייבט איר? אָ, ס'איז אַ שפּראַך, וועלכע מיר וואָלטן זי סיי ווי נישט געקאָנט ליִיענען?

— אָ, ס'איז מסתמא אונגאַריש... רומעניש... אַך, אידיש גאָר? אָ, יעס, אידיש, מיר פאַרשטייען...

און דעמאָלט הויבן מענטשן אויף אים אויף זייערע ברעמען שטאַרק פאַרוואונדערט. דעמאָלט הויבט זיך אָן אַ קאַלט־העפלעך, כלומרשט זייער אַ פאַראינטערעסירטס אָבער אין דער אמתן אַ שטאַרק גלייכגילטיק געשפּרעך „וועגן אידן און וועגן אידישקייט", — וועגן דעם דאָזיקן מאָדנעם אַכטן וועלט־וואונדער פון וועלכן מ'האָט זיך אָקאָרשט דערוואוסט — אַז אידן האָבן אויך אַ שפּראַך... אַ שמועס אַ „וויסנשאַפטלעכער", פון וועלכן עס פלעגט עוזיאל גאָלדן אויב נישט תמיד אַפּעקלען, איז אָבער תמיד שאַרף שנײַדן איבערן האַרצן.

— ווי, נישט אַלע אידן שרייבן דען ענגליש? און מיר האָבן געמיינט...

— אָ, אַזוי... שוין אַ ליטעראַטור פון פינף הונדערט יאָר, זאָגט איר? זע נאָר, און מיר האָבן קיינמאָל, קיינמאָל פון דעם נישט געוואוסט...

גאָלדן פלעגט אָבער נישט שווער זיין צו באַמערקן די גאַנצע צייט אין די אויגן פון די מיטשפּרעכער אַזאַ מין קאַלט פייערל פון באַדויערן און פרעמדקייט...

— אַ מענטש ווי ער — האָט דאָס דאָזיקע קאַלטע באַדויערן באַדייט — אין פלוג אַזאַ וועלטלעכער און אייראָפּייאישער... אַ מענטש, וועלכן מ'האָט לכתחילה געהאַט אָנגענומען דורכאויס פאַר אַן אייגענעם — זאָל זיך עפּעס פון פרייען ווילן נעמען אָפּרינגלען און אָפּשליסן זיך פון דער גאַנצער וועלט...

און ענדיקן פלעגט זיך עס סוף־כל־סוף מיט דעם, וואָס די דאָזיקע געזעלשאַפט — וועלכע זאָל נישט זיין — פלעגט אים טאַקע אינגיכן אָנהויבן באַטראַכטן ווי אַ טשיקאַווע בריאה: קיין „פרעמ־

דער" איז דאָס אפילו נישט, נאָר קיין „אייגענער" אויך נישט...
און ביסלעכווייז, ביסלעכווייז און אומבאַמערקט אַזוי פּלעגט מען אים טאַקע אָנהויבן אויסמיידן.

דאָס אַלץ, נאַטירלעך, איז געווען גאָרנישט — ס'איז אַלץ קיין שמעק־טאַבאַק נישט ווערט געווען... נאָר פונדעסטוועגן... עוזיאל גאָלד האָט עס פונדעסטוועגן נישט געוואָלט לײַדן. ווײַבאַלד אַז אים פלעגט שוין אַזוי אָפּט אויסקומען, צוליב זײַן זשורנאַליסטישער באַשעפטיקונג, צו זײַן אַ טייל פון אָט אַזאַ געצוואונגענעם צוזאַמענלעבן; ווײַבאַלד אים פלעגט שוין אויסקומען צו פאַרברענגען אַזויפיל צײַט אין אָט אַזעלכע געמישטע געזעלשאַפטן — אויף שיפן, אין האָטעלן פון ווײַטע מדינות און פּאַנסיאָנען פון אייגענעם לאַנד, — וועט דאָך קיינער אודאי גאָרנישט האָבן קעגן אים דערפאַר, וואָס ער פלעגט נישט וועלן זיך קאַליע מאַכן דאָס געמיט מיט אָט אַזעלכע נאַרישע ערגערנישן...

.3

גאָלד האָט מיט אַ צוגעלאָזטן שמייכל געמוזט סוף־כּל־סוף צוזאָגן דער סיניאָרע באַדאָמערא:

— נו, גוט... איך וועל זינגען, געשעצטע סיניאָראַ... אָבער נישט איצט — שפּעטער אַביסל... מאָרגן... נו, הײַנט אין אָוונט...

ביי מרס. באַלדאָמעראַן האָבן, ווײַזט אויס, זייער שטאַרק אויסגענומען די פּאָר נעגרישע לידלעך, וואָס גאָלד האָט געזונגען נעכטן שפּעט בײַנאַכט, אינם ליכט פון אַ שטילן לבנה־באַלויכטענעם אָקעאַן.

אײַנגעוויקלט אין פוטערנע מאַנטלען און אין וואָלענע וואַרעמע פּלעדן, האָט זיך דעמאָלט די גרופּקע צוזאַמענגעטוליעט אויף דער לײדיקער שיף־דעק לעבן איינעם אַ ריזיקן קוימען, וואָס האָט אין נאַכט און אָקעאַן נאָכאַנאַנד אַרויסגערעגנט מיט רויטע גאָלדענע פונקען ווי גרויסע פײַערדיקע טרויבן. איבעריקנס, איז עס נעכטן בײַנאַכט נישט געווען באַזונדערס אַזוי קאַלט. די „אַגאַמעמנאָן" האָט זיך געפונען אין די וואַרעמע וואַסערן פונם געבענטשטן דרומדיקן גאָלפשטראָם. און די נאַכט אַרום האָט עוזיאל גאָלדן שטאַרק דערמאָנט אָן איינער אַן ענלעכער לבנה־נאַכט אין דער דרומדיקער שטאָט

טשאַרלסטאָן — אַ נאַכט, אַ סאַמעטענע און אַ ווירציקע. אַ נאַכט פֿול מיט נעגערשן געזאַנג אויף נאַענטע שיפֿלעך, און אין פֿינצטערע געסלעך וואָס לעבן האַפֿן; אַ נאַכט פֿון ליבע און שטילן לבנה־ליכט אויפֿן דערבייאיקן ווי אויסגעבישופֿטן האַפֿן־וואַסער פֿון דער אַלטער דרומדיקער ים־שטאָט טשאַרלסטאָן...

גאָלד האָט, קאַנטיק, געזונגען נעכטע די נעגערשע לידלעך צו־ליב זיך, און נישט צוליב וועמען עס איז אַנדערש פֿון דעם קליינעם עולם, וואָס האָט אים אַרומגערינגלט. דערפֿאַר זיינען זיי געווען אַזוי רירנדיק, נישט געקוקט אויף זיין שוואַכער, כאָטש קלאָרער שטים; דערפֿאַר האָבן זיי געמאַכט אַזאַ איינדרוק אויף מרס. באַלדאָמעראָן. און דערפֿאַר האָט זי אים איצט עטלעכע מאָל נאָכאַנאַנד געבעטן ער זאָל ווידער זינגען...

זי האָט געהאַט אַ באַזונדערע טענה: נעכטן ביינאַכט האָט זי זיי נישט אַלע געהערט, די לידלעך; זי איז דאָך נעכטן ביינאַכט אוועקגעגאַנגען צו זיך אין קאַבינע פֿריער פֿאַר אַלעמען, ווען די איבעריקע מיטגלידער פֿון דער גרופּע זיינען נאָך אַ לענגערע צייט פֿאַרבליבן אויפֿן דעק. עס האָט איר, ווי זי האָט איצט דערקלערט, נעכטן עפּעס אַביסל געאיבלט אין מאָגן, געגנודיעט אונטערן האַרץ — ס'איז מסתמא געווען אַ קליינע אַטאַקע פֿון ים־קראַנקהייט.

— אָ, יעז... — האָט זי זיך איצט מיט די רייכע פֿאַלדן פֿון איר פֿולן גוף געצויגן און געחנדלט קעגן גאָלדן, — יעז... זינגען זי איין זאָנג... יעז, פּליעז?

.4

אָבער קאַנטיק: איר מוזיקאַלישער דורשט איז נישט געווען גאָט ווייסט ווי שאַרף. זי האָט זיך גאָר איינגיכן געלאָזט באַרואיקן, ווען זי האָט דערזען איר חברטע אַרויפֿקומען. מיט איר קאָמישער חנעוור־דיקער אויסשפּראַך, פֿאַרדייטשנדיק די ענגלישע ווערטער, האָט זי זיך באַלד געווענדט צו מרס. בלייק, וועלכע האָט זיך אויפֿגעהויבן אויף דער שיף־דעק מיטן שמאָלן גאַניק, וואָס האָט געפֿירט אַהער פֿון דער נידעריקערער פּראָמענאַד־דעק.

— אָ, זאָ לייט...4) וואָס מאַכן זי... זינד זי אויך „זי־זיק״ ?5)

מרס. בלייקס פולע בעקלעך זיינען, פארקערט, גראד געווען רויט און אויפגעפלאמט; צי פונם פרימארגנדיקן ים־ווינטל, וואס האט געשמאק און פריש, מיט א ריח פון באטאמטן געזאלצנס, געבלאזן און האט געהאלטן אין איין אויפרייסן און אויפשויבערן דאס גרוי־וואלענע קורצע ענגלישע קלייד, וואס זי האט געטראגן; אדער פון די הונגעריקע און אויפגעצונדענע בליקן פון די פאסאזשירן אויף דער פראמענאד־דעק, וועלכע האבן באגלייט איר און אירע אנטבלויזטע, שטייפע און געטאקטע ליטקעס בשעת זי איז ארויף די טרעפ פונם שמאלן מעטאלענעם גאניקל.

מען האט שוין איצט געהאט סערווירט דעם עלף־אזייגערדיקן געדיכטן בעף־בוליאן מיט טרוקענע סאדע-ביסקוויטן. אלע האבן זיך צעזעצט — האלב צעליגט — אויף די לאנגע אויסגעבויגענע דעק־שטולן, וואס האבן אויסגעזען ווי בעטלעך. דער בלאנדער דעק־סטיוארד, דער שלאנקער פראנצויז מיט די קאקעטישע קליינע פיקסטירטע וואנצעלעך, האט צוגעאיילט צו אלעמען. האט מיט א גליקלעכן שמייכל באקוועם און ווארעם יעדן ארומגעוויקלט, ארומגעשטעקט די עקן און ראנדן פון פלעד און קאלדרע אונטער די פיס.

מר. רייכענטאל און מר. באַרדאַש — די צוויי אמעריקאנער „טשעכאסלאוואקן" — זיינען שוין אויך געהאט ארויפגעקומען, און האבן זיך אויך צוגעזעצט. זיי האבן געהאלטן פרישע פרימארגן-נומערן פון „אגאמעמנאן", פון דער טעגלעכער ענגלישער צייטונג, וואס איז דערשינען אויף דער שיף.

נאכדעם ווי זיי האבן איבערגעלייענט די ראדיא־באריכטן וועגן נעכטיקן קורס אויפן דאלאר און וועגן דעם נעכטיקן פינאנציעלן צושטאנד אויף דער אינטערנאציאנאלער בירזשע בכלל און אויף וואל־סטריט בפרט, האבן זיי די צייטונגען איבערגעגעבן די דאמען.

די פרישע גלאנציקע צייטונגס־בלעטער האבן געפלאטערט און געקנאקט אינם ים־ווינט און ס'איז געווען זיי שווער פאנאנדערצונעמען.

מרס. בלייק האט הויך אויף א קול — כדי יוצא צו זיין אלע־מען — געלייענט די נייעס וועגן איינעם א צוועלף־יאריקן שול־אינגל, וואס האט נעכטן געמאכט א „האלד־אפ" אויף א אידישן מעבל־הענדלער פון ברוקלין און האט אים דערשאסן.

— ביי דער אויספארשונג האט דער יונגער מייקעל דוקאס דערציילט, אז זיין באשלוס צו מאכן א „האלד-אפ" אויפן מעבל־

הענדלער האָט ער אָנגענומען נאָכדעם ווי ער האָט אַ פּאָר מאָל צו־געזען אין אַ קינאָ, ווי עס ווערן געמאַכט „האָלד־אַפּס".

זי האָט געלייענט הויך און קלאָר, מרס. בלייק, אַרויסגעזאָגט יעדעס וואָרט דייטלעך און באַזונדער, ווי געוויינלעך אַ מענטש וועל־כער לייענט אַ שפּראַך מיט וועלכער ער איז נישט אַזוי שוה-בשוה. עוזיאל גאָלד, וועלכער האָט נאָך איר, אויך אין דער הויך, געלייענט דאָס צווייטע שטיקל נייעס, האָט זיך דערפאַר אָבער אַביסל צוגע־איילט: ער האָט געהיפּערט ווערטער, האָט געשלונגען זילבן. חוץ דעם: דאָס שטיקל נייעס וואָס ער האָט געלייענט, האָט ער דאָך געלייענט בלויז ווי אַ חוב — כדי אויך טאָן זיין „פליכט" פאַר דער קליינער געזעלשאַפט, אַז נישט, וואָלט ער די דאָזיקע צייטונג, קאָנטיק, אודאי אין האַנט נישט גענומען.

ער האָט געלייענט, גאָלד, וועגן אַ זעכצן-יעריקן פּאַרמער־אינגל, וועלכער האָט דערמאָרדעט אַ פרוי פון דרייסיק יאָר צוזאַמען מיט איר פינף־יעריקן זון, דערפאַר וואָס זי האָט אים אָפּגעזאָגט אין ליבע.

— דער מערדער — פלאָיר העוויט — האָט דערציילט: ער איז געזעסן צוזאַמען מיט דער דערמאָרדעטער... האָט איר דער־קלערט ווי שטאַרק ער האָט זי ליב... זי האָט זיך אויסגעלאַכט פון אים... ער האָט נאָכאַמאָל איבערגעחזרט דאָס זעלבע... זי איז אין כעס געוואָרן און אים געגעבן אַ פּאַטש... ער איז אויפגערעגט געוואָרן און האָט זי אָנגעהויבן שלאָגן מיט אַן אייזן ביז זי איז געפאַלן טויט... דאָס קינד אירס האָט אָנגעהויבן שרייען, האָט ער דעם אויך אַ קלאַפּ געטאָן מיט אַן אייזן איבערן קאָפּ... דער יונגער מערדער דערקלערט, אַז ער האָט וועגן אַזעלכע מאָרדן אָפט געלייענט אין די צייטונגען...

אינם פרישינקן נומער פונם בלאַט „אַגאַמעמנאָן" זיינען אויך אָפּגעדרוקט געוואָרן די פּאָרטרעטן פון די ביידע מערדער, וועלכע זיינען איבערגעגעבן געוואָרן אויף דער שיף דורכן ראַדיאָ; זייערע פּנימער זיינען דערפאַר אַרויסגעקומען זייער נישט-קלאָר: עפּעס פלעקן טונקעלע, שטריכן זיגזאַגישע, שוואַרצע פּינטעלעך... דייטלעכער פון אַלעם האָט מען געקאָנט זען בלויז די אויגן און די נעזער פון די מערדער — גולמדיקע אַזעלכע נעז און אידיאָטישע אויגן.

.5

מיט יעדער שעה האָט זיך די שיף געריקט אַלץ ווייטער מזרח־צו אויפֿן ערד־קוגל — מיט יעדן טאָג איז די צאָל מערידיאַנען פֿון דער מערבדיקער לענג געוואָרן אַלץ קלענער. מיט יעדער שעה האָט זיך די שיף גערוקט אַלץ העכער צפֿון־צו, צום אייז־ים, — מיט יעדן טאָג איז די צאָל גראַדן פֿון דער צפֿונדיקער ברייט, אויף וועלכע די שיף האָט זיך געפֿונען, אַלץ גרעסער געוואָרן.

אַזוי האָבן טאָג־איין, טאָג־אויס, אויסגעפֿונען די פּאַסאַזשירן דורך דער גראַפֿישער קאַרטע, וואָס איז געהאַנגען אין־דער־הויך אינעם הויפּט-קאָרידאָר פֿון דער שיף, נישט ווייט פֿונעם ליפֿט. דאָ, נישט ווייט פֿון די „גלעזער", וועלכע פֿלעגן יעדע פֿיר שעה אַרויסלאָזן פֿון זיך אַ קלאַרן, לויטערן און זינגעוודיקן גלעזערנעם קלאַנג — פֿלעגן אויסקלינגען די צאָל פֿון דער משמורה פֿאַר די מאַטראָזן — איז די דאָזיקע רייזע־מאַפּע געווען איינגעשלאָסן אין אַ ראַם, אונטער אַ גלעזערנעם צודעק.

אויף איר, דורך אַ קליינינקער פֿאָנע אויף אַ קורצינקער פּאַ־פּיר־שפּילקע, פֿלעגט גראַפֿיש אָנגעוויזן ווערן די צאָל מײַלן, וועלכע די שיף איז שוין דורכגעגאַנגען און דעם גענויעם פּונקט אינמיטן אָקעאַן אויף וועלכן זי געפֿינט זיך איצט. און דאָ פֿלעגן די יעניקע פּאַסאַזשירן, וועלכע פֿלעגן נאָך וועלן וויסן „וואו זיי האַלטן אין דער וועלט", זיך אָפּשטעלן יעדן טאָג אַרום צוועלף אַזייגער.

די גאַנגען פֿלעגן דעמאָלט, צוערשט מיט אייניצלנע אָפּגעזונ־דערטע הילכיקע קלעפּ, אָנזאָגן די מיטאָג־שעה; און דערנאָך — מיט דראָבנעם אײַלנדיקן קלאַפּן ווי אין אַ מעטאַלענעם באַראַבאַן — רופֿן צום מיטאָג. די טעגלעכע ענדערונגען אויף דער דאָזיקער קאַרטע פֿלעגן אַרײַנגעבראַכט ווערן אַרום מיטאָג-צײַט — איז די נײַגיריקע פּאַסאַזשירן פֿלעגן זיך דעמאָלט דערוויסן, וואָס יעדער איי־נער פֿון זיי האָט זיך געוואָלט דערוויסן.

אָבער דאָס רוב פּאַסאַזשירן האָט זיך וועגן דעם אַלעמען קנאַפּ געזאָרגט... זיי פֿלעגן זיך ביי דער דאָזיקער קאַרטע סיי ווי קיין־מאָל נישט אָפּשטעלן. אָ, זיי האָבן שוין גוט געוואוסט, וואו זיי האַלטן אין דער וועלט — זיי האַלטן גוט, זייער גוט... זייער לעבן דאָ אויף דער שיף איז איין גרויסער, איין לאַנגער יום־טוב; עס דער־

וואָרט זיי נאָך דאָ אַסך פריידן — נאָך עטלעכע טעג זאַטע און רואיקע און פולע מיט כל־טוב; נאָך עטלעכע אָוונטן און נעכט פולע מיט געטראַנק און פלירט, מיט קאָנצערטן און טענץ; עס דערוואַרט זיי נאָך דער גאַלאַ־באַל, די הויפּט־פּאַסירונג פון דער נסיעה אויף דער שיף „אַגאַמעמנאָן" — און דערנאָך ערשט...

דאָס רוב פון די פּאַסאַזשירן זיינען דאָך נישט געפאָרן בלויז קיין פראַנקרייך — זייער רייזע פּלאַן האָט זיך ערשט געדאַרפט וואונ־דערלעך פּאַנאַנדערבליען אויף דער גן-עדנדיקער ריוויערע, אויף די לוקסוס־שיפן פונם וואַרעמען מיטללענדישן ים, אין די פּאַלאַץ־האָטעלן פונם זוניקן טוניס, און פון מצרים, און פון הייליקן לאַנד, און פון קאַאיראָ, און פון כאַרטום, און פון לוקסאָר, און ביי די פּיראַמידן, און ביי טוטענקאַמענס קבר...

און חוץ דעם: טאַקע אָט באַלד, אין אַ פּאָר טעג אַרום, און טאַקע דאָ אויף דער שיף, דערנענטערט זיך דער יום־טוב פון ניי־יאָר — אָך, סאַראַ אומגעוויינלעכע פרייד וועט עס זיין צו פייערן ניי־יאָר אינמיטן אָקעאַן... ווייל נישט געקוקט אויף דעם וואָס עס איז איצט מיטן־ווינטער, איז פונדעסטוועגן דאָס וועטער אַזוי וואַרעם, דער הימל אַזוי לויטער, דער ים אַזוי רואיק און שטיל...

יאָ... אַלץ, אַלץ און אַלע, פון די מענטשן אויף דער ערד ביז די געטער אין הימל זאָרגן זיך פאַר זיי, בלויז פאַר זיי — זייערע טעג אויף דער וועלט זאָלן אַריבער אין אייביקער פרייד און אייביקן יום־טוב... איז צוליב וואָס אומגעדולדיק קוקן אויף דער רייזע־קאַרטע?

נאָר ווען אפילו זיי וואָלטן יאָ איצט אַ קוק געטאָן אויף אָט יענער קאַרטע, וואָלטן זיי דאָך אודאי געזען דאָרט בלויז איין־איינציקע זאַך — די אויפשריפט מיט רויטע אותיות וועגן דעם צושטאַנד פונם אָקעאַן פאַרן פאַרגאַנגענעם מעת־לעת:

און אויך היינט, ווען די צוויי שרעקנגעס צופרידענע און אויס־גערוטע פּאַסאַזשירן האָבן זיך געלאָזט גיין אַרונטערביידע פליגלען פון דעם גרויסן פּאַראַדנעם טרעפּן־גאַנג, מיט שפּיגלען אין דער לענג פון די ווענט, אַרונטערצו צום עס־סאַלאָן, — איז דאָך אויך היינט געווען דאָרט די זעלבע אויפשריפט:

Vent S.: Mer assez belle.[6]

דריטער קאַפּיטל

.1

ערגעץ דאָ אויף דער שיף האָט זיך אויך געפונען אַ קלאַס מענטשן, וועלכן מען האָט פון שיינקייט וועגן, אָנגערופן „טוריסטן".

קיינער האָט נישט געוואוסט גענוי, וואו זיי געפינען זיך, די דאָזיקע טוריסטן — צי פון פאָרנט, צי פון הינטער דער שיף: ערגעץ סאַמע אויף דער אונטערשטער דעק, אָדער גאָר אין די געהיימניספולע לעכער, וואוהין עס פאַרשווינדן פון צייט צו צייט די מאַטראָזן און די מאַנשאַפט, און וואו ס'איז שווער, זייער שווער, זיך פאָרצושטעלן, אַז דאָרטן זאָלן גאָר בכלל וואוינען מענטשן... וואו—ו? וואו—ו?

קיינער האָט נאָך קיין איינציקן פון די דאָזיקע טוריסטן די גאַנצע צייט פון דער רייזע אין די אויגן נישט געזען. בכלל: די פּאַסאַזשירן פון „אַגאַמעמנאָן" — וועלכע איז געווען נישט קיין קלאַסן־שיף, נאָר אַ קאַבין-שיף — האָבן כמעט אַלע געדענקט, אַז זיי זיינען די איינציקע פּאַסאַזשירן דאָ. אויף דער פּאַסאַזשירן־ליסטע, וועלכע איז פונאַנדערגעטיילט געוואָרן דעם ערשטן טאָג, זיינען דאָך קיין אַנדערע נעמען, חוץ זייערע, די יחוסדיקע, נישט אָנגעגעבן געוואָרן.

געוואוסט פון זייער עקזיסטענץ אויף דער שיף האָבן בלויז געציילטע מענטשן צווישן די פּאַסאַזשירן. די יעניקע וועלכע האָבן מיט זיך מיטגעפירט מאַסקאָטן, זייערע באַליבטע הינט.

דיביידלעך פון די דאָזיקע ערשט־קלאַסיקע הינט האָבן זיך געפונען אויפן דעק פון טוריסטן־אָפּטייל. און איין מאָל אין טאָג פלעגן די פּאַסאַזשירן קומען באַזוכן זייערע ליבלינגען. אַ דעק־סטיוואַרד פלעגט זיך גלייך אַ וואָרף טאָן און מיט פּאַסיקער, מיט הינטישער חניפה אָפּשליסן די ביידלעך, אין דערוואַרטונג פון אַ שיינעם טרינק־געלט. די אויסגעפּאַשעטע געזונטע הינט — מעכטיקע און מוסקוליקע בולדאָגן; שלאַנקע און שטאָלצע, לאַנג־פּיסיקע און גרינגע פּאָקס־טעריערס; פלאַך־פּיסיקע, פּויזנדיקע דאַקס-הינט, לאַנגע ווי טכוירן; אויסגעדאַרטע און צאַרטינקע, פאַרפּוצטע און צעלאָזענע שפּאַניעל־הינט־לעך, ווי באַליבטע קליינע קינדערלעך—זיי פלעגן זיך אַלע אַ וואָרף טאָן צו זייערע הערשער מיט אַ פריידיקער בילעריי און וואָיעניש, פאַר־

שיכורטע פון דער פרייהייט. זיי פלעגן דרייען עקסטאַטיש מיט די עקן און די הינטנס, און זיך וואַרפן חניפהדיק קושן און לעקן די באַלעבאַטים, — אין דערוואַרטונג פון שאָקאָלאַד און צוקער.

און די הערשער פלעגן זיך דאָרט אַ שטיקל צייט אַרומשפּילן מיט זייערע באַליבטע הינט... איז צופעליק פלעגן זיי אויך דעמאָלט, די דאָזיקע ערשט־קלאַסיקע אייגנטימער פון די ערשט־קלאַסיקע הינט, כאַפּן אַ בליק אויף די דריט־קלאַסיקע, די טוריסטן־פּאַסאַזשירן. איז אַז זיי פלעגן זיך אומקערן צוריק צו זיך, פלעגן זיי דאָרט וועגן אָט יענע „טוריסטן" דערציילן די איבעריקע פּאַסאַזשירן; דערציילן וועגן זיי מיט אַ מין בדיעבדיקן מסכים־זיין, מיט אַ מין גרויסמוטיקער צו־געלאָזנקייט אין שטים:

— גו־נו, ס'איז גאָרנישט אַזוי געפערלעך... גאַנץ אָנשטענדיקע מענטשן... און אַז אָרימע, איז וואָס?...

דערציילט האָבן עס דערנאָך די איבעריקע פּאַסאַזשירן איינער דעם אַנדערן מיט אַזאַ מין נישט־גלויבן אין קול, מיט אַזאַ מין קאַל־טער פאַרוואונדערונג — פּונקט, ווי אָט יענע טוריסטן וואָלטן זיך געפינען נישט דאָ אויפן שיף, נאָר ערגעץ טויזנטער מײַלן ווייט פון דאַנען; אָט פּונקט ווי דאָס, וואָס מען האָט זיך דערציילט, איז געווען מער נישט ווי לעגענדע — אַ לעגענדע וועגן געפאַנגענע פּיראַטן, צי געפערלעכע פאַרברעכער, וועלכע זיינען געלעגן ערגעץ אין די טיפע שיף־קעלערן פון „אַגאַמעמנאָן", געשמידטע אין קייטן...

דאָרטן אין טוריסטן־אָפּטייל האָבן זיך געפונען אָרעמע סטודענטן פון העברעע, פּאָסט־גראַדואירטע אוניווערסיטעטס־קורסן, און אויך שוין נישט קיין יונגע לערער און פּראָפעסאָרן, וועלכע זיינען געפאָרן קיין אייראָפּע זיך ווייטער פאַרפולקומען אין זייערע פאַכן און ספּעציאַ־ליטעטן: וויסן־דורשטיקע מענטשן, וועלכע האָבן זיך געצויגן צו די אוניווערסיטעטן פון פּאַריז און רוים, פון היידעלבערג און אָקספאָרד, פון בערלין און מאָנפּעליע, פון ווין און באָן, פון פלאָרענץ און מאַד־ריד... דאָרט זיינען געווען יונגע אידישע מאָלער פון ניו־יאָרק, וועלכע האָבן די בעסטע יאָרן זייערע אָפּגעפינסטערט אין שעפּער און אויף פאַבריקן, און אַ פּאַקל־ליכט האָט תמיד געברענט פאַר זייערע אויגן: אַז זיי וועלן האָבן אָפּגעשפּאָרט גענוג געלט, — געלט אויף הוצאות און אויף ערשטע חדשים אָרים־לעבן אויף בוידעם־שטיבלעך פון פּאַריז,

— וועלן זיי זיך דעמאָלט אוועקלאָזן צו דער באַרימטער וועלט־שטאָט, פּותר צו זיין ענדלעך זייערע חלומות פון אזוי פיל יאָרן.

אָט די אַלע דאָ האָבן קוים געגוג געלט געהאַט אויף צו באַצאָלן פאַר א בילעט דריטע קלאַס... נאָר אזוי ווי אמעריקע, — דאָס וואונ־דערלאַנד פון דער וועלט, דאָס לאַנד פון פרייהייט און גלייכהייט, צו וועלכער עס זיינען געווענדט מיליאָנען בענקענדיקע אויגן און הונ־געריקע מאָגנס איבער דער גאַנצער וועלט — אזוי ווי בירגער פון אזא וואונדער־מדינה האָבן דאָך נישט געקענט, אוים אַלטע איינגעוואָרצלטע טראַדיציעס, פאַררעכנט ווערן פאַר דריט־קלאַסיקע, האָט מען זיי אָנ־גערופן מיט דעם שיינעם און איידעלן נאָמען:

— „טוריסטן"...

נאָר סיי־ווי:

ווער זיי זיינען געווען האָט קיינער דאָ אויפן שיף צווישן די פּאַסאַזשירן נישט געוואוסט; כמעט קיינער האָט זיי קיין איינציק מאָל אין די אויגן נישט געזען. זיי זיינען געווען ווי מצורעים, וואָס האָבן זיך געמוזט תמיד געפינען אין דרויסן פון לאַגער פון די געזונטע. זיי האָבן דאָ פאַר קיינעם נישט עקזיסטירט.

.2

גאָלד, וועלכער האָט געהערט, אז דאָרטן אין טוריסטן־אָפּטייל פאַרברענגט מען די צייט זייער לעבעדיק, אין נאָכאַנאַנדיקן זינגען און זיך לוסטיק מאַכן, האָט זיך איצט, בשעת דער עולם פּאַסאַזשירן האָט געשטראָמט פון די דעקעס אינם עס־סאַלאָן ארונטער, געלאָזט גיין צום „נאָז" פון דער שיף, וואו עס האָט זיך געזאָלט געפינען די אָפּטיי־לונג פון די טוריסטן.

ער האָט פאַרגעלייגט דער גרופּע זיינער, זי זאָל אויך מיטגיין מיט אים. נאָר אַלע האָבן א קנייטש געטאָן מיט די נעז, א קרום גע־טאָן מיט די ליפּן:

— ווייס איך וואָס... וואָס איז דאָרטן דאָ צו זען... שמוציקע אימיגראַנטן?...

ווייל געהערט האָבן זיי, געלייענט האָבן זיי:

אין דריטן קלאַס פון א שיף פאָרט בלויז אָט יענער באַזונדערער

דערשלאָגענער און נידעריקער, אייביק־וואָגלענדיקער טייל פון דער מענטשהייט — עמיגראַנטן.

אָבער קיין עמיגראַנטן זיינען דאָרט צווישן די טוריסטן גראָד נישט געווען — אפילו קיין איינער נישט. אויף דער שיף „אגאמעמ־נאָן" האָבן זיך דוקא יאָ געפונען עמיגראַנטן, — נאָר זיי האָבן זיך געפונען צווישן די אמתע, צווישן די יחוסדיקע פּאַסאַזשירן פון די קאַבינען; און זיי האָט מען שוין איצט — אלנפאלס, בלויז פון דרויסנדיקע סימנים — נישט אזוי גרינג געקענט דערקענען... זיי זייי־נען שוין געווען לאַנג „אויסגעגרינטע" — זיי האָבן שוין לאַנג געכאַפּט דעם שניט פון אַמעריקע... האָבן זיי געקוקט אויף די פּאַסאַזשירן פונם טוריסטן־קלאַס פון אויבן אראָפּ:

— זיי, און נישט יענע שלימזלדיקע „טוריסטן", זיינען דאָך איצט געפאָרן אויף לוסט־רייזעם אינם אָריענט; ז י י זיינען דאָך איצט געפאָרן צוריק אין דער אַמאָליקער, אַלטער, אָרע־מער און אומגליקלעכער היים, זיך א באַוויז טאָן פאר די אמאָליקע לאַדסלייט זייערע אין גאַנצער פּראַכט און גרויסקייט; זיך אָ באַוויז טאָן דאָרטן מיט א שטעל, און מיט א פאַרנעם פון נגידים־אדירים, פון וויכטיקע שררות — פון שטיינ־רייכע מיליאָנערן...

גאָלד האָט זיך דעמאָלט אליין געלאָזט שפּרינגען איבער דער לייזיקער „שיפס־דעק", צום נאָז פון דער שיף. ער איז געשפּרונגען איבער ווייס־געפארבטע פּאַרענטשעס, איבער רויטע און ברוינע מעטאַ־לענע שוועלן און זיילן, צווישן אלערליי קאַלטע און הייסע לופט־קוימענס, צווישן שטייגן, שטריק און ברעזענטן, צווישן אומבאקאנטע עפענונגען, ארייגאנגען, שטיבלעך און טירן.

די אויבערשטע דעק איז געווען איצט, ווי תמיד, ליידיק; פון צייט צו צייט בלויז פלעגן דאָ דורכלויפן א שיפס־אָפיציר, א העכערער באַאַמטער אין באגילדטער אוניפאָרם, א מאַטראָס אין בלויע קאָלענ־קאָרענע ארבעטס־קליידער און אין ריזיקע קאַוטשוק־שטיוול, וועלכע האָבן באַדעקט נישט נאָר דעם פוס, נאָר אויך דעם גאַנצן דיך. אָבער אזוי האָט דאָ געהערשט א פוסטקייט און א ליידיקייט.

פון דער היגער פוסטקייט און ליידיקייט האָט אָבער עפּעס גע־שמעקט מיט אזא וויכטיקייט און פייערלעכקייט... אין אָט דער ליידי־קייט האָט עס דאָך אַרומגעשוועבט דער סוד און דאָס וואונדער פון דער שיפס זיכערן און גיכן גאַנג איבער די אייביקע אָקעאַן־וואַסערן,

פונם רואיקן שווימען פונם דאָזיקן ריזיקן לוקסוס־האָטעל, וואָס איז געווען ווי א גאַנצע קליינע שטאָט פאַר זיך, ווי א שווימענדיקער קליי־נער אינזל אויף די אָקעאַן־וואַסערן. דאָ, אויף דער לײדיקער „שיפס־דעק", האָט געשמעקט מיט אַזאַ האַרבקייט, מיט אַזאַ שאַרפקייט — דאָ ערשט האָט עס געשמעקט מיט ים־ריח — דאָ ערשט האָט מען עס אזוי שטאַרק געפילט די ריינע און קרעפטיקנדיקע לופט פון אָקעאַן — די פולע רייען רעטונגס־שיפלעך, וועלכע זיינען געהאַנגען אויף קייטן ביי ביידע באָרטן שיף, מיט ברעזענטן איבערגעדעקטע, האָבן געשיינט צו שטיין דאָ תמיד אזוי גרייט און תמיד אזוי וואַרטנדיק... זיי האָבן נאָך מער געגעבן צו פילן דעם עלעמענט פון ארומיקער סטיכיע, דאָס געפיל פון אומבאַהאָלפענעם אליין־זיין אינמיטן פון די וואַסערן, — די ריזיקע טויזנט־מײלן־ברייטע וואַסערן, וועלכע האָבן דאָ געהערשט איצט מיט דער זעלביקער גבורה און מלכותדיקייט, ווי אין פאַר־ששת־ימי־בראשיתדיקע צייטן.

דערנאָך האָט גאָלד ארונטערגעקלעטערט פאַרשידענע שמאָלע טרעפּ און לייטערלעך, שטאָק נאָך שטאָק, ביז ער האָט זיך דערזען אויף א גרויסער פּלאַטפאָרמע, פון וואַנען קיין שום לייטערס האָבן, דוכט זיך, שוין אין ערגעץ נישט געפירט.

דאָ איז געווען די סאַמע אונטערשטע דעק. עס האָבן זיך גע־וואָרפן אין די אויגן אָן א שיעור פלעקן ברוינע, פון נאַסקייט וואָס טריקנט דאָ, אפנים, זעלטן אויס. קיינער איז דאָ נישט געווען איצט. די טוריסטן זיינען אויך אוועקגעגאַנגען אין זייער עס־צימער צום מיטאָג.

מיטאַמאָל דערזעט דאָ גאָלד אָט יענעם הויכן מאַליער, מיט די לאַנגע אָרעמס און פיס און מיטן אינגלשן פּנים, וועלכן ער האָט שוין עטלעכע מאָל געהאַט באַמערקט און וועלכן מען האָט גערופן ניקאָלאַס. ער שטייט אזוי פאַרטאָן אין זיין ארבעט. פּינטלט נאָכאַנאַנד מיטן פּענזל אין די טיפע צײנדלעך אריין פון עפּעס אַן אײזערנעם רעדל פון א הויב־מאַשין. די אייביקע ים־פייכקייט און די נאַסע ווינטן און דער טוי און די רעגנס עסן זיך עקשנותדיק איין אינם מעטאַל פון די דרויסנדיקע אָנטבלויזטע מאַשינעריעס, און זשאַווערן אים. מען האַלט זיי דעריבער נאָכאַנאַנד, די גאַנצע צייט פון דער נסיעה, אין איין פאַרבן און איבערפאַרבן.

ניקאָלאַס שטייפע, נאַקעטע און טאַטואירטע אָרעמס — אינדרויסן האָט איצט געשיינט די מיטן-טאָגיקע זון, און זיי זיינען געווען אַנט־בלויזט כמעט ביז סאַמע צו די אַקסלען — האָבן נאָכאַנאַנד געשפּילט מיט זייערע יונגע און באַוועגלעכע מוסקולן. גאָלד האָט זיך אָפּגע־שטעלט צוצוקוקן זיך צו זיין אַרבעט. אָבער יענער איז שוין, קאָנטיק, געוואוינט געוואָרן, אַז אַ לײדיק־גייערישער פּאַסאַזשיר זאָל זיך אַמאָל אָפּשטעלן און אָנהויבן גלאָצן אויף אים, נאָכאַנאַנד און אָן שום צע־רעמאָניעס, ווי אויף עפּעס אַ נישט לעבעדיקן חפץ. האָט ער זיך דע־ריבער נישט געלאָזט שטערן און ווייטער געטאָן זיין אַרבעט.

אין דער הויך, רייטנדיק אויף אַ דיקער האָריזאָנטאַלער זייל אינ־מיטן פון עפּעס אַ געפּלאָנטער פון „ריגגינגס”, באַלאַנסירנדיק זיך אויף אַ קונציקן אופן, איז געזעסן דאָרט נאָך אָן אַנדערער מאַליער. דאָרט אין דער הויך, אינם געפּלאָנטער פון שטריק און שטריקעלעך, האָט דער ווינט געפייפט גאַנץ לעבעדיק. דער זייל, אויף וועלכן דער מאַליער איז געזעסן, איז אַריבערגעהאַנגען איבערן וואַסער, האָט אַרויסגעשטאַרטשעט איבערן באָרט פון שיף.

ס׳קאָן זיין: דער מאַליער, וואָס איז געזעסן דאָרטן אין דער הויך, האָט נאָכאַנאַנד געטונקט זיין פּענזל אינם טעפּל פאַרב, וואָס איז געהאַנגען אין דער לופטן, האָט זיך געשטרעקט און געשטרעקט אויפן זייל צו דערלאַנגען די ווייטסטע ערטער פון דער מאַסטן־קאָמ־בינאַציע, וואָס זיינען געווען איבערן סאַמע אָפּגרונט, — און האָט פונדעסטוועגן דערביי זיך צוגעזונגען דעם פראַנצויזישן טעקסט פון טשאַרלעסטאָן, — ס׳קאָן זיין: ער האָט עס געטאָן בלויז, כדי צוצוגעבן זיך אביסל מער קוראַזש... גאָלדס האַרץ האָט אָבער אַזוי ציטערדיק גע־קלאַפּט, ווען פונם ווינט אַרויס האָט זיך געהערט יענעמס כריפּלע בראַוו זינגען:

> C'est elle qui commande,
> C'est elle qui marchande,
> C'est moi qu'ait le droit de les lacher...7)

.3

און ווידער האָבן גאָלדס אויפמערקזאַמקייט צוגעצויגן ניקאָלאַס אויגן, — וואַרעמע, ברוינע אויגן פון אַ יונגן מענטשן, וואָס קוקן מער

אין זיך, ווי ארום זיך. ווידער האָט עס גאָלדן צו אים שטאַרק א צי געטאָן ווי שוין א פּאָר מאָל פריער. ער האָט ווידער באַשלאָסן פּרואוון אריינצוציען אים אין א שמועס, ווי ער האָט עס שוין געפּרואווט טאָן נעכטן אינדערפרי. כאָטש נעכטן איז עס אים נישט געלונגען: נעכטן האָט אים ניקאָלאַס אויף די פראגן זיינע געענטפערט גאָר נישט אזוי גערן.

— אואי—האָט אים יענער דורך א שטייף־פאַרמאַכט מויל ארויס־געזייט זייער א שפּאָרעוודיקן ענטפער אין פראנצויזיש.

אָבער אפשר איז יענער גאָרנישט קיין פראנצויז און ס'איז אים שווער צו פירן לאנגע שמועסן אויף אָט דער שפּראַך? כאָטש גאָלד האָט אויך געוואוסט, אז אויף א פראנצויזישער שיף שטעלט מען זעלטן אָן אן ארבעטער פון אן אנדערער נאַציאָנאַליטעט, אָבער דאָך...

ווי א באַשטעטיקונג אויף זיינע ספיקות, האָט ניקאָלאַס מיט־אמאָל פאנאנדערגעעפנט זיין שיין, ברייט און תאווהדיק מויל און האָט קונציק, ווי א געניטער טאַבאַק־קייער, ארויסגעשאָסן ווייט פון זיך אויפן דעק א ברוין ריטשקעלע פון א פליסיקייט, וואָס האָט אויסגעקוקט ווי בלוט.

— אָ, ער קייט טאַבאַק... — האָט גאָלד א הויב אויף געטאָן זיינע ברעמען, — הייסט דאָך עס, אז ער איז אן אונדזעריקער... אן אמעריקאַנער...

אָבער זיינע אויגן — די אויגן פון א בעל חלומות... — איר—ע... איר זענט דאָך אן אמעריקאַנער? — האָט אים שוין גאָלד א פרעג געטאָן אויף ענגליש. יענער האָט נאָך אלץ אזוי גלייכגילטיק א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף יאָ.

גאָלד איז בכלל געווען א טאַקטפולער מענטש. זיין פּראָפעסיע, ביי וועלכער עס פלעגט אים אויסקומען צו האָבן אינטערוויוען מיט אָנגעזעענע פּאָליטיקער און מלוכה־מענער, האָט אים שוין לאנג צו־געוואוינט צו זיין פאָרזיכטיק מיט א וואָרט, האָט אים אויסגעלערנט די פעיקייט אריינצוטייטשן א סך אינהאַלט אין א גרינגן, זייטיק־ארויסגעזאָגטן ווערטל, און אָן א שיעור פּוסטקייט — אין א שווער וואָגיקן וואָרט, וואָס ווערט ארויסגעזאָגט מיט געוואַלטיקער וויכטי־קייט... ער האָט זיך דעריבער שטאַרק געוואונדערט אויף זיך אליין, וואָס ער באַגייט איצט אזעלכע גראָבקייטן — האָט זיך געוואונדערט

טאקע סאַמע אין דער זעלביקער צייט, וואָס ער איז די דאָזיקע גראָב־קייט באַגאַנגען: א מענטשן, וועלכער איז אים לחלוטין אומבאַקאַנט, פרעגט ער מיט אמאָל א פראַגע, וואָס קאָן אין א סך פאַלן זיין זייער א דעליקאַטע.

— אָבער איר—ע... איר זענט דאָך א איד, ניין?

— נו יאָ, אודאי... א איד! וואָס איז, מען קאָן עס דען אין מיר נישט דערקענען? כ'האָף, אז יאָ.

גאָלדן איז אראָפּ א שטיין פון הארצן, ווען ער האָט באַמערקט ווי פריינטלעך און צוגעלאָזן יענער האָט אים געענטפערט. ער איז תמיד געווען אין שטאַנד—און ס'פלעגט זיין פאַר אים זייער אַן אינטע־רעסאַנט שפּיל — אויף זיינע אָפּטע רייזעס אויסצוגעפינען א אידן אונ־טער די געלונגענסטע און געשיקטסטע מאַסקעס. אין דעם פאַל אָבער האָט ער דאָך געהאַט מער נישט ווי א אומזיכערן אָנהויב, וועלכער האָט באמת געקאָנט ארייַנפירן אין א טעות,—דער אויסדרוק פון סך־הכל א פּאָר אויגן, וועלכע זיינען געווען ווארעם און ברוין!...

ניקאָלאַס האָט אויפגעהערט ארבעטן און האָט פון זיין זייט אויך אָנגעהויבן גאָלדן צו באַטראַכטן נייגעריק אזוי און פריינטלעך. זיין ענערגיש און ביינערדיק פּנים האָט איצט אויסגעדריקט אָן א שיעור אָפנקייט און צוגעלאָזטקייט. ער האָט גערעדט זייער גערן, ווי שוין צו א גאָר אַלטן באַקאַנטן, וועלכן מען האָט אומדערוואַרט ווידער באַגעגנט.

— איר זענט דאָך אויך א איד, נישט אמת? און איך בין — א ניו־יאָרקער, א ברוקלינער... שוין אפילו לאַנג דאָרט נישט געווען... וואַרט, וואָס האָט איר דאָרטן ביי זיך אין קעשענע — א אידיש ביכל? לאָזט נאָר זען...

.4

גאָלד האָט זיך א כאַפּ געטאָן: ביי אים אין קעשענע ליגט טאַקע איצט עפּעס א אידישער זשורנאַל, וועלכער איז אים צופעליק אין די הענט געקומען דעם לעצטן טאָג פאַרן אָוועקפאָר. ס'הייסט, נישט אזוי צופעליק: זיינער א באַקאַנטער, א שטיקל לאַנדסמאַן אפילו, א מאָ־דערנער אידישער דיכטער מיט א קלאַסיקערס פּרעטענזיעס אויף אייני־זאמקייט, האָט אין אָט דעם נומער געהאַט א סעריע לידער. און אָט

יענער באַקאַנטער זיינער האָט עס אים טאַקע אריינגעלייגט דאָס ביכל אין טשעמאָדאַן — אריינגעלייגט עס מיט א האַלב־שפּאַסיקן, האַלב־ערנסטן באַמערק:

— אָט... לאָמיך האָבן אביסל הנאה פונם געדאַנק, אז מיינע לידער ווערן געלייענט ממש איבער דער גאַנצער וועלט — א קליינ־קייט... אפילו אויף א רייכער לוקסוס־שיף, אין מיטן אָקעאַן...

גאָלד פלעגט אריינקוקן אינם דאָזיקן זשורנאַל אָדער ביי זיך אין קאַיוטע אָדער אויפן דעק, ווען ער פלעגט נאָר קאָנען פארמיידן זייטיקע בליקן. נישט אז ער זאָל זיך האָבן געשעמט מיט דעם. נאָר ווידער אַמאָל: פלעגט אימעצער באַמערקן ביי אים א אידיש ביכל, פלעגט זיך גלייך אָנהויבן דאָס פאַנאַנדערפרעגן־זיך, און דאָס וואונ־דערן־זיך, ווי איבער עפּעס א ווילדער זאַך; ס'פלעגט זיך באַלד אָנהויבן א טשיקאַווע ארומשמעקן אים און באַטראַכטן אים עפּעס ווי א ווילדע בריאה... קיינער וועט דאָך אודאי גאָרנישט האָבן קעגן אים, קעגן גאָלדן, דערפאַר וואָס ער פלעגט זיך נישט וועלן קאַליע מאַכן דאָס געמיט מיט אַזעלכע נאַרישע ערגערנישן. ס'איז דאָך לעכערלעך: קיינער וועט דאָך אים, א באַקאַנטן אידישן זשורנאַליסט, נישט פאַר־דעכטיקן, אז ער שעמט זיך מיט א אידיש וואָרט...

איז אָט טאַקע דער דאָזיקער זשורנאַל דעריבער ביי אים געלעגן טיף פארשטופּט אין קעשענע. נאָר צוליב זיין אָקאָרשטיקן ארומ־שפּרינגען און קלעטערן איבער די טרעפּ און לייטערס האָט ער זיך, קענטיק, ארויסגערוקט פון זיין דיסקרעטער באהעלטעניש.

— וואָס איז... איר לייענט דען אידיש? — האָט זיך גאָלד שטאַרק געוואונדערט.

— ניין, איך קען נישט, צום באַדויערן... אָבער — די שטייף־אָנגעצויגענע הויט פון זיין ענערגיש ביינערדיק פּנים האָט זיך עטוואָס פאַנאַנדערגעצויגן דורך א ברייטן קינדישן שמייכל, א שמייכל פון שול־דיקייט און שעוועמדיקייט, — אָבער... איך האָב עס ליב אַזוי... האַלטן אין האַנט...

עס האָט געשמייכלט אין אים אַלץ: זיין היפּש מויל מיט די צוויי קנייטשן, וואָס האָבן ווי קלאַמערן ארומגענומען זיינע ביידע זייטן; עס האָבן געשמייכלט די וואַרעמע, די ברוינע אויגן.

— וואו גייט עס ארויס דער דאָזיקער זשורנאַל? אודאי אין ניו־יאָרק?

— ניין, גראָד אין לאָס־אַנדזשעלעס, — גאָלד האָט זיך אויך פאַר־נאַנדערגעשמייכלט מיט א גוטן, א צוגעלאָזענעם שמייכל. דער דאָזיקער יונג האָט אים ממש מיט יעדע מינוט אַלץ מער צוגעצויגן צו זיך.

— אָך, לאָס־אַנדזשעלעס... איך בין דאָרטן געווען, געווען... אויפן וועג אין די האַוואַי־אינזלען... אָדער איז עס געווען דעם צווייטן מאָל — אויפן וועג קיין קאָרייע ?... — ער האָט זיך בלויז אויף איין מינוט פאַרטראַכט. — און איר — א סוחר מסתמא ? פּאָרט אויף א לאַרק[8]), א ? — זיינע אויגן האָבן שטיפעריש אַ שטראַל געטאָן.—א,— איר זענט א אידישער זשורנאַליסט ?—האָט ער א שמייכל געטאָן דעם פענזל אויפן דעק, פון גרויס התפעלות. — איר ווייסט : מיין פאָטער איז דאָך אויך געווען א אידישער שרייבער ! יאָ ! הייעמסאָן... איר האָט נישט געהערט ?

גאָלד איז שוין גרייט געווען א שאָקל טאָן מיטן קאָפּ אויף יאָ, כאָטש ער האָט פון אזא נאָמען באמת קיינמאָל נישט געהערט. נאָר ניקאָלאַ, אָן א שום ברעקל באַליידיקונג אין זיין קול, איז אים גלייך גוטמוטיק פאַרלאָפן דעם וועג.

נו ,יאָ — איר האָט מסתמא פון אים קיינמאָל נישט געהערט... ער איז אודאי נישט געווען אַזאַ גרויסער שרייבער... חוץ דעם : ער איז דאָך שוין לאַנג געשטאָרבן... איך בין נאָך דעמאָלט געווען א בייבי... ער האָט געשריבן א סך אין די „אידישע גאַזעטן"... כ'האָב עס קיינמאָל נישט געלייענט — מען האָט מיך קיינמאָל נישט געלערנט אידיש לייענען — אָבער איך ווייס... מיין מאַמע האָט מיר דערציילט... און מיין נאָמען איז אויך אזוי ווי מיין פאָטערס, כאָטש אביסל פאַר־קירצט: היאמס... אָבער אין ענגליש קומט עס שוין באַלד אויס ווי דזשיימס... און דאָ אויפן שיף רופן מיך די „פרענטשיס"[9]) אויף זייער לשון גאָר זשאַם — ניקאָלאַ זשאַם... כאַ־כאַ...

.5

גאָלד האָט ממש די אייגענע אויערן נישט געגלויבט : אָט דער מענטש מיטן פּירקאַנטיקן בולדאָגישן קין, מיט דער שטייף־אָנגעצויגענער הויט פונם ענערגישן פּנים און מיט דער אגרעסיווער, שאַרפער נאָז — ער זאָל עס ריידן אזוי קינדיש־אָפנהערציק, אזוי פריינטלעך און פאַרטרוילעך שוין פונם ערשטן מאָל אָן, וואָס ער באַגעגנט א פרעמדן

מענטשן! און גאָלד האָט נישט געוואוסט, צי איז עס געווען טאַקי אַט דערפאַר; אדער אפשר האָט אים גאָר עטוואָס אנדערש פאַראינטריגירט אין אָט דעם יונגנמאַן, וואָס רעדט זיך אזוי מיט אזא גרינגקייט און גלייכגילטיקייט וועגן קאַרייע און די האַוואַיע אינזלען?... אזוי צי אזוי: ער האָט דערפילט אין זיך א שטאַרקן פאַרלאַנג דעם דאָזיקן טשיקאַוון בחור ווידער צו זען און וויטער צו ריידן מיט אים.

דער צווייטער מאָליער, וועלכער האָט געאַרבעט אין דער הויך, צווישן די „ריגגינגס", האָט זיך גערוקט אלץ נענטער צום ענד פון דער האָריזאָנטאַלער הילצערנער זייל, אויף וועלכער ער איז נאָך אלץ געריטן, אלץ ווייטער און ווייטער איבערן אָקעאַן ארויס, וועלכער האָט זיך אונטער אים געכוואַליעט און ווייס געבלעזלט, מיט א כוואַליען און בלעזלען זיך פון א געוויינלעך גוטן וועטער. זיין בלוזע איז פונם ווינט אויפגעשוואָלן געוואָרן פון פאָרנט און פון הינטן; זיין קאָפּ האָט זיך איבער דעם ארויסגעזען, ווי דאָס רונדע קעפּל פון אן אָבגעבלאָ־זענעם יאַזש. הענגענדיק אלץ אזוי איבערן טומלענדיקן אָפּגרונט האָט יענער פאַרבער א נאָך מונטערער אָנגעהויבן צו זינגען עפּעס א נייעם קופּלעט פונם טשאַרלסטאָן:

La petite femme que j'ai degote
n'est certainment pas une beaute
mais c'est que j'aime, c'est son autorite...10)

גאָלד האָט פאַרבעטן ניקאָלאַסן צו טרעפן זיך מיט אים היינט אָוונט אין באַר. ניקאָלאַס האָט אָבער דערקלערט, אז אחוץ זיין מאַ־לעריי האָט ער נאָך אין אָוונט אן אנדער באשעפטיקונג: אין אָוונט איז ער נאָך ארויסהעלפער ביים שיפס־פאַבריקמאַכער. ער העלפט ארויס אין די אָוונטן דעם הויפּט־מייסטער פונם פריזיר־שאַפּ אויפן שיף מאַכן שאַמפּוען אויף די דאַמען־קעפּ, פאַרפּוצן זיי די פריזורן פאַרן „דינער"... כאַ־כאַ...

און חוץ דעם:

די געזעצן פונם שיף דערלויבן נישט, אז באַדינער אדער אַרבע־טער זאָלן אריינקומען אין די גרענעצן פון שיף, וואו עס געפינען זיך די פּאַסאַזשירן, נישט אין דער ארבעט־צייט. געבליבן איז דעריבער, אז ער, גאָלד, זאָל ארויסקומען ארום עלף אזייגער טאַקע אהער אויפן

זעלביקן פּלאַץ, צום נאָז פון דער שיף, נישט ווייט פון דער טוריסטן־אַפּטיילונג.

שוין אויף א העכערער דעק, זיך איילנדיק צום עס־סאַלאָן, האָט גאָלד געהערט הינטער זיך:

ניקאָלאָס האָט מיט א באַניײטן חשק גענומען זיך ווידער צו דער אַרבעט; ס'הערט זיך אפילו פון דאַנען, ווי ער קלאַפּט פליישיק און פּאַטשט אזש מיטן פענזל איבערן מעטאַל... אפנים אז ס'איז אים דאָרט איצט זייער גוט אויפן האַרצן. ער העלפט אַרוים דעם חבר זיינעם, וואָס אין דער הויך אויף דעם האָריזאָנטאַלן זייל, מיטן לעבעדיקן און לופטיקן רעפריין פונם טשאַרלסטאָן:

C'est elle qui ordonne...

פערטער קאַפּיטל

1.

פון ערגעץ האָט געשטראָמט מוזיק. דער שיף־אָרקעסטער האָט איצט געשפּילט.

ער האָט געשפּילט אין דער הויך, אינם אויבערשטן פּאָיע, ביים אָנהויב פון דעם ברייטן פּאַלאַצדיקן געדרייטן טרעפּן־גאַנג, וואָס איז געווען אזוי פּראַכטפול ווי אין א ערשט־קלאַסישן האָטעל; אזוי מלכות־דיק, ווי אין דער פּאַריזער אָפּערע.

אין פּאָיע דאָרט האָבן אין ריזיקע וואַזאָנעס, ווי פעסער גאַנצע, געשטעקט פּאַלמען און פּאַלמעטאַס, „קאַוטשוק־בוימער", מיט גרויסע שטייפע און גלאַנציקע בלעטער ווי פון לעדער. די דאָזיקע פעסער־וואַזאָנעס זיינען געווען צוגעשמידט צום דיל. צוליב דעם רעגולמעסיקן און נאָכאַנאַנדיקן שאָקלען זיך פונם שיף פון פּאָרנט אויף הינטן, אדער פון רעכטס אויף לינקס, האָבן זיך די פּאַלמען־בלעטער באַוועגט אין דער הויך. פּונקט ווי זיי וואָלטן זיך געפונען אין א טראָפּישן אינ־דרויסן און עס וואָלט אויף זיי געבלאָזן א ווינטל.

ביים מיטאָג האָט כמעט קיינער פון די פּאַסאַזשירן נישט גע־פעלט. דאָס וועטער איז געווען אויסגעצייכנט פאר א ים־רייזע, בפרט נאָך אין אָט דער צייט, אין מיטן־ווינטער. כמעט קיינער איז נישט געווען קראַנק אויף ים־קראַנקהייט.

מען האָט געגעסן זייער געשמאַק. די קעלנער — אין שוואַרצע פּרעק און ווייסע מאַנישקעס; אָנגעטאָן יום־טובדיקער נאָך ווי די פּאַסאַזשירן גופא — זיינען הינטער די שטולן קיין איינציקע מינוט נישט געשטאַנען ליידיק. צווישן איין געריכט און אַ צווייטן, צווישן Sole meniere au citron און ביפשטעק־שאַטאָבריאַן האָט מען דערווייל געשמועסט מיט אַ נישט־באַהאַלטענער פרייד וועגן דעם, וואָס דער קורס אויפן פראַנק, אויף דער לירע און אויף דער פּעזעטאַ האַלטן אין איין פאַלן; וועגן דעם, וואָס די אַקציעס פון די „וואָרנער בראָדערס" און די „יונייטעד דראָגס" זיינען נעכטן שטאַרק געשטיגן — איינע זיינען געשטיגן אויף דריטאַלבן פּונקטן, און די אַנדערע — אויף גאַנצע פערטאַלבן פּונקטן: אַזוי איז געווען געדרוקט אין די ראַדיאָבאַריכטן אין דעם היינטיקן נומער פון „אָגאַמעמנאָן", דער שיפסצייטונג. מען האָט איינער ביים צווייטן געפרעגט עצות, געגעבן אינפאָרמאַציעס; מען האָט זיך דערציילט די רעזולטאַטן פון די ראַדיאָגראַמען, וואָס זיינען נאָכאַנאַנד געלאָפן און געזיגזאַגט אין דער טויזנטמייליקער כמורנער לופט וואָס איבערן אָקעאַן — צווישן דער שיף און יבשה.

און נאָכמיטאָג האָט מען זיך ווידער צעלייגט אויף די דעקשטולן, געדרעמלט אין זאַטער וואַרימקייט פון זון און פעלד, און געוואַרט אויפן „פייוו־אָ־קלאָק", וואָס די דעק־סטיוואַרדס פלעגן סערווירן דוקא דריי־פיר אַזייגער. יונגוואַרג — הויכע און שלאַנקע אַמעריקאַנער, אין קורצע וואָלענע ניקערבאָקערס און וואַרעמע גאָלף־זאָקן ביז צו די קני — האָט געשפּילט „שאָפּלבאָארד", דעק־טעניס און אַנדערע שפּילן. די פראַנצויזישע נוירסעס מיט די פריש־רויטע בעקלעך, אין ציכטיקע שניי־ווייסע הויבן און קורצינקע פאַרטוכלעך, האָבן איצט געפירט רייען קינדערלעך אין דעם מאַריאָנעטן־טעאַטער, וואָס אויפן מיטן פון דעק „אַ". עלטערע דאַמען האָבן זיך אין איינעם פון די אינעווייניקסטע זאַלן אַרומגעקליבן אַרום גרינע קאָרטן־טישלעך און זייער פאַרטאָגנענערהייט געשפּילט וויסט אוןברידזש.

אין דער זעלביקער צייט האָבן מאַטראָסן ביים נאָז פון שיף שווער געאַרבעט — די שיף איז איצט געשוואומען איבער איינער פון די געפערלעכסטע ערטער אין אָקעאַן: ערגעץ אַרום די זאַמד־בענק פון ניו־פאונדלענד. מאַטראָסן מיט פאַרקאַשערטע אָרעמס האָבן געוואָרפן רעדלעך פון מעסט־אינסטרומענטן טיף אין אָקעאַן אַריין; די

דאָזיקע רעדלעך זיינען געווען באַשמירט מיט אַזאַ מין ווייסער סמאָלע; מען פֿלעגט זיי אַלע ווײַלע דאַרפֿן אַרויסציען און זען, צי צו זיי האָט זיך נישט צוגעקלעפּט קיין זאַמד, צי די שיף גייט נאָך, חלילה, נישט אַרויף אויף איינעם פֿון די ריזיקע זאַמד־אינזלען, וואָס האָבן דאָ פֿאַררעטעריש געלויגט פֿון וואַסער־טונקל אויף דורכפֿאָרנדיקע שיפֿן. די מאַטראָסן זיינען געווען פֿאַרשוויצט פֿון גיכן אַרומלויפֿן און אַרומיאָגן: מען האָט געדאַרפֿט זיין אי איילִיק אי פֿאָרזיכטיק; ריטשקעלעך שווייס זיינע גערונען איבער טונקעלע, פֿאַרשמירטע פּנימער.

עוזיאל גאָלד האָט זיך דעם גאַנצן נאָכמיטאָג קיין אָרט נישט געקאָנט געפֿינען. ער האָט דורכגעניודיעט אַ שעה צייט דורכן קאָנצערט אינם האַלב־טונקעלן און גערוימען מוזיק־סאַלאָן, וואו עס האָבן אפֿילו בייטאָג געברענט עלעקטרישע לעמפּלעך אין היפּשע העססעם פֿון „געפֿרוירענעם“ גלאָז אויף די ווענט, ווי הענגלעך וויינטרויבן. אין אַ ווייכן פֿאָטעל אַ פֿאַרזונקענער, האָט ער מיט געוואַלד געפּרואווט כאָטש אַ קליין ביסעלע הנאה האָבן פֿון עפּעס אַזעלכע אַדאַזשיאָס און אַלעגדאָס, וואָס דער סאָליסט־וויאָלאָטשעליסט האָט מיט אַזוי פֿיל תחנונים און אָנשטרענגונג באַמיט זיך אַרויסצוציען פֿון זיין בייכיקער טשעלאָ אַרויס. נאָר אומזיסט: די קלאַנגען זיינען אים פֿאַרבליבן פֿרעמד און דרויסנדיק, עס האָט אים לחלוטין נישט גענומען. זיין קאָפּ איז אים נישט געווען דערביי; ער האָט אַלץ געוואַרט, אַז עס זאָל שוין אָנקומען אָוונט.

אויפֿן געוויינלעכן אָרט זייערן, אין אַ ווינקל אויף דער העכסטער דעק, אויף דער „שיפֿס־דעק“, האָט ער געטראָפֿן די הערן רייכענטאַל און באַרדאַש. די דאַמען זיינען דאָ נישט געווען, זיי זיינען ביידע אַוועק אין נאָכמיטאָגדיקן קינאָ: מען האָט דאָרטן היינט באַוויזן אַ טשאַפּלין־בילד. די ביידע גוטע ברידער זיינען דאָ דערווייל געזעסן אַריין און האָבן זיך, קאָנטיק, אַליין ערשט רעכט גוט אַמוזירט. זיי האָבן געלאַכט הויך אויף אַ קול, מיט אַ געשמאַקן זאַטן געלעכטער פֿון מענטשן, וואָס קאָנען צו יעדער צייט, ווען זיי גיבן נאָר אַ טראַכט דערפֿון, האָבן דאָס פֿריידיקע געפֿיל: זיי זיינען מענטשן געזיכערטע אין לעבן — אויף תמיד געזיכערטע... אַ דאַנק דער שפע פֿון זייערע רייכטימער זיינען זיי פּטור פֿון געלט־זאָרגן ביזן סאַמע לעצטן טאָג פֿון זייער לעבן.

אַז גאָלד איז צו זיי צוגעקומען, האָבן זיי אים געפּרואווט מכבד זיין מיט איינעם פון אָט יענע געשמאַקע חלבדיקע אַנעקדאָטן, מיט וועלכע זיי האָבן זיך קעגנזייטיק מכבד געווען שוין פאַר דער לעצטער שעה-צוויי. זיי האָבן אָבער באַלד דערזען, אַז גאָלד איז פאַר זיי איצט אינגאַנצן אַ גלייכגילטיקער. בשעת זיי פּרואוון אים דערציילן עפּעס זייער פּעפּערדיקעס, קוקט ער גאָר מיט איינעם אַן אויג צום יענעם וויטן הימל-זוים, צו וועלכן עס לאָזט זיך איצט אַרונטער אַ שאַרפע און אַ רויטע, אַ קליינע און אַ שטיפע ווינטערדיקע זון, — אַ זון וואָס איז אַזוי געדיכט און קאָנדענסירט, ווי זי וואָלט געווען איינגעפּרוירן; דער סאַמע תמצית פון אַ זון — אַ זון בסך־הכל די גרויס פון אַ לבנה.

זיי לאָזן אים דעריבער באַלד צו־רו, גאָלדן. פונדעסטוועגן איז זיי נישט שלעכט אין זיין אָנוועזנהייט — עפּעס פילן זיי זיך פּאָרט באַקוועמער, פרייער, ווי אין דער אָנוועזנהייט פון אַנדערע פּאַסאַזשירן אויפן שיף; זיי האָבן ליעבן אים, אַ שטייגער, דאָס זעלביקע געפיל, ווי ווען מען נעמט אַרונטער פון זיך שטייפע קאָלנערס, וועלכע פּרעסן אַזוי אויפן האַלז... ס'איז גוט מיט אים, מיט אָט דעם דאָזיקן אידישן זשורנאַליסט.

מר. באַרדאַש פאַררויכערט אַ דיקן שמעקעדיקן ציגאַר, אַ „קאָ־ראָנאַ", ער הויבט אים אָן קייען און קייען — קאָנטיק, ער פאַרמעסט זיך אים צו קייען אויף אַ לאַנגע-לאַנגע צייט. ער פאַררוקט מיט הנאה די ביידע גראָבע פינגער אין די ווינקלען פונם קאַמזויל און לאָזט וויסן וועגן דעם, וואָס ער טוט איצט, דעם גאַנצן אַרום — די קאָמ־פּאַניאָנען זיינע, דער שיף, דעם אָקעאַן... ער דערקלערט זיי אַלעמען מיט זיין מאָדנע-אַרכאַישן, מיט זיין קאַרפּאַטישן אידיש:

— יאַך ראַך...

דעמאָלט שלעפּט מר. רייכענטאַל אויך אַרויס פון דער אויבערש־טער קעשענע פון זיין גרויען ענגלישן ראָק פּונקט אַזאַ דיקן ברייטן ציגאַר. ער הויבט אים אויך אָן צו קייען, אַ קייען פון אַ לאַנגן פאַר־מעסט — אויף לאַנג, אויף לאַנג... ער דערקלערט אויך באַלד דער וועלט אַרום, אין דעם זעלביקן מאָדנעם אידיש-לשון:

— יאַך ראַך אַך...11)

אָבער כאָטש גאָלד ווייסט, אַז די דאָזיקע אידישע ווערטער ווערן אַרויסגעזאָגט ספּעציעל, כדי אָנצוטאָן אים, גאָלדן, אַ נחת־רוח — לאַנגווייליקט עס אים. ער שמייכלט צו זיי פריינטלעך, אָבער זיין קאָפּ

איז אים נישט דערבײַ. ער וואַרט, אַז עס זאָל שוין אָנקומען דער אָוונט. עס הונגערט אים אַזוי שטאַרק נאָך אַ פּשוטן, נאָך אַ היימישן מענטשן — ער קאָן זיך שוין נישט דערוואַרטן די מינוט, ווען ער וועט זיך טרעפן מיט ניקאָלאַן.

.2

אַ זייגער צען אין אָוונט נאָכן „דינער" און נאָכן אָוונטיקן קאָנצערט, ווען דאָס רוב פּאַסאַזשירן איז זיך צעגאַנגען — ווער אין באַר, ווער אין רויכער־סאַלאָן און ווער אין ביבליאָטעק — האָט זיך גאָלד איינער אַליין ווידער געלאָזט שפּרייזן איבער דער ליידיקער און פּוסטער „שיף־דעק".

אויף דער דאָזיקער דעק איז איצט געווען נאָך פּוסטער און, אויב מען קאָן אַזוי זאָגן, נאָך אָקעאַנישער ווי בײַטאָג — אַ מאָדנע, געהייניספּולע ווירקליכקייט איז געלעגן איצט אין אָט דער שווייגנדיקייט, דער קאַלטער ליידיקייט און פּוסטקייט, וואָס האָט באַהעפט דאָ שיף אין אָקעאַן. דאָ ערשט, אויף אָט דער דעק, איז די שיף געוואָרן אויס האָטעל, אויס יבשה — אויף אָט דער דעק ערשט האָט זיך דאָס יבשהדיקע פון דער שיף סובלימירט און איז אַריבער אין „אָקעאַן" אַריין. דאָ איז געווען די גרענעץ צווישן שיף און אָקעאַן־סטיכיע. און אַזוי שטיל איז געווען דאָ: עס האָבן נאָכאַנאַנד און רעגולמעסיק דאָ בלויז געעטעמט די ריזיקע קוימענס, די פֿייערדיקע נאָזלעכער פונם שיף. זיי האָבן געדעגנט איבערן אָקעאַן אַ מבול אַ גאַנצן גאָלדענע פונקען — גרויסע פונקען, ווי גאָלדענע ווײַנטרויבן.

גאָלד האָט ניקאָלאַן געטראָפן אויפן זעלביקן אָרט וואָס בײַטאָג, אויף דער נידעריקסטער דעק פון דער שיף — אויף דעם קלײנעם שטיקל דעק פון דער טוריסטן־אָפּטיילונג. גאָלד האָט אים צוערשט נישט דערקענט. ניקאָלאַ איז געווען איצט פאַרפּוצט אין אַן אַנצוג פון טונקל־בלויען געוואַנט און אין אַ ציכטיק־ווייסער אויבערהעמד. דאָס האָט אים זייער געקליידט — דער שוואַרצער אַנצוג האָט נאָך בולטער געמאַכט די בלייכקייט פון זיין פּנים, ער האָט אויסגעקוקט איצט שלאַנקער נאָך ווי בײַטאָג, און עפּעס יום־טובדיקער. עס האָט געשמעקט פון אים אַביסל פּאַרפום.

ניקאָלאַ האָט פאַרשטאַנען גאָלדס איינגעהאַלטענע פאַרוואונדע-רונג.

— אָ... איך בין איצט אין מיין צווייטן גילגול — האָט ער צו גאָלדן א שמייכל געטאָן מיט די גלאַנציקע און פולע אויגן זיינע; ביי־נאַכט האָבן זיי נאָך אויסגעזען גרעסער און פייכטער ווי בייטאָג.—איך בין דאָך שוין היינט אוונט געווען דאַמען־פריזירער... כ'האָב דאָך שוין היינט אָוונט אין „שיינקייטס-סאַלאָן" צורעכט געמאַכט עטלעכע דאַ־מען־קעפּ... געהאַט שוין היינט אַ פּאָר „פּרענטש באַי „היירקאַטס".

ס'איז געווען היינט זייער א שטילע נאַכט, א נאַכט מיט א גע־דיכט־אויסגעשטערנטן הימל. עפּעס א יום־טובדיקייט האָט זיך געגאָסן ארונטער פונם הימל, וואָס איז געווען אזוי דורכאוים און אומגעוויינ־לעך באַדעקט מיט שטערן, שטערן פון אַלערליי גרוים און פאַרשידענע קאָלירן. „אגאַמעמנאָן" איז געגאַנגען איצט שטיל, מיט א שטילן וויגן זיך פון רעכטס אויף לינקס, ווי פון אייגענעם בלויזן הנאה וועגן. עס האָט זיך געהערט דייטלעך דאָס נאָכאַנאַנדיקע קלאַפּן פון דער שיפס־מאַשינעריע, דאָס ריטמישע שלאָגן פונם הארץ פון דער „אגאַמעמנאָן".

זיי האָבן זיך ביידע אנידערגעזעצט אויף א לאַנגער פּשוטער היל-צערנער באַנק — אזא וואָס מען טרעפט אָן אין א פּאַרק אָדער אויף א בולוואַר. גאָלדס פוס האָט אין דער פינסטער אָנגעטראָפן אויף עפּעס אן אייזערנעם שטאַנג אויפן דעק דורך וועלכער עס איז, אפנים, דורכ־געגאַנגען א שיפס־קייבעל; דער שטאַנג האָט געציטערט אונטער אים מיט א דראָבנעם ציטער, פונקט ווי ער וואָלט געהאַט אָנגעטראָטן מיטן פוס אויפן פולס פון דער שיף.

אים האָט זיך זייער געוואָלט אויסגעפינען עטוואָס וועגן ניקאָלאָס לעבן. ער האָט זיך געהאַלטן פאַר א שטיקל מענטשן־קענער, און עפּעס האָט אים שוין, פון ערשטן אויגנבליק, וואָס ער האָט ניקאָלאַן אָנגע־טראָפן, געזאָגט: „דאָס איז דאָ וואָס אויסצוגעפינען"... ער האָט אָבער נישט געוואָלט יענעם אפשר שטעלן אין פאַרלעגנהייט מיט צופיל ניי־געריקייט. ס'איז דאָך געווען גאָלדן קלאָר: אָט דער יונגער מענטש, מיטן שטייפן ענערגישן פּנים און קינדישן שמייכל פון מויל און אויגן — ער איז זיכער געווען א מענטש א פיין־פילנדיקער.

אָבער עס איז געווען א סך איינפאַכער, ווי ער האָט זיך עס פאָר־געשטעלט — אָך, ווי אָט דער ניקאָלאַ איז עס געווען אזא פּשוטער, אזא האַרציקער און אָפנהאַרציקער יונג... מעגלעך, אז עס האָט אים

נאָך גאָר פאַרשאַפט פאַרגעניגן דאָס וואָס ער האָט געפונען עמיצן, וועמען ער האָט געקאָנט דערציילן זיין „לעבנס־געשיכטע"; מעגלעך אויך, אז ער האָט צו גאָלדן דערפילט פון דער ערשטער מינוט אָן דאָס זעלביקע געפיל פון צוטרוי, וואָס גאָלד האָט דערפילט צו אים?

אזוי צי אזוי, — גאָלד האָט אים צו שטאַרק פאַר דער צונג נישט געדאַרפט שלעפן. אין משך פון די קנאַפע פּאָר שעה, וואָס זיי האָבן געהאַט ביז מיטן נאַכט, האָט זיך גאָלד דערוואוסט גאָר, גאָר א היפּש ביסל פון ניקאָלאַס לעבן.

3.

א קינדהייט, וואָס איז פאַרבראַכט געוואָרן ערגעץ אין א פאַר־קאָפּטשעטן טשאַדענדיקן „פלעטל" אויף מעדיסאָן סטריט, נישט ווייט פונם איסט-ריווער. פון דער דאָזיקער קינדהייט זיינען בלויז פאַרבליבן שווערע דערינערונגען: דערינערונגען פון ביטערע פּרנסה־זאָרגן און אָרעמקייט; דערינערונגען פון א קראַנקן טאַטן, — א הויכן, א דאַרן און תמיד א הוסטנדיקן.

דער דאָזיקער טאַטע — דער שרייבער פון הומאָרעסקעס און וויציקע פעליעטאָנען אין די „גאַזעטן" — האָט געליטן פון דער „דער", און איז געשטאָרבן זייער יונג. ער איז געשטאָרבן ווייט פון דער היים, אין דעם סאַנאַטאָריום פאַר שווינדזיכטיקע פונם ארבעטער־רינג, אין דער קלאָרער לויטערער פראַסטיקייט פון ווינטער־טעג אין די קעטסקיל־בערג, וואָס זיינען ווי וייסער ווין פאַר האַרץ און נשמה.

— עך... עס האָט אים, מסתמא, זייער באַנג געטאָן צו שטאַרבן דוקא אין אָט אזעלכע טעג — האָט ניקאָלאַ א שמייכל געטאָן אויף גאָלדן מיט זיינע גרויסע פייכטע אויגן, וואָס ס'האָט זיך אין זיי איצט נישט געזען קיין שום סימן פון טרויער.

די מאַמע האָט שוין דעמאָלט זינט עטלעכע חדשים געהאַט גע־האַנדלט אויף א שפּיץ־טראָטואַר פון עסעקס סטריט; געהאַט א פּוש־קאַרט מיט זויערס — זויערע אוגערקעס, זויערע טאָמאַטן, זויערע קאַוואַנעס, זויערע עפּל, באַרן, פעפערלעך... ס'האָט אבער פון דעם דאָזיקן מסחר אויף הוצאה קיינמאָל נישט געקלעקט, כאָטש זיי זיינען געוועזן בלויז דרייען אין דער משפחה — מוטער, ער און א קלענערע שוועסטערל.

דאָס שוועסטערל האָט נישט געקאָנט גיין ארבעטן, זי איז נאָך געווען צו קליין. ער, נח — נחל האָט די מאַמע אים גערופן; אז די פראנצויזישע מאַטראָסן־קאָמפּאַניאָנען האָבן אים געפרעגט ווי ער הייסט, האָט ער אין שפּאַס געענטפערט: „נייאַכל״; איז פון דעם איז דאָס ארויסגעקומען דער נאָמען ניקאָלאַ, — ער, נחל, איז אפילו נאָך אויך געווען זייער יונג; אינגאנצן ערשט עלף־צוועלף יאָר אלט. אבער — פּאָרט א אינגל. האָט ער אויך אָנגעהויבן האַנדלען: מיט ציי־טונגען. ער האָט שוין באלד געהאט „זיין״ ווינקל אין ראָג־גאַס און זיינע רעסטאָראַנען. דורכגייער האָבן שוין גוט געקענט זיין הויכן קווייטשיקן קולכל:

—פּאָ—ועטס... טאָ—גי—בלאָט... דזשוּאיש מאָרנינג דזשור־נאל... קי—בי־צער...

די פּאָלקס־שול האָט ער נישט געענדיקט — ס׳איז אים דאָרט געווען שרעקלעך לאַנגווייליק. און אפשר שוין גאָר נישט אזוי אויס איבערגעגעבנקייט צו דער משפחה — נאָר ער האָט שוין געזען אליין פאַר זיך אלץ מער ארבעטן, קריגן אלץ מער באַשעפטיקונג, אלץ מער מלאכות, — אבי זיין מוטער זאָל האָבן אן אויסרייד מיט וועלכן צו קומען פאַרן „באָארד אָוו עדיוקיישאָן״ (12).

— ער קאָן נישט באַזוכן רעגלמעסיק די שול, — ער מוז דאָך שטיצן זיין מוטער און זיין קליין שוועסטערל...

חוץ זיין ציַיטונגס־פאַרקויפעריי, האָט ער נאָך צו דערזועלביקער צייט געהאט אויך א ריי אנדערע באַשעפטיקונגען: פאַרקויפט אין די נאַסן נאַז־טיכלעך, שוך־בענדלעך; א פאַר וואָכן פאַר די ימים־נוראים — מחזורימלעך און סידורימלעך אין פּאַפּירענע איינבונדן, מיט „גאָל־דענע״ אותיות אויף רוקנס און אויף טאָוולען. א וואָך פאַר סוכות פלעגט ער שוין אָנגרייטן „ערבות״ פאַר די לולבים. לכבוד הושענא־רבה — פלעגט ער פאַרקויפן ביטלעך ריטלעך פאַר הושענות. (סיי די ערבות און סיי די הושענות־ריטלעך פלעגט ער אליין פאָרן אָנשניידן אויף די זומפּן פון ניו־דזשוירזי, אָדער ערגעץ אין סיטי־איילענד.) און פאַר פּורים פלעגט ער נאָך האַנדלען מיט גראַגערס און קאָלאָקאָטקעס.

פון אָט די אלע יום־טובים און אָט די אלע זאַכענישן האָט ער אליין כמעט גאָרנישט פאַרשטאַנען: ער פלעגט צומאָל נישט קאָנען ריכטיק ארויסזאָגן די נעמען פון די זאַכן, וואָס ער פלעגט פאַרקויפן.

אָבער מיט זיינע שאַרפע אויגעלעך — מיטן גאַנצן שטיפן און ביי־נערדיקן פּנימל זיינעם — פלעגט ער זיך גוט צוקוקן צו דעם, וואָס קומט פאָר ארום אים. ער פלעגט אין אַלע פּרטים נאָכמאַכן די עלטערע אידן מיט די בערד, די „איינגעפונדעוועטע" און אַלטגעזעסענע פּוש־קאַרט־פּעדלערס, מיט וועלכע עס ווימלט און שווימלט אָט יענע וואונ־דערלעכע און איינציקע אידישע געגנט אין דער גאַנצער וועלט — די געגנט וואָס איר צפונדיקע גרענעץ איז די פּערצנטע גאַס, איר דרום־דיקע — מעדיסאָן סטריט, די דריטע עוועניו גרענעצט זי פון מערב־זייט און דער איסט־ריווער — פון מזרח־זייט.

איז די פאָלקס־שול האָט ער טאַקע נישט געענדיקט. דערפאַר אָבער פלעגט ער ליב האָבן אָפּזיצן אין דער פאָלקס־ביבליאָטעק אויף דזשע־פערסאָן גאַס און איסט בראָדוויי גאַנצע גאַנצענע אָוונטן, גלייך פון נאָך וועטשערע ביז וואַנען מען פלעגט זי צושליסן. ער האָט געלייענט און אריינגעזופּט אין זיך אַלץ וואָס ס'האָט זיך אים געמאַכט אונטער דער האַנט. אָבער דערעיקרשט האָט ער ליב געהאַט לייענען ביכער פון ים: די ים־דערציילונגען פון קאָנראַד, די פישער־ראָמאַנען פון הער־מאַן מעלוויל, די אוואַנטורע־ראָמאַנען פון דזשעק לאָנדאָן, א. א. וו. א. אז. וו.

צי זיינען עס געווען אָט די ביכער, וואָס ער האָט געלייענט; צי די נאָענטקייט פונם איסט־ריווער, וועלכער איז געווען נישט ווייט פון דער גאַס, וואו זיי האָבן געוווינט; אָדער אפשר גאָר די ביטערע אָרעמ־קייט און דחקות אין שטוב, וואָס איז קיינמאָל נישט מילדער געוואָרן, נאָר געוואָרן אפילו, אויב ס'האָט נאָך געקאָנט זיין אָרט דערפאַר, שאַרפער פון יאָר צו יאָר, — אַלנפאַלס: שוין נאָך גאָר יונגערהייט האָט ער באַשלאָסן ביי זיך:

— ער מוז אָנהויבן וואַנדערן איבער די ווייטע ימים — ער מוז אין משך פון זיין לעבן דורכוואַנדערן איבער אַלע זיבן ימים...

.4

ער פלעגט אָפטמאָל ביז שפּעט אין דער נאַכט, — דערעיקרשט אין הייסע זומער־נעכט, ווען נישט נאָר ער, נאָר די גאַנצע שכנות זייערע, האַלב־נאַקעטע מאַן און ווייב און קינד האָט געשטראָמט צו די ברעגן פון טייך נאָך א טראָפּן פייכטקייט, א טראָפּן לופט — נעכט

אזעלכע גאַנצע פלעגט ער קאָנען אָפּזיצן אויפֿן שטיינערנעם ברעג, אָדער אויף א צוגעפוילטן קלאָץ פון א „דאָק", וואָס האָט ארויסגע־סטאַרטשט פונם גרינעם מוטנעם וואַסער פונם טייך.

ריזיקע געקעסטלטע גלעזערנע ווענט פון פאבריקן אויף יענער זייט טייך, אין וויליאמסבורג — פאַבריקן, וואו עס האָבן איצט געאַר־בעט די ביינאכטע משמורות — טויזנטער קעסטעלעך פון צעשמאָל־צענעם גאָלד איבערן וואַסער.

מיט פאָדערשטע לאַפּעס אָנגעשפּאַרט אויף ברוקלין און מיט הינטערשטע לאַפּעס — אויף מאַנהעטן־אינזל, הויערן איבערן וואַסער אויסטערלישע פאַרצייטיקע חיות — ריזיקע אָקטאָפּוסן און סענטי־פעדן און איכטיאָזאַווערן — די דריי ריזנבריקן, וואָס פאַרבינדן מאַנ־העטן און ברוקלין. און דורך מיטלסטע לאַפּעס פון אָט די ריזן־חיות, וואָס שטעקן אין טייך, צאַפּלען זיך אָדער שווימען שטיל דורך שיפן און שיפן — גאָט, וויפל שיפן!

פּאַסאַזשיר־דאַמפּערס און בוקסיר־שיפן און מאָטאָר־שיפלעך און וויסינקע יאַכטעס און באַגאָלדטע שיפלעך פונם פּלאָטן־האַפּן, וואָס געפינען זיך אויף יענער זייט טייך...

ער באַשליסט דעמאָלט ביי זיך, ניקאָלאַ:

ווי נאָר ער וועט אביסל עלטער ווערן — כאָטש אַלט זיין א יאָר זעכצן, און דאָס שוועסטערל וועט שוין דעמאָלט אויך האָבן אונטער־געוואַקסן און וועט קאָנען אליין גיין ארבעטן און העלפן דער מאַמען — לאָזט ער זיך דעמאָלט אוועק איבער די ימען...

א דאגה ווי: ווי א קוילן־הייצער, ווי א מאַטראָס, כאָטש אפילו ווי א פּראָסטע האַנט אויף צו וואַשן און שקראָבען די דעקעס.

ער לייענט דעמאָלט גיריק אין די צייטונגען און זשורנאַלן, וואָס געפינען זיך אין לייען־זאַל פון ביבליאָטעק, אַלערליי אַנאָנסן און נייעס וועגן שיפן, וואָס גייען אָפּ פון ניו־יאָרק אין פאַרשידענע וועלט־טיילן. ער גייט אין יענע טעג נאָכאַנאַנד ארום איבער אַלע „פּיערס" און האַפנס פונם צפון־טייך, וואו עס שטעלן זיך אָפּ די דאָזיקע גרויסע טראַנסאַטלאַנטישע שיפן. ער באַטראַכט די מאַטראָסן און שיף־ארבע־טער, וועלכע ארבעטן אויף זיי בשעת זיי שטייען אין האַפן.

— זיי זיינען עפּעס גאָר אַן אנדער סאָרט מענטשן — מענטשן פון אַן אנדערער וועלט, פון אַן אנדערן פּלאַנעט...

ער „זוכט זיך" דערווייל אוים א שיף; ער „קלייבט זיך" דער־ווייל עפּעס צו אויף שפּעטער.

— אָבער ער ווייסט אַליין נישט ווי אַזוי... — און דאָ האָט ניקאָלאַ א ביטולדיקן קנייטש געגעבן מיט זיינע פולע ליפּן, ווי ער וואָלט גע־וואָלט מיט אָט דעם ביטול־קנייטש ארונטערוואַרפן פון זיך אפילו דעם מינדסטן חשד פון גאוה און אליין־בארימעריי; ער האָט אביסל נידע־ריקער ארונטערגעלאָזט זיין געשמאַק לויטער קול, פּונקט ווי ער וואָלט זיך געשעמט צו דערציילן אָט די נאַרישקייט, וואָס ער הויבט איצט אָן צו דערציילן.—ער ווייסט אליין נישט ווי אזוי... מיטאמאָל, אינמיטן פון אָט די אלע ים־חלומות, פּארגלוסט זיך אים גאָר צו צייכענען און צו קלעפּן.

בסך־הכל האָט עס קיינער אים קיינמאָל נישט געלערנט... קיי־נער האָט אים פון דעם אלעמען — פון מאָלן, צייכענען צי קלעפּן — קיינמאָל גאָרנישט געוויזן...

— אזאַ נאַרישער איינפאַל!... א נייע פאַנטאַזיע!

ער שלאָגט דעריבער אויף דערווייל ארוים פון קאָפּ די חלומות וועגן ים. סיי־ווי — ער ווייסט דאָך, אז ער האָט וועגן דעם שוין אָנגענומען א פעסטן באַשלוס נאָך כמעט ווען ער איז געווען א קינד; און ער ווייסט אויך: אָט דעם דאָזיקן באַשלוס וועט ער שוין זיכער דורכפירן.

ער נעמט דעמאָלט אויף — לויט דער עצה פון עפּעס איינעם א ווייטן פריינד זייערן, א חבר פון דעם פאַרשטאָרבענעם פאָטער, — גאָר א קורצן קורס אין דער קונסט־שולע ביי דער „עדיוקיישאנאַל עלייענס"13). און אין אַ גאָר קורצער צייט ציען שוין זיינע צייכענונ־גען צו אלעמענס אויפמערקזאמקייט. זיינע אייגנאַרטיקע, קינדישע און פאַנטאַסטישע אזעלכע אילוסטראַציעס צו דער ביבל, — וועלכע ער האָט דעמאָלט ערשט צום ערשטן מאָל געהאַט געלייענט,—ווערן שטאַרק און ענטוזיאַסטיש געריטמט פון קונסט־קריטיקער, בשעת אָן אלגעמיי־נער אויסשטעלונג פון די ארבעטן פון די תלמידים פון דער קונסט־שולע.

— דאָס וואַקסט אַ נייער אָברי בירדסלי... דאָס וואַקסט אַ נייער...

אָבער וואָס טוט ער דעמאָלט, ניקאָלאַ־נחל? ער נעמט גלייך נאָכדעם און וואַרפט מיטאמאָל אוועק אינגאַנצן דאָס צייכענען — און גיט זיך שוין אָפּ דורכאוים מיט קלעפּן.

טעג גאַנצע זיצט ער אָט אין ראַטגערס סטריט פּאַרק און עסט נאָכאַנאַנד מיט די אויגן די איינגעהויקערטע זקנים און חרובע אַל־טיטשקע, וועלכע וואַרעמען זיך דאָרטן אויף די בענק אין דער פּרי־לינגדיקער זון; ער וויל אַלץ אויפכאַפּן זייער שמייכל — דעם טרויע־ריקן שמייכל פון פאַרוואָגלטע זקנים, וועלכע דערמאָנען זיך אין אַן ענלעכן פרילינג-טאָג מיט יאָרן און יאָרן צוריק, — אַ פרילינג־טאָג מיט אַ בשורהדיקן קרייען פון העגער וואָס קרייען זיך פאַנאַנדער אָן אויפהער סאַמע אינמיטן טאָג; אַ פרילינג־טאָג מיט ליכטיקן טומלען פון זיך פאַנאַנדערגעלאָזענע שטראָמעלעך און ריטשקעלעך, אינם ווייטן לאַנד — אין דעם לאַנד פון פאַרשוואונדענע צווײ־דריטל לעבן...

אָדער ער פאָרט גאָר אַרויס, דער יונגער נח, קיין קאָני־איילענד: דאָרט איז ביי אים רעכט אָפּליגן אויפן הייסן אָנגעגליטן זאַמד לאַנגע זומערדיקע שעהן, קנאַקן נאָכאַנאַנד פיסטאַשקעס, און זיך צוקוקן צו די נאַקעטע קערפּערס פון יונגע און שלאַנקע בחורים, — ווי זיי קלאַפּן עם אוים מיט פאַרברוינטע מוסקוליסטישע אָרעמס הילכיקע קלאַפּ־טערס איבערן וואַסער... אָדער ווי זיי שטייען אַזוי, מיט צענויפגע־פלאָכטענע הענט איבערן קאָפּ, אויף די שווימענדיקע „פלאַטס" — איידער זיי גיבן אַ שאָס אַרויף אין דער הויך מיט דינע נאָדלדיקע גופים, און דערנאָך אַ שאָס אַראָפּ מיטן קאָפּ טיף אין וואַסער אריין...

און ווען ער ווערט אַלט אַ יאָר פופצן און ער אַראַנזשירט זיין ערשטע אויסשטעלונג פון סקולפּטור־אַרבעטן, שרייבט מען שוין אויף אים:

— דאָס וואַקסט אַ נייער גאון אין דער סקולפּטור — אַ נייער בורדעל... אפשר אַ נייער ראָדען...

אין אַ פּאָר וואָכן נאָך דער אויסשטעלונג, נישט זאָגנדיק וועגן דעם אויף פריער קיינעם קיין וואָרט נישט, איבערלאָזנדיק אַלע זיינע עקספּאָנאַטן און נישט־פאַרענדיקטע אַרבעטן כמעט אויף הפקר, — פאַרשווינדט ער פּלוצלינג פון ניו־יאָרק און פון אירע קינסטלער־קרייזן.

— ער לאָזט זיך ענדלעך אַרויס אויפן אָקעאַן...

.5

פון טוריסטן אָפּטיילונג, וואָס פּייערט די גאַנצע צייט אויף קליי־נער נאָסלעכער דעק מיט ליכט־קוואַדראַטן פון פאַנאַנדערגעפּראַלטע

טירן, גיט זיך מיטאַמאָל אַ גאָס אַרויס אַ שטראָם פון געלעכטער.

אַז מען וואַרפט אַריין אַ בליק דורך איינעם פון אָט די ליכט־קוואַדראַטן, זעט מען:

צוויי יונגע סטודענטן־מעדיקער האָבן זיך דאָרטן ביידע צוזאַמען פאַרשטעלט פאַר אַ העלפאַנט. איינער, אין אַ שטייענדיקער פּאָזע, איז עס דער פאָדערשטער טייל פונעם העלפאַנט; דער צווייטער, אַ הויכער, זיין רוקן אויסגעבויגן אין אַ גלייכן ווינקל, מיטן קאָפּ צום ערשטנס רוקן — איז עס דעם העלפאַנטס קערפּער און הינטערשטע פיס. ער איז אויסגעפּוצט, דער דאָזיקער „העלפאַנט", אין אַלערליי קאָלירטע שמאַטעס און אַלטע טיכער. אַ דריטער פּאַסאַזשיר — דער יונגער דאָצענט פון פיזיקאַלישער כעמיע אין אַ וויטן מערבדיקן אוניווערזי־טעט, ערגעץ אין סעאַטל, אין שטאַט וואַשינגטאָן, — דער פּאַיאַץ מיטן פּנים אויסגעשמירט אין געלע, בלויע און שוואַרצע פלעקן, איז עס דער אָנטרייבער... יעדעס געלונגען שטיקל זיינס מיטן עלפאַנט רופט אַרויס שטורמישן בייפאַל פון פאַרזאַמלטע, וואָס שטויסן זיך אַרום און אַרום.

ניקאָלאַ האָט זיך צו גאָלדן געווענדט:

— איר זענט אפשר אויך אַ בעלן?...

פונדעסטוועגן האָט ער, נישט וואַרטנדיק יענעמס ענטפער, אַליין צוגעמאַכט די נאָענטסטע טיר. קאָנטיק, ער האָט נישט ווייניקער הנאה געהאַט פון דער דערציילונג פון די אַוואַנטיורעס פון זיין יונגן לעבן, ווי עס האָט, אַ שטייגער, הנאה אַ יונגער פּאָעט פונעם פאָרלייע־נען זיינע לידער. ווייל וויפל ניקאָלאַ האָט עס נישט געפּרואווט אונטערדריקן, האָט זיך דאָך אין זיין שטים געלאָזט פילן אַביסל בראַ־וואַדאַ און יונגער שטאָלץ... שטאָלץ איבער איינגענער געוואַגטקייט און איבער פיל־פאַרביקע געשעענישן פון זיין יונגן לעבן.

— אויף שלעפּ־שיפלעך: צוערשט פּאַזע דעם ברעג פון אַטלאַנ־טישן אָקעאַן, דערנאָך — צו די צענטראַל־אַמעריקאַנישע רעפּובליקן... רייזעס קיין דזשעמאַיקאַ, קובאַ, פּאָרטאָ־ריקאָ...

וואָס אַמאָל ווערט ער אַלץ אַ געניטערער און געניטערער ים־מענטש — ער טויג זיך שוין איינגיכן אויס, ווי אַ גוטע האַנט אויפן דעק פון אַלערליי בוקסיר־שיפן.

און דערנאָך ערשט קומען די לענדער פון זיינע ווייטע, זיינע אינגלשע חלומות: קאָרייע, יאַזאַן, אינדאָ־כינע... צווישן איין נסיעה

און א צווייטער רוט ער זיך אביסל אוים אויף דער יבשה — עס רעדט זיך אזוי: ער „רוט" זיך אוים...

—ער האָט שוין אויך אויף דער יבשה נישט ווייניק יונגע פּראַצע אריינגעלייגט...

ער אַרבעט ביי די נייע אייזנבאַן־ליניעס, וואָס זיינען מיט א פּאָר יאָר פאר דעם דורכגעלייגט געוואָרן אין ניי-מעקסיקע; ער העלפט, אין גרויסע וואלד־„גיינגס", איינם ארונטערהאקן די הונדערט־יעריקע ריזן־בוימער אין די נאָך־מיידלשע צפונדיקע וועלדער פון שטאַט אָרעגאָן, פון וואַשינגטאָן שטאַט, פון פּאַציפישן קאַנאַדע... ער נעמט אן אנטייל — ווי א פּשוטער געדונגענער סאָלדאַט — אין כמעט א האלב־טוץ רעוואָלוציעס פון אייניקע קליינע מדינהלעך פון צענטראַל־ און דרום־אמעריקע, פון אָט יענע מדינהלעך, וואָס זייער געוויינליכער פרידלע־כער צושטאַנד איז — רעוואָלוציע.

און אז ער ווערט שוין ענדלעך פול און איבערפול, זאַט און איבערזאַט מיט אָט דעם סאָרט לעבן, און עס גיבן זיך אין אים צו־שטארק א שפּאַר און ווידער אמאָל א צעוויקל אלערליי זעאונגען און געשטאַלטן, און לאָזן אים בשום אופן נישט צורו — קערט ער זיך ווי־דער אום קיין ניו־יאָרק.

.6

ער זאָגט צו זיך דעמאָלט:

— מען דאַרף זיך ענדלעך זען צוימען... אז מען צוימט זיך נישט, קאָן מען נישט אויפטאָן קיין גרויסע זאכן אין לעבן...

ער האָט דאָך נישט איינמאָל געלייענט אין פארשידענע ביכער: אלע גרויסע קינסטלער האָבן זיך נאָכאנאַנד געהאלטן אין איין צוימען, אין איין אריינצוימען אין שמאָלע גרענעצן דאָס אייגענע לעבן—אפילו ביז צו דער מדרגה פון א פּשוטן, א געוויינלעכן, א קליינבירגער־לעבן.

נעמט ער און קלייבט זיך אוים א פּרנסה־פאַך — ער קלייבט אבער אוים אזא מין מלאכה, וועלכע זאָל אים איבערלאָזן א סך פרייע צייט פאר זיין אייגענער ארבעט: ער הויבט זיך אָן לערנען אויף פאַבריק־מאַכער.

חוץ אלע אנדערע מעלות געדויערט עס טאקע זייער ווייניק זיך אויסצולערנען אָט די מלאכה: אין משך פון איין חודש־צייט, וואָס ער

האָט באַזוכט אַן איטאַליענישן „באַרבער־קאַלעדזש" ערגעץ אויף דער דריטער עוועניו, האָט דאָרטן צעשניטן עטלעכע פּנימער און אָנגעמאַכט אַן אַ שיעור טרעפּ און פּליכעס אויף אַ ריי קעפּ, — גראַדואירט ער סוף־כל־סוף, ווי אַן ערשט־קלאַסישער פּאַריקמאַכער. עס געלינגט אים אויך גאָר אין גיכן צו קריגן אַ שטעלע אין אַ באַרבער־שאַפּ, וואו ער דאַרף אַרבעטן בלויז אָוונטן און מיטוואָך־נאָכמיטאָגס — דאָס לאָזט אים איבער פאַר זיך זייער אַ סך פרייע צייט.

און דעמאָלט כאַפּט ער זיך ווידער שטאַרק צו צו דער ע י ק ר־ד י ק ע ר אַרבעט זיינער. אים פּאַלט גאַרנישט איין אויסצוזוכן זיינע אַמאָליקע נישט־פאַרענדיקטע סקולפּטורישע פיגורן און גרופּעס, וועלכע ליגן מסתמא ערגעץ אין די קעלערס פון דער שולע, אָדער געפינען זיך ביי פאַרשיידענע באַקאַנטע זיינע אין די סטודיעס און קינסטלערישע סטאָדאָלעס.

— צוליב וואָס? ס'איז נישטאָ וואָס צו זשאַלעווען... ס'איז דאָ אַן אַ שיעור נייס ביי אים אין דער פאַנטאַזיע. אים דוכט זיך: ער איז דער אייגנטימער פון אַ רייכער קוילן־מינע — ע ר א י ז א ל י י ן ד י ר י י כ ע ק ו י ל ן־מ י נ ע... וויפיל ער זאָל דאָרט נישט גראָבן אין דער טונקל פון זיין האַרץ און פאַנטאַזיע, בלייבן נאָך דאָרטן אַלץ פאַרבאָרגן אין דער מחיהדיקער פינצטערניש אומגעהויערע פּלאַסטן פון שוואַרצער און שווייגנדיק־בלישטשענדיקער קויל.

ער אַרבעט אַזוי אָפּ אַ שטיק צייט שטאַרק־פיבעריש. ער כאַפּט זיך צו צו זיין דלאָטע און האַמער, אָט ווי עס כאַפּט זיך צו צום טומלדיקן לעבן אַ מענטש, וועלכער איז אַ גאַנצן ווינטער געלעגן קראַנק און פאַרשפּאַרט אין הויז.

אָבער — בלויז אויף אַ גאָר קורצער צייט.

ווידער גיט עס אים אַ צי צום ים. נישט דער חלום פונם ים, נאָר דער ים אַליין איז שוין איצט געוועזן אין זיין בלוט... די טראָפּישע און פאַרביקע ימען, אויף וועלכע ער איז שוין ביז איצט אויסגעוועזן און באַרייזט, זיינען שוין איצט געוועזן אין זיין בלוט ווי אַ נישט־היילבאַרע קרענק.

— און פאַרקערט... — פילאָזאָפירט ער שוין איצט מיט זיך — פאַרקערט... וואו שטייט עס געשריבן, אַז אַ מענטשנס לעבן מוז עס זיין דווקא געקרוינט מיט גרויסע אויפטוען? וואָס איז דען דער חילוק — אַזוי צי אַזוי: דער סוף איז דאָך דער זעלביקער...

און בכלל: וואָס איז עס דען אַזוינס — אַ גרויסער אויפטו? ווער קאָן עס זאָגן מיט באַשטימטקייט — פילאָזאָפירט ער ווייטער — וואָס דאָס איז אַזוינס?

.7

און ווידער איז ער אין האַפן... ווידער בלאָנדזשעט ער דאָרט אַרום, פּאַדיעט און שמעקט אַרום די ניי־אָנגעקומענע שיפן. און ווי־דער גליקט עס אים אָפּ: ס'איז נישט שייך זאָגן, — ער איז אַ מענטש, וועלכער איז געבוירן געוואָרן אין אַ זיידן־העמדל.

שוין אויפן צווייטן טאָג לייענט ער איבער, לעבן איינער אַן אַרבעטס־ביוראָ אויף דער בויערי, אַן אויפשריפט, — אַן אויפשריפט מיט ווייסן קרייד אויף אַ שוואַרצן גריפלנעם ברעטל:

— „אויף דער שיף „אַגאַמעמנאָן" פּאָדערט זיך אַ געניטער מאַליער, אַ פּאַכמאַן"...

מילא: דאָס וואָס ער איז בכלל נישט קיין מאַליער, קימערט אים אפילו וויניק. נישקשה: ער וועט זיך שוין ווי־עס־איז אַן עצה געבן. אים קימערט אָבער יאָ דאָס, וואָס ער איז נאָך קיינמאָל ביז איצט מיט אַ פּאַסאַזשיר־שיף נישט מיטגעפאָרן.

— וואָס פּאַר אַן אינטערעס קאָן עס פּאַר אים האָבן? און וואו וועט אים אָט די שיף דערפירן? נאָכאַנאַנד הין צוריק, צווישן ערגעץ אַן אייראָפּייאישן האַפן און דער שטאָט ניו־יאָרק — נאָכאַנאַנד הין און צוריק, ווי אַ בלינד פערד אויפן טראָט־ברעט.

נאָר טאַקע דערפאַר גופא, — דערפאַר, וואָס ער איז נאָך מיט אַ פּאַסאַזשיר־שיף קיינמאָל נישט געפאָרן, באַשליסט ער ביי זיך גלייך, ער וועט חתמענען די פּאַפּירן אויף דער „אַגאַמעמנאָן"...

— מען דאַרף זען: צי אויף אַזאַ שיף קאָן נאָך אויך געמאָלט זיין זיך אָנשטויסן אויף עפּעס אַן אויסערגעוויינלעכער אַוואַנטורע, צי נישט?

און חוץ דעם: ער דאַרף נויטיק האָבן אַביסל געלט — נויטיק ווי דאָס לעבן. ערשטנס, דאַרף מען איבערלאָזן דער מאַמען, וואָס איז שוין אַלט און קראַנק, מיטלען אויף צו לעבן. און צווייטנס, האָט ער באַשלאָסן, אַז קומענדיקן יאָר לאָזט ער זיך אַוועק אויף נאָר אַ ווייטער און לאַנגער רייזע — צום דרומדיקן פּאַסיפיק, קיין פּאַ־

לינעזיע, אויף די אינזלען פון דרומדיקן אָקעאַן... און מיט זיין פּאַך פון אַ פּריזירער, אויף אַזאַ פּאַלאַצדיקער לוקסוס־שיף ווי „אַגאַ־מעמנאָן", מיט אַזעלכע רייכע פּאַסאַזשירן, וואָלט מען געדאַרפט קאָנען מסתּם מאַכן יעדע איינציקע רייזע אַ היפּש ביסל געלט...

זיין קרעפטיקער און דראָטיקער גוף מאַכט זייער אַ גוטן איינ־דרוק אויפן „בוירסאַר", אָדער ווי עס הייסט דאָרט דער שיף־באַאַמ־טער מיטן רויטן, שטייף־אַרומגעגאָלטן קאַרק און מיט די גאָלדענע פּאַסיקלעך אויף היטל און הויזן — דער ממונה איבערן אָנשטעלן נייע שיפס־הענט. און אַז יענער ווענדט זיך צו אים:

— זענט איר כאָטש אַ געניטער מאַליער? אַ סך דערפאַרונג?

—יאָ — ענטפערט ניקאָלאַ־נחל און קוקט גלייך דעם פרעגער אין די אויגן אַריין: קוקט אפילו מיט אַ שטיקל פאַרדרוס — ער איז גאָר באַליידיקט, וואָס מען שטעלט אים כלל אַזאַ פראַגע. — יאָ... וואָס איז דאָ צו רעדן?... אַז ער האָט דאָך אַ לענגערע צייט גע־אַרבעט אויף די ליניעס פונם „על" — זייער אַ היפּשע צייט...

געאַרבעט האָט ער דאָרט אפשר נישט — געזען האָט ער אָבער אַסך מאָל ווי פאַרבער הענגען אויף רושטאָוואַניעס, אויף ווינגעלעך און אויף שטריק און פאַרבן דעם הויכן מעטאַל־געפלעכט פון דעם „על" אויף צוווייטער צי אויף דריטער עוועניו... אויף דער שיף „אַגאַמעמנאָן", טראַכט זיך ניקאָלאַ, דאַרף מען דאָך אוודאי האָבן נישט מער ווי אַ פשוטן שמירער — און אַ שטיקל באַקאַנטשאַפט מיט פאַרבן האָט ער דאָך פאָרט, ניקאָלאַ...

נאָר שוין אויף דער צווייטער רייזע פונם „אַגאַמעמנאָן" ווערט ער גוט־ברודער מיטן הויפּט־סטיואַרד פונם פריזירער־סאַלאָן. ווי אויף אַלעמען כמעט, מאַכט ער אויך אַן אָנגענעמען איינדרוק אויפן סטיואַרד פונם פריזירער־סאַלאָן מיט זיין שטייפער, שלאַנקער און ציכטיקער פערזאָן. אין אָוונט, אַז ניקאָלאַ נעמט אַ הייסע וואַנע און פאַרפומירט זיך גוט אָן, גיט אים דעריבער יענער אַ מעגלעכקייט צו פאַרדינען אַן עקסטרע געהאַלט. אַזאַ שיינער און עלעגאַנטער יונג ווי ניקאָלאַ, מיט אַזעלכע גרויסע און הונגעריקע אויגן און אַזאַ מין מויל — ער איז דאָך, טענהט יענער, ממש ווי געבוירן געוואָרן אויף צו מאַכן אַ־לאַ־גאַרסאָן פריזורן די רייכע איבערקלייבערישע דאַמען־פּאַסאַזשירן, וואָס אויף דער שיף...

— און חוץ דעם: מיט דעם זיינען טאַקע אויך פאַרבונדן גע־וויסע אוואַנטורעס... וואָס אַרט אייך...

גאָלד באַמערקט אין דער געלבלעכער האַלב-ליכטיקייט פונם עלעקטרישן קרייז אין וועלכן זיי ביידע זיצן — אַ ליכט־קרייז פון אַ היפּשער עלעקטרישער לאַמטערנע, וואָס הענגט אויף אַ מאַסטבוים הויך איבער זיי — גאָלד באַמערקט:

ניקאָלאַס אויגן שמייכלען פול מיט באַדייטונג און מיט אוואַנ־טורישער קלוגשאַפט; זיין שיין, אַביסל ברייטלעך און זאַפטיק מויל שמייכלט אַזוי מאָדנע: אַ שמייכל אי פון קינדערשער גוטסקייט און אי פון תאוהדיקער צעלאָזנקייט. די צוויי קנייטשן אַרום די ביידע מויל־ווינקלען ווערן פון דעם נאָך לענגער, טיפער — און פאַרדאַר־בענער.

— אַ, איר ווייסט נישט, וואָס אויף אַזעלכע שיפן קאָן זיך פאַר־לויפן... וואָס אַרט אייך...

פינפטער קאַפּיטל

.1

עמעצער האָט פון אינעווייניק, פון דער טוריסטן־אַפּטיילונג, אַ שטויס געטאָן די צוגעמאַכטע טיר, וואָס נישט ווייט פון זיי ביידן. די פאַנאַנדערגעפּראַלטע טיר האָט אַ שפּיי געטאָן אינדרויסן אַרויס מיט לוסטיקער ליכטיקייט, מיט פילדערנדיקער פרייד, מיט געזונטן טומל. קולות, געלעכטער, געזאַנג, צויטן פון אַ נעגערישן לידל:

I'se got a girl
You'se got none
Lil Lisa Jane...*14*)

ניקאָלאַ איז צוגעגאַנגען און האָט מיטן פוס אַ זעץ געטאָן און שטייפער נאָך צוגעמאַכט די טיר. אָבער אפילו די צוגעמאַכטע טיר איז אויך געוועזן אַ שוואַכע פעסטונג, ווען עס האָט באַלד פון אינעווייניק אַ שטראָם געטאָן און אַ וויכערנדיקן דריי־געטאָן אַ גאַנצער וואַלד מיט קולות — אַלע, אַלע אין דער טוריסטן־אַפּטיילונג, יונג און אַלט, מאַן און פרוי האָבן קאָנטיק באַהאַפטן זיך דאָרטן צום

דונערנדיקן געזאַנג פֿונם רעפּיירן, וואָס צום זעלבן נעגרישן לידל:

O, Lisa, li'l Lisa Jane!
O, Lisa, l'il Lisa Jane! [15])

ניקאָלאַ וואָלט נאָך, קאַנטיק, גערן און מיט גרויס חשק דער־ציילט גאָלדן פֿון זיין לעבן און זיינע אַוואַנטורעס. נאָר גאָלד הויבט זיך אויף פֿון זיין אָרט. עס איז שוין מיטנאַכט. עס האָט זיך שוין דורכגעטראָגן איבער דער שיף דאָס קלאָרע לויטערע קלינגען פֿון די „גלעזער", וועלכע האָבן אויסגעקלאַפּט די מיטנאַכטיקע משמורה. דאָס דאָזיקע קלינגען איז געווען אַזוי וואונדערלעך און אַזוי נישט־ערדיש, אַז ס'האָט זיך געדוכט: דאָס האָט זיך אין דער מיטנאַכט־שעה פֿאַנ־אַנדערגעזונגען די גערדיכטע נעץ פֿון די שטערן אין דער הויך, — די מילי־מיליאַסן גרעסערע און קלענערע, געלבלעכע און גרינע, ווייסע און בלווילעכע שטערן האָבן דאָרט אָנגעהויבן זינגען, — זינגען אין שטילן און ווייטן כאָר.

גאָלד וויל זיך נאָך אַריבערכאַפּן אין באַר, צו דער קליינער גע־זעלשאַפֿט זיינער, וועלכע ער האָט פֿריער דאָרטן איבערגעלאָזט אין מיטן טרינקען. חוץ דעם: ניקאָלאַ דאַרף דאָך אודאי זיך שוין גיין לייגן שלאָפֿן. ער דאַרף דאָך אויפֿשטיין מאָרגן גאָר פֿרי, ווען עס איז נאָך פֿינצטערלעך אינדרויסן — פֿאָרן נייעם טאָג אַרבעט.

נאָר גאָלד באַמערקט ווי ניקאָלאַ האָט עפּעס גאָר קיין חשק נישט צו גיין שלאָפֿן. זיין פּנים איז פֿריש און זיינע אויגן גלאַנצן פֿייכט, ווי אין אַ פֿרישן פֿרימאָרגן, ערשט ביים אויפֿשטיין. קאַנטיק, טראַכט גאָלד פֿאַר זיך, אַז עפּעס שפּאַרט אים... עפּעס אַ טשיקאַוון „סוד" ווילט זיך אים גאָלדן אַנטדעקן — צי מחמת יונגער באַרימעריי, צי מחמת עלטערן ווייטיק.

אָבער גאָלד האָט אים שוין געזאָגט אַ „גוטע נאַכט". באַלד קלע־טערט ער שוין צוריק אויפֿן שמאָלן לייטערל, וואָס פֿירט אויף אַ העכערער דעק.

נאָר מיטאַמאָל שטעלט ער זיך אָפּ אינמיטן פֿון אַ טראָט. ער כאַפּט זיך אָן אין אַ פּאַרענטש. אַ ווינט האָט דאָ מיט־אַמאָל אַ בלאָז געטאָן. זיך אויפֿגעכאַפּט אין מיטן־נאַכט אין מיטן־אָקעאַן. מיט דערשטוינונג פֿאַרוואַרפֿט גאָלד זיין קאָפּ אויף צוריק און ציטערט אַז אָט־אָט און זיין קעפּי וועט ביי אים אַרונטערפֿליען.

מיט דערשטוינונג הערט ער זיך צו צו די ווערטער, וועלכע דער אויפגעוואכטער ווינט ברענגט אים צעטראָגן פון דער אונטערשטער דעק:

— איך זאָג... מר. גאָלד... אַ פּאָר תפילין... האַ? אפשר האָט איר ביי זיך אויף צו אַנטלייען מיר אַ פּאָר תפילין? מאָרגן ביי מיר יאָרצייט... האַ?

גאָלד אָבער איז שוין באַלד ווידער געווען אויף זיין צוריקוועג, דורך דער סאַלאָן־דעק, דורך דער פּאַרמאַכטער ווערענדע־דעק, העכער־צו, צו דער „שיף־דעק". פונדאַנען האָט ער ערשט געדאַרפט צוריק אָנהויבן אַרונטערצוקלעטערן אַרונטער־צו, צום באַר.

זיין וועג האָט אים געפירט צווישן שטריק, איבער זיילן, צווישן קוימענס. ער איז געגאַנגען איצט שוין נישט אַזוי פלינק און אַזוי גיך און געשיקט ווי פריער. וואָלקנס־ליילעכער האָבן אָנגעהויבן מיטאַמאָל זיך אַרויפרוקן אויפן אויסגעשטערנטן הימל און ס'איז ממש מיט יע־דער מינוט געוואָרן טונקעלער. פון די שטייגן אויפן דעק פון טור־ריסטן־אָפּטייל, וואו ס'האָבן זיך אויפגעהאַלטן די הינט, האָט זיך גאָלדן נאָכגעטראָגן אַ פאַרצויגן און אומעטיק און איינזאַם וואָיען איבערן אָקעאַן. פון די געגראַטעטע קאַסטנס און שאַפעס אויפן „שיף־דעק", וואו ס'האָבן זיך געפונען דאָס פי און די עופות, וואָס האָבן הכנעה־דיק געוואַרט אויף זייער שעה געקוילעט צו ווערן פאַרן ריזיקן מאָגן פון די פּאַסאַזשירן פון דער שיף „אַגאַמעמנאָן", — ס'האָט זיך גע־טראָגן פון דאָרט איצט, אינמיטן נאַכט און אָקעאַן, אַ מעקען פון קעלבלעך, אַ קינדעריש בלעקערצן פון שוואַרצע געקרייזלטע שעפּסלעך, אַ דערשראָקן קודאַכטשן פון הינער.

ס'איז געוואָרן אַלץ ווינטיקער. גאָלד איז געגאַנגען מיטן קאָפּ עקשנותדיק אָנגעבויגן פאָראויס, איינגעשפּאַרט, קעמפנדיק מיטן ווינט, וואָס האָט אים אויף דער לייזיקער דעק געבלאָזן אַנטקעגן און גע־שפּאַרט אויף צוריק. ער האָט דעריבער נישט געקאָנט זען, וואָס ס'איז פאָרגעקומען הינטער אים. און פאָרגעקומען הינטער אים איז אָט וואָס:

ניקאָלאַ הויבט זיך פלינק אויף אויף די זעלביקע טרעפּלעך, אויף וועלכע גאָלד איז אָקאָרשט אַרויפגעקלעטערט. עס קוקט דעריבער אויס, ווי ער וואָלט זיך געלאָזט לויפן נאָך גאָלדן אויף די העכערע דעקן, — ער וויל אים כאַפּן. אָבער — עס קוקט בלויז אויס אַזוי.

אין דער אמתן טויכט ער באַלד, גיך און פלינק, אריין אין איינער א טיר פון דער סאַלאָן-דעק, וועלכע ווערט נישט באַנוצט פון פּאַסאַזשירן. ער קוקט זיך דערביי פאָרזיכטיק אַרום, אויף רעכטס און לינקס. ער נידערט אַרונטער, שטיל און פאָרזיכטיק און אויף שפּיץ־פינגער, דורך אַ גרויסן, פוסטן און ליכטיקן געדרייטן טרעפּ־גאַנג, ביז ער דערזעט זיך אינם לאַנגן, לאַנגן קאָרידאָר פון די קאַבינעס פונם דעק „איי".

דאָ איז אַלץ אַזוי שפּאָגל־ניי, אַזוי ווייס געפאַרבט און ציכטיק־עמאַלירט, — ווי אין אַ גרויסן נייאינקן שפּיטאָל. ס'ברענען אַלע עלעקטרישע ליכטער, אַלע עלעקטרישע אָנווייזונגס־שילדן, וואו און וואוהין צו קערן זיך אינם דאָזיקן לאַבירינט פון בלאַנקענדיקע טירן, פּאַסאַזשן און דורכגענגלעך. אָבער דאָ איז איצט קיינער נישטאָ.

עס דרעמלען בלויז אויף טאַבורעטקעס, אין די שמאָלע דורכגאַנגען צו די וואַנע־צימערן און די קלאָזעט־צימערן, די וואַנע־סטיואַרדס. זיי דרעמלען מיט אַ לייכטן, זיך־איבעררייסנדיקן, פערדישן דרעמל. זיי חלומט זיך אַלע ווייל אַ קלונג, אַ ציטערן פון אַ גלעקל ערגעץ פון אַ קאַבינע אַרויס... אָבער קיינער קלינגט איצט נישט און קיינער באַווייזט זיך אין ערגעץ נישט. דאָס רוב פּאַסאַזשירן שלאָפט שוין; בלויז אַ קליינער טייל געפינט זיך נאָך אינדערהויך און שיכורט נאָך און רויכערט און שפּילט אין קאָרטן.

איז אין אַ ווײַלע אַרום ווערט עפּעס איינעם דאָ אַזוי אומהיימלעך: אַזוי פיל ליכטער און אַזוי שטיל און אַזוי בלאַנקענדיק־ווייס — פּונקט ווי דאָס וואָלט איצט געשוואומען איבערן אָקעאַן נישט קיין שיף, נאָר אַ ריזיקער בית־עולם, — אַ שיף מיט מתים...

ניקאָלאַ גייט נאָך אַלץ שטיל און פאָרזיכטיק אויף שפּיץ־פינגער. דער קאָרידאָר איז לאַנג, לאַנג — אַ מײַלן־לאַנגע הייל; אַ ווייסע, אַ שטאַרק־ליכטיקע הייל, וואָס דרעמלט מיט אָן אַ שיעור אָנגעצונדענע ליכטער.

ער קוקט זיך נאָך אַלץ די גאַנצע צייט פאָרזיכטיק אַרום אויף אַלע זייטן, צי קיינער קומט פון ערגעץ נישט אָן. דעמאָלט, נישט אָנקלאַפּנדיק אפילו, עפנט ער פאָרזיכטיק אויף איינע אַ ווייס־עמאַלירטע טיר פון אַ קאַבינע — איינע פון די געציילטע קאַבינעס דע־לוקס פון דער שיף — ער פאַרשווינדט גלייך אין איר, אין דער דאָזיקער טיר.

.2

גאָלד האָט שוין נישט געטראָפן אין באַר די גאַנצע גע־זעלשאַפט זיינע. מען האָט אים דערקלערט, אַז מרס. באַלדאַמעראַ איז נאָך מיט אַ פּופצן מינוט פריער געהאַט אַוועקגעגאַנגען שלאָפן. מרס. בלייק און די איבעריקע הויבן זיך אָן וויצלען פאַר גאָלדן איבער מרס. באַלדאַמעראַן, וואָס שוין עפּעס די צווייטע נאַכט אַזוי, אַז זי פאַרלאָזט אַלעמען אין רעכטן מיטן פאַרברענגען און גייט אַוועק איינע אַליין פרי שלאָפן.

— מסתמא געגעבן דעם מאַן אירן פאַרן אַוועקפאָרן אַ הייליק פאַרשפּרעכן, — נישט צו פאַרברענגען שפּעט ביינאַכט מיט פרעמדע מאַנספאַרשוינען...

— זע נאָר... — מיטאַמאָל אַזאַ פרום ווייבעלע געוואָרן... מוז אומבאַדינגט צו האַלבער נאַכט שוין ליגן אין בעט... שוין די צווייטע נאַכט אַזוי!...

— „פרי זיך ליגן, פרי אויפשטיין, — ווערט אַ מענטש געזונט, רייך און קלוג"...

אַליין האָט זיך מרס. בלייק גלייך אויפגעהויבן פון טישל און זיך געלאָזט טאַנצן מיטן הער באַרדאַש, — ווער ווייסט שוין דעם וויפלטן טאַנץ היינט אויף־דער־נאַכט. הער רייכענטאַל האָט זיך אויך אַוועקגעלאָזט טאַנצן מיט עפּעס אַ נייעם פאַרשוין, וועלכן גאָלד האָט ביי זייער טישל ביז איצט נישט געזען — אַ שוואַרצהנעוודיק ווייבל מיט אַרויפגעקלעפּטע חן־פינטלעך אויפן באַק און אויפן טיף־דעקאָל־טירטן נאַקן; אַ שוואַרצהנעוודיק ווייבל מיט נאָכאַנאַנד־שמייכלענ־דיקע קאַרע אויגן.

דאָס איז געווען — אַזוי האָט אים שוין דער הער רייכענטאַל באַוויזן איינצורוימען אויף גיך אין אויער אַריין — די פרוי פון עפּעס אַ גרויסן שטאָל-מאַגנאַט אין לוקסעמבורג, וועלכע האָט זיך איצט אומגעקערט פון אַ לענגערן באַזוך צו אירע קרובים ערגעץ ווייט אין קאַנאַדע, אין אַ ווילד צפונדיק שטעטעלע, אַרום דעם האַדסאָן-ביי, דוכט זיך.

פון צען אַזייגער אָן, נאָכן קאָנצערט פון קלאַסישער מוזיק אין קאָנצערט־סאַלאָן, ווערט דער אָרקעסטער תיכּף פאַרוואַנדלט אין אַ דזשעז־באַנד. די פידלען און וויאָלאָנטשעלן און די פלייטן ווערן

וועקגעוואָרפֿן; אויף זייער אָרט באַווייזן זיך אין די זעלביקע קלעזמערישע הענט באַנדזשאָס און סאַקסאָפֿאָנען און טראָמבאָנען און אַנדערע טשיקאַווע דזשעזישע קלאַפּערגעצייג. די מוזיקאַנטן קלייבן זיך אַריבער אין רויכער־סאַלאָן און אין באַר אַריין; אַהער קלייבט זיך אויך אַריבער דער הוליענדיקער עולם.

אויף טישלעך שטייען עמערלעך באַדעקטע מיט פּראַסטיקן טוי. זיי זיינען אָנגעפּילט מיט צעהאַקטן אייז, אין וועלכן עס שטעקן פֿלעשער פֿון געפּרווירענעם שאַמפּאַניער, אויף העכער העלפֿט שוין אויסגעליידיקטע.

דער רויך איז דאָ געדיכט. פֿאַרלעך און קלענערע קאָמפּאַניעס; הערן אין סמאָקינגס, מיט פרישע בלומען אין די לאַצן; דאַמען אין גרויסאַרטיקע אָוונט־בגדים, אין טיפֿן דעקאָלט, באַפּוצטע, באַהאַנגענע מיט בראָשן, מיט שנירלעך פּערל און דימענטן, — זיי זעען זיך קוים אַרויס פֿון דער אָנגערויכערטער געדיכטעניש, ווי פֿלעקן־געשטאַלטן: קעפּ בלויז... נאַקעטע אָרעמס... גלאַנציקע פּליצעס...

מען טרינקט אָן אַ שיעור. דורשטיקע און אויסגעהונגערטע נאָך אַ טראָפּן שאַרפֿן געטראַנק האָבן זיך שטאַרק־פֿרומע און שטאַרק־קאָנסערוואַטיווע אַמעריקאַנער צוגעכאַפּט צו פֿראַנצויזישע אַפּעריטיוון, מיט אַזעלכע קאָמפּליצירטע און מיסטעריעזע נעמען; צו זעלטענע ליקערן, צו שטאַרקע קאָניאַקן, צו אַלטע ראָמען, צו ענגלישע און שאָטלענדישע וויסקיס און ברענדים... אַלע, אַלע האָבן זיך צוגעכאַפּט צום טרינקען, ווי צו עפּעס אַ גרויסער מצוה, ווי צו אַ וויכטיקן ריטואַל: ביי די טישלעך זיינען דאָ געווען אפֿילו זעכציקיעריקע פֿרויען, אַפֿילו פּופּצניאָריקע אינגלעך, וועלכע באַבעס האָבן מיטגענומען — צוליב דער אויסערגעוויינלעכער מצוה.

גאָלד באַמערקט:

די צוויי טענצערינס פֿון „פֿאָלי בערזשער", וועלכע קערן זיך איצט אום פֿון ניו־יאָרק נאָך זייער באַרימטן אויפֿטריט אין דער רעוויע פֿון שובערטס „ווינטער־גאַרטן" — שלאַנקינקע, האַלב־נאַקעטע מיידלעך אין קורצינקע קליידלעך, דורכאויס אויסגעהאַפֿטן פֿון פֿאַלשן פּערל־מוטער, פֿון זילבערנע פֿליטערלעך און פּערל־שופּן, — זיי טאַנצן איצט אויף פֿלייסיק, ווי יעדן פֿריערדיקן אָוונט. זיי טאַנצן נאָכאַנאַנד, יעדן נומער, שווייגנדיק און אָן אַ וואָרט און עפּעס צו־פֿרום אַזוי. זיי טאַנצן כמעט תמיד בלויז מיט די געהיימניספֿולע קאַוואַליערן, וועלכע באַ־

גליטן זיי אויף דער רייזע. זייערע פאַנטאַסטישע קליידלעך פאָלן, דאַכט זיך, אַטראַט אַרונטער פון די זיידענע בענדלעך איבער די נאַקעטע שמאָלע אַקסלען, אויף וועלכע זיי זיינען אָנגעטשעפּעט. און גאָלדן דאַכט זיך: דאָס טאַנצן זיי דאָ, די דאַזיקע פּאָרלעך, אַזוי פרום און ליטויש, מעת־לעתן גאַנצע, שוין פון לאַנג, לאַנג — נאָך פון נעכטן ביינאַכט אָן, פון אייערנעכטן נאָך און אייער־אייער־נעכטן...

און די באַנדזשאָ צימבלט, און דער סאַקסאָפאָן בלאָזט אויף זיין גראָב־אויפרייצנדיקן שטייגער, און דער טראָמבאָן שאַלט און טרייסלט זיך אַזש פון שטיקנדיקן געלעכטער, און די קעסל־פּויק קלאַפּט, קלאַפּט, קלאַפּט...

I want to be happy,
But I can't be happy
Unless I make you happy too.[16]

.3

אַז גאָלדן ווערט ענדלעך שווער פון דעם געדיכטן לעבעדיקן רויך און פון דעם אַרומיקן גרילצנדיקן טומל, שפּאַרט ער זיך צו מיטן הייסן שטערן אָן דער שויב פון אַ פענצטער.

די שויב שוויצט שטאַרק, עס רינען איבער איר אַרונטער נאָכאַנאַנד ריטשקעלעך, — ווי זי וואָלט איבער עפּעס שטיל געוויינט, די שויב. אַז גאָלד ווישט אָפּ מיט אַ טיכל אַ שטיקל פון דער שויב, דורך וועלכן ער וויל אַרויסקוקן אין נאַכטיקן דרויסן, דוכט זיך דעריבער: דאָס ווישט ער אַרונטער די טרערן פון דער שויב מיט מילדער טרייסטנדיקער האַנט.

אָבער דורכן אָפּגערייניקטן שטיקל שויב זעט איצט גאָלד בלויז:

— אַ שטאָק־פינצטערע נאַכט, אַ קלעפּיקע טונקלקייט... מער נישט: אויפן וויטן זוים פון אָט דער קלעפּיקער טונקלקייט זעט זיך אים אַ צווייטע שיף, אַן אָפּגעשפּיגלטע — רייען פון יום־טובדיקבאַלויכטענע פענצטער; אַסך שורות פון גאָלדענע קוואַדראַטן און רונדן; באַל־פּאָרלעך, וואָס וויקלען זיך דאָרט נאָכאַנאַנד אין טאַנץ־געווירבל — דאָרט, אינם געשפּענסט־שיף, איבערן וויטן זוים פון אָקעאַן, פּונקט ווי דאָ.

אָבער אַז ער קוקט זיך איין נאָך טיפער און שאַרפער אין דער דרויסנדיקער טונקלקייט און זיין אויג ווערט צו איר צוגעוואוינט, פאַרשווינדט באַלד אַט יענע ווייטע שיף; עס זעען זיך שוין דעמאָלט אויפן אָקעאַן מער נישט ווי בערגלעך ווייסן שוים, — שוים וואָס עס שלאָגן אויף די נאָכאַנאַנד זיך־שטויסנדיקע כוואַליעס.

און הינטער גאָלדן האָט די קעסל־פויק געקלאַפּט, געקלאַפּט נאָכאַנאַנד... געקלאַפּט טויב אַזוי, אויסגעהוילט און וואָרנענדיק. ווי וואָרנענדיק פאַר אַ ווייטער שׂרפה, פאַר אַן אָנקומענדיקער פּלאָג, פאַר אַ נאָענטער שטראָף, — אַ וועלט־שׂרפה, אַ פאַרדינטע פּלאָג און אַ מוראַדיקע שטראָף, וועלכע זיינען נאָך אפשר דערווייל ווייט פון־דאַנעט, אָבער וועמעס אָנקום איז דערפאַר זיכער, זייער זיכער, אָן אַ שיעור זיכער — פּויק, קעסל־פּויק, פּויק!

.4

דער אָקעאַן ווערט אַלץ אומרואיקער, שטורמישער.

ווייל עס איז ווינטער־צייט און ס'איז נישטאָ וואָס מורא צו האָבן פאַר שווימענדיקע אייז־בערג, נעמט איצט די שיף אַ מער צפונ־דיקן וועג, ווי אויף זומערדיקע מאַרשרוטן.

מיט יעדער שעה, וואָס די שיף רוקט זיך נעענטער און נעענטער אויף איר וועג צו מזרח צו, צום מזרחדיקן האַלב־קוגל, קאַראַפּקעט זי זיך אויך אַלץ העכער, העכער אויף די גראַדן פון דעם ליטער פון דער צפונדיקער ברייט. היינט, אויפן זעקסטן טאָג פון איר רייזע, האָט שוין די „אַגאַמעמנאָן" דערגרייכט 50:28 צפונדיקער ברייט.

אַזוי האָבן זיך עס די פּאַסאַזשירן דערוואוסט היינט, מיטאָג־צייט, פון דער גראַפישער קאַרטע, וואָס איז געהאָנגען אונטער אַ גלאָז־צודעק אויף דער אויבערשטער קאָרידאָר־פּלאַטפאָרם, נישט ווייט פונם ליפט.

דאָ האָבן זיך אַט יענע פּאַסאַזשירן, וועלכע האָבן געוואָלט וויסן „וואו זיי האַלטן אין דער וועלט", זיך אויך געקאָנט דערוויסן פון דער אויפשריפט מיט רויטער טינט וועגן דעם צושטאַנד פונם אָקעאַן פאַרן פאַרגאַנגענעם מעת־לעת: „צפון־מזרחדיקער ווינט; ים אומ־רואיק". אָבער דאָס איז געווען נישט נויטיק: זיי האָבן עס אַליין אויך גוט געפילט די גאַנצע צייט, די פּאַסאַזשירן...

די „אַגאַמעמנאָן" האָט זיך די לעצטע אַנדערטהאַלבן מעת־לעת אַסך טיפער און קרעכצנדיקער געקאַטשעט פון זייט אויף זייט, ווי ביז איצט. אַרונטערמאַרשירנדיק איצט פייערלעך איבער די פּאַראַדנע טרעפּ צום עס־סאַלאָן האָבן זיך פּאַסאַזשירן געדאַרפט אָנהאַלטן אָן פּאָלירטע פּאַרענטשן, אָן באַגילדטע באַליוסטראַדן. ס'האָט געוואָרפן פון זייט אויף זייט, ס'האָט ווי געטאָן דער קאָפּ און ס'האָט שטאַרק גענודיעט אונטערן לעפעלע.

אונטן, אין עס־סאַלאָן, האָבן ביי אַ צאָל טישן שוין געפעלט איי־ניקע פּאַסאַזשירן. ס'איז שוין דאָ געווען שיטערלעך. די אָבער, וועל־כע זיינען יאָ געקומען צום עסן, זיינען געווען פריילעך ווי תמיד — אפשר נאָך פריילעכער. ס'האָט זיך געוואָלט פאַרשטיקן אין זיך די אַנוואַקסנדיקע מורא, די אומרואיקייט, דאָס דערמאָנען זיך אָן די סיבות, וואָס האָבן אָפּגעהאַלטן די אָפּוועזנדיקע פּאַסאַזשירן פון צו קומען אַהער. דאָס געשפּרעך ביי די טישן איז דעריבער געווען איצט גאָר שטאַרק באַלעבט, נאָך טומלדיקער ווי תמיד.

מען האָט זיך איבערגעגעבן איינער דעם צווייטן נייעס פון די וואָלן ערגעץ אין אַ אייראָפּייאישן פּאַרלאַמענט, פון אַ נייעם מיניס־טאָרן־קריזיס אין פראַנקרייך, פונם גרויסן דערפאָלג פונם דאָוועס־פּלאַן פאַר דייטשלאַנד.

— אָ, — האָט זיך אָפּגערופן איינער אַן עלטערער הער, מיט געדיכטע גלאַנציקע זילבערנע האָר אויפן קאָפּ און ריזיקע גזלנישע וואָנסן אויפן רויטן אויסגעפּאַשעטן פּנים — אָ... גלויבט איר נישט, אַז דאָס וועט ענדלעך אַריינברענגען דייטשלאַנד אינם שוים פון די ציוויליזירטע אייראָפּייאישע פעלקער און מדינות?...

— אך . . . — האָט אים מיט אידעלער באַגייסטערונג אויף דעם געענטפערט אַ יונגערער הער, מיט קליינע פאַרשפּיצטע וואָנסעלעך און מיט אַ פעסט־צוגעקלעפּטן מאָנאָקל אין לינקן אויג — אך . . . סאַראַ הומאַניטאַרע אומאייננוצלעכע רעגירונג עם פּאַרמאָגט דאָס אייער וואונדערלעך לאַנד! אַ גליקלעך לאַנד די פּאַראייניקטע שטאַטן!

כאָטש ביים דאַזיקן יונגן און הויכן ענגלענדער אינם ליכטיק־גרויען קאָסטיום האָבן „דוכט זיך, וויציק אַזוי בשעת־מעשה אַ בליץ געטאָן די אויגן, דאָך וואָלט אים דער ערשטער פּאַסאַזשיר אין אָפּ־שפּאָסן נישט געקאָנט אַזוי גרינג באַשולדיקן: זיין פּנים איז דערביי געבליבן זייער ערנסט און פול מיט רעספּעקט צו אים. איבעריקנס, איז

דער עלטערער הער באַלד פאַרכאַפּט געוואָרן אין אַן אַנדער געשפּרעך, אין איינעם פון די פילע און פאַרשיידנאַרטיקע שמועסן, וועלכע האָבן זיך געדרייט אַרום אים אינם עס־זאַל ווי קליינע וואַסערלעך און שטרע־מעלעך.

מען האָט זיך שוין גלייכגילטיק און מיט רואיקן טאָן דערציילט וועגן עפּעס אַ נייעם מיליטערישן בונט און אַ שפּאָגל־נייעם דיקטאַטאָר אין איינער אַ מלוכה פונם פּירענעאישן האַלב־אינזל. אָבער דאָס דאָזי־קע נייעס האָט נישט אַרויסגערופן קיינע פּירושים און קאָמענטאַרן: קיינער פון די אָנוועזנדיקע ביי די טישן האָט נישט געהאַט קיין שום שייכות צו אָט יענעם לאַנד, קיינער האָט נישט געהאַט קיין געשעפטס-אינטערעסן דאָרט, קיינע אַקציעס, קיינע שערס...

דערפאַר אָבער, ווען איינער אַ פּאַסאַזשיר ביי אַ נאָענט טישל — נאָך דעם ווי מען האָט אים דערלאַנגט דעם דעסערט פון גאַטאָ דאַם-בלאַנש און דעם דעמי־טאַס — האָט איבערגעגעבן דעם אינ־האַלט פון אַ פרישער ראַדיאָגראַמע וועגן אַ נייעם „בונט" אין דער רויטער אַרמיי אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, האָבן דאָס רוב פּאַסאַזשירן זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט. מען האָט אָנגעשפּיצט די אויערן.

פון דעם־אָ, פונם בונט אין דער רויטער אַרמיי, איז דער געשפּרעך שוין גרינג איבערגעגאַנגען אויף די באַריכטן וועגן די נייע פראַנ־צויזיש־סאָוועטישע אונטערהאַנדלונגען מכח אָנערקענען די רעכט פון די פראַנצויזישע אייגנטימער און אַקציע־האַלטער אויף די נאַציאָנאַ־ליזירטע פאַבריקן און זאַוואָדן.

דער אַלטער הער מיט די גלאַנציק־זילבערנע האָר און פריש־גערויטלטן פּנים, דער זעלביקער, וואָס האָט מיט אַ ווײַלע צוריק שטאַרק געלויבט די נאָבלקייט פון דעם דאָועס־פּלאַן פאַר דײַטשלאַנד, האָט זיך איינגעשטעלט צו זאָגן, אַז עס איז שוין צייט די יו. עס. אײ17) זאָלן אויך אָנערקענען די סאָוועטן־מאַכט.

— אַז נישט, וועלן אַנדערע, ווייניקער געוויסנהאַפטיקע פעלקער, — האָט ער אַ באַדייטנדיקן בליק געגעבן אין דער ריכטונג פון זיין וויז־אַ־ווי, דעם יונגן ענגלענדער מיטן פעסט-איינגעקלאַמערטן מאָ־נאָקל אין לינקן אויג — אַז נישט וועלן אַנדערע פאַרכאַפּן דעם גאַנצן מאַרק פון דער דאָזיקער ריזיקער, אומגעלומפּערטער און שטיין־רייכער באַלשעוויסטישער בערן-מדינה...

דער עלטערער הער האָט זיך פאַרזיכטיק און מיט ציטערדיק־קלאַפנדיקן האַרץ אַרומגעקוקט אויף די נאָענטע טישלעך: ער האָט געוואָלט זען, צי מען פאַרדעכטיקט אים נישט, חס־ושלום, אין קאָמוניסטישע אינטריגעס. זיין שרעק האָט זיך אָבער באַלד איינגעשטילט, ווען קיינער ביי די נאָענטע טישן האָט אים וועגן דעם קיין שום פאָרוואורף נישט געמאַכט, קיין שום באַמערקונג. עס האָט זיך, פאַרקערט, באַלד אַרום אים אַנטוויקלט זייער אַ פאַראינטערעסירטער שמועס וועגן די פרייזן פון אַמעריקאַנישן ווייץ, וואָס זיינען היינטיקס יאָר געפאַלן, ווי אַ רעזולטאַט פונם באַנייטן גרויסן עקספּאָרט פונם רוסישן ווייץ קיין אויסלאַנד.

מען האָט מיט אויפגעגלאַנצטע אויגן און רויטלעך־פלאַמענדיקע בעקלעך זיך דערציילט איינער דעם צווייטן, ווי אַ קאָמפּענסאַציע, וועגן דעם, אַז פרייזן אויף דרום־אַמעריקאַנישן באַנוול וועלן דערפאַר היי־יאָר זיכער שטייגן.

— אין סאָוועטישן טורקעסטאַן האָט די באַנוול־גערעטעניש היינטיקס יאָר באַטראָפן כמעט נול...

און מען האָט באַלד פאַררויכערט דיקע, שמעקעדיקע ציגאַרן; אונטערגעטראָגן דזשענטעלמעניש איינער דעם צווייטן דאָס פלעמל פון אַ שוועבעלע.

מר. באַרדאַש און מר. רייכענטאַל האָבן זיך באַזונדערס שטאַרק געקאָכט און געהיצט בשעת דעם לעצטן שמועס. דעם שמועס וועגן פאַלן פון פרייזן אויף אַמעריקאַנישן ווייץ.

עוזיאל גאָלד האָט אין די געשפּרעכן קיין אָנטייל נישט גענומען. אים האָט זיך די גאַנצע צייט פון די דאָזיקע וויכטיקע שמועסן ביים מיטאָג־עסן אַלץ אויסגעדוכט: ער האָט שוין דאָך די אַלע פריישינקע ידיעות געלייענט, דוכט זיך, לאַנג צוריק, געלייענט מיט אַ וואָך צוריק, מיט אַ חודש און אפשר טאָקע מיט אַ גאַנץ יאָר צוריק... ווייל זאָל עס זיין, אַז ער האָט דאָס אַלץ בסך־הכל איבערגעלייענט ערשט היינט אינדערפרי, ווען זיין סטיוואַרד האָט צוזאַמען מיטן פרישטיק, וועלכן עוזיאל גאָלד האָט ליב געהאַט נעמען אין בעט נאָך, אויך אַריינגעבראַכט דעם פרישינקן פרימאָרגן־נומער פון „אַגאַמעמנאָן"?

.5

ביטאָג איז אומדערוואַרט אַרונטערגעפאַלן אַ קליין רעגנדל. און גלייך נאָך אים, נאָך מער אומדערוואַרט, איז אַרויסגעשטיגן אַ זון פון צווישן פאַנאַנדערגעפליקטע וואָלקנס, פון וואָלקנס מיט אַן אויסזען פון אָדלערס מיט ברייט־פאַרוואָרפענע טאָפּל־קעפּ. די זון האָט געצונדן בלויע, גאָלדענע און רויטע טראָפּנס אויף פאַרענטשעס, אויף מעטאַלענע שטאַנגען, אויף מעטאַלענע שטאַבן, אויף אויפגעשוואָלענע נאַסע שטריק. עס איז געווען באמת אַן אומדערוואַרטע ברכה פון גאָט, אַז די זון און רעגן אינמיטן ווינטער. עס האָט מענטשן אין איין מינוט אינגער געמאַכט אויף גאַנצע צענדליק יאָר.

די צוויי טשעכאָסלאָוואַקן אין זייער געווינקלעכן ווינקל אויפן שיף־דעק, — אין וואַרעמער הנאה פון זאַטן מיטאָג, פון זון נאָך אַ רעגן, פון די פּאָר גלעזלעך ליקער, וואָס זיי האָבן שוין באַוויזן אַריינצעוואַרפן אין גאָרגל אַריין אונטן אין באַר — זיי האָבן גאָלדן, ווען ער איז אין אַ ווײַלע אַרום צוגעקומען צום הײמישן ווינקל זייערן, מכבד געווען מיט אַ אידיש לידל: אַ לידל וואָס זיי האָבן מסתמא אַרונטערגעקראַצט ערגעץ פונם סאַמע דנאָ פון זייערע ווייט־פאַרשוואונדענע קינדער־יאָרן.

אַ זון מיט אַ רעגן,
די כלה איז געלעגן,
דער חתן איז געקומען,
האָט זי אַרומגענומען...

נאָך מיטאָג קומט פאָר אין שמועס־סאַלאָן אַ ברידזש־טורנאַמענט18). דאָס לוקסעמבורגער שוואַרצחנעוודיק ווייבל, דער נייער מיט־גליד פון דער גרופּע, קומט באַלד צולויפן אַ צעפלאַמטע און אַ פאַר־רויטלטע.

— זי איז אַרוים די זיגערין אינם טורנאַמענט! זי האָט געשלאָגן אַלעמען, אפילו די געניטסטע מאַנסבילשע קאָרטן־שפּילער!

זי האָט געוואונען אַ פּרייז. נאָר די פּרייזן וועט מען ערשט אויס־טיילן מאָרגן אָוונט ביים גרויסן וואוילטעטיקן יום־טוב און מאַסקאַ־ראַדן־באַל, וואָס ווערט איינגעאָרדנט לכבוד ניי־יאָר. זי וויל טאַקע וויסן, וואו ס'געפינען זיך איצט מרס. באַלדאַמעראַ און מרס. בלייק.

זי וויל זיך צוזאַמען מיט זיי באַראַטן וועגן די קאָסטיומען אויף מאָרגנדיקן באַל.

— וועלן מיר דאָס מאָרגן אָוונט אַ הוליעטאַן, דזשענטלמען, ווי?

נאָר מרס. באַלדאַמעראַ און מרס. בלייק געפינען זיך איצט, ווי תמיד אין אָט דער צייט, אין קינאָ-זאַל. זיי קוקן זיך דאָרט צו מיט פאַרטרערטע אויגן צו אַ רירנדיק בילד „די יתומימלעך", אין וועלכן עס שפּילן די צוויי שוועסטער גיש. אַז זיי גייען אַרויס צום סוף סעאַנס פון קינאָ-זאַל, טוט זיי אַביסל וויי דער קאָפּ, און ס'איז זיי מוטנע פאַר די אויגן, ווי ווען מען גייט אַרויס אין אַ ליכטיקן דרויסן אַרויס פון אַ בייטאָגיקער טעאַטער-פאָרשטעלונג אין שטאָט. דאָס לוקסעמבורגער ווייבל כאַפּט זיך מיט זיי אַרום, ווי מיט שוין לאַנגאָניקע פריינט, ווי מיט פריינט פון דער קינדהייט. און אַרום און אַרום זיי שטויסט זיך דער פויל-יום-טובדיקער עולם, גענעצט און ווישט זיך אויס די גענעץ-טרערן. מען פרעגט איצט איינער דעם צווייטן די זעלביקע פראַגע, וואָס אין שטאָט, ווען מען גייט אַרויס פון אַ טעאַטער-פאָרשטעלונג.

— נו, וואָס הערט זיך עפּעס אין גאַס, האַ? פיין וועטער, וואָס?

6.

אין אָוונט שטעלט מיט זיך פאָר דער אָקעאַן עפּעס גאָר וואונדערלעכס:

דער הימל ווערט אָפּגערייניקט פון די וואָלקנס אויף אַ לעצטער האַלבער שעה, און עס פאַרגייט אַ רויטע און שוין באַצייטנס אַ יום-טובדיקע זון — אַ זון אומגעווייגלעך גרויס און קיילעכדיק; אַ זון אין קלאָרן פלאַמענדיקן רעליעף.

ווען די מענטשן אויף דער שיף „אַגאַמעמנאָן" וואָלטן געוואָרפן איצט אַ בליק אויפן וואַסער, וואָלטן זיי געזען: דער אָקעאַן איז איצט אי רויט, אי פורפורדיק, אי רויזיק... עס האָט איצט אַ קאָליר פאַר וועלכן עס איז, דוכט זיך, גאָר קיין נאָמען נישטאָ אין דער מענטשלעכער שפּראַך. עוזיאל גאָלדן, אַשטייגער, האָט זיך אויסגעדרוקט: דאָס וואַסער פון אָקעאַן אין אָט די מינוטן האָט דעם קאָליר פון אַ ריזיקן טויזנט-מייליקן שטח פון פרישן פסחדיקן בוריקעס-ראָסל.

אָבער די פּאַסאַזשירן פון דער „אַגאַמעמנאָן" פּאַלט גאָר נישט איין אַפּילו אַ קוק צו טאָן איצט אויפן אָקעאַן. זיי זיינען איצט שטאַרק פאַרנומען: זיי שמייען אַרום ביי דער ראַדיאָ־ביוראָ און שטעלן צונויף ראַדיאָגראַמען אַהיים — ניי־יאָר באַגריסונגען צו איבערגעבליבענע משפּחות אין ניו יאָרק, אין די ווייטסטע שטעט פון אַמעריקע. איינער שטעלט אָפּ דעם צווייטן מיט אַ פריינטלעכער אָבער פוילער און גלייכ־גילטיקער מינע:

— אָ... זאָגט נאָר, איך בעט אייך... מיט וועלכע שיפן זיינען מיר איצט פאַרבונדן, האַ? מיט—ע?...

— אָ, שוין מיט דער יבשה אויך? מיט שאָטלאַנד, זאָגט איר? אַזוי... פיין, פיין.

— דער ראַדיאָ־מאַשיניסט פאַרזיכערט: מאָרגן וועט שוין זיין אַ פאַרבינדונג מיטן קאָנטינענט. מיט דער ראַדיאָ־סטאַנציע אין אויעטאָן, אין פראַנקרייך...

— אַזוי? טסאַ... טסאַ... טסאַ...

אָבער קיינער פון אָט די מענער און פרויען פילט נישט קיין שום ציטער ביים דאָזיקן וואונדער — דעם וואונדער פון פשוטע מענטשלעכע רייד, וואָס טראָגן זיך איבער דער ווייטער וויסטעניש פון טויזנט־מייליקע וואַסערן. ס'איז אויך נישט צום באַמערקן, אַז די דאָזיקע קאַלטע און הערשערישע פּנימער זאָלן אַפילו אויף גע־ציילטע מינוטן באַלויכטן ווערן מיט דערמאָנונג פון ווייטער היים, פון אָנקומענדיקן יום־טוב. אַ זאַטקייט און אַן אָפּגעפּרעסענע טעמפּ־קייט פאַרווישט די שאַרפקייט און אויסדרוקס־פולקייט פון באַזונדערע פּינמער. אַלע — איינער; ס'איז איצט אויף דער שיף בלויז דאָ איין רויט־אָפּגעפּרעסענע באַשעפעניש מיט איין זיך־לאַנגווייליקן פּנים; עס איז, דוכט זיך, קאַלט און גלייכגילטיק, דאָס דאָזיקע באַ־שעפעניש, נישט נאָר צו מענטשלעכע ליידן, נאָר אויך צו געוויינלעכע מענטשלעכע פריידן; עס איז אים מוראַדיק לאַנגווייליק און עס ווייסט, נעבעך, נישט ווי אַרויסצוראַטעווען זיך פון אָט דער לאַנג־ווייליקייט.

אָבער דאָס זעלביקע טעמפּע און פוילע פּנים (אַלע פּנימער — איינס) ווערט פונדעסטוועגן אין עטלעכע מינוט אַרום פאַרט אָנגע־צונדן מיט נייגיריקייט, ווערט פאַרט אויפגעלויכטן... עס קלעפּט זיך באַלד צו מיט הונגער און נייגיר צו די אַרומיקע פוילע ביולע־

טענען, וואָס נישט ווייט פון דער ראַדיאָ-ביוראָ. דאָרט זיינען אָפּ־געדרוקט ראַדיאָ־באַריכטן פון די נעכטיקע שלום־פּרייזן אויף די בער־זעס פון גאָר דער וועלט, — די שלום-פּרייזן אויף ווייץ און אויף קופּער, אויף באַנוול און אויף צוקער, אויף קאַווע און אויף שטאָל. מען לייענט מיט האַרץ־קלאַפּעניש וועגן דעם, אַז די אַקציעס פון דער באַלדווין־לאָקאָמאָטיוו געזעלשאַפט זיינען נעכטן ווערט געווען 124; פון דער יונייטעד־סטייטס שטאָל־קאָרפּאָראַציע — 134 און אַ האַלב; פון דער ראַדיאָ־קאָרפּאָראַציע — 58. מען טוט אָן שפּאַקולן, פּענסנעס און מאָנאָקלען און מען שלעפּט זיך פּאָרזיכטיק דורך לאַנגע־לאַנגע עמודים מיט אומפּאַרשטענדלעכע טויטע ציפערן, וואָס קוקן אויס ווי ספּעציעל־אויסגעשטעלט פאַר מאַטעמאַטישע שול־אויפ־גאַבן. און מען ווייסט ענדלעך נישט, מיט וואָס פאַר אַ געפילן אויפ־צונעמען דעם באַריכט פון דעם נעכטיקן אַקציעס־צושטאַנד אויף וואָל-סטריט:

„גאַנץ פרי אין טאָג זיינען די פּרייזן געשטיגן, אָבער שפּעטער האָבן זיי געליטן אַ צוריקשטויס, וואָס עס האָט זיי איבערגעלאָזט אויף אַ גאַנץ נידעריקן פּונקט, „כאָטש פונדעסטוועגן אויף אַ העכערן ווי בעת די נעכטיקע פּרייזן"...

אָבער מען ווערט סוף־כל־סוף באַרואיקט, ווען מען דערוויסט זיך:

— דער דאָלער און דער פונט האָבן זיך אַ הויב געטאָן נעכטן כמעט אויף אַלע געלט־מאַרקן און קעגן אַלע וואַליוטעס פון דער וועלט...

.7

און אין אָוונט זיצט מען ווידער אין געדיכט־אָנגערויכערטן באַר.

אינם גרויסן קאַמין פלאַקערן היפּשע קלעצער־האָלץ. די באַ־לויכטונג איז אין באַר אַ שטילע, אַ געמיטלעכע, די רייען לאָמפּן ביי די זוימען פון דער סטעליע זעט מען נישט; זיי זיינען קונציק פאַרהוילן. מען זעט בלויז, ווי עס שטראָמט פון דאָרט נאָכאַנאַנד אַ ליכטיקייט. און עס דוכט זיך: די ליכטיקייט קומט גאָר נישט פון לאָמפּן, נאָר זי פלייצט דאָרט אין אַזעלכע רערן — אָט פּונקט ווי עס פלייצט אין רערן וואַרעמקייט, פּונקט ווי עס פלייצט וואַסער.

ביים טישל, ביי גלעזלעך שטאַרקן ראָם, רעדט מען אַלץ וועגן דעם מאָרגנדיקן באַל. אויך היינטיקס מאָל הויבט זיך באַלד מרס. באַלדאַמעראַ אויף פון איר פּלאַץ פריער פאַר אַלעמען — היינט אפילו נאָך פריער ווי די לעצטע פּאָר נעכט. ס'איז ערשט אַרום עלף אזייגער, נאָר זי אַנטשולדיקט זיך מיט אַ זיסן, מידן שמייכל פון אירע פולע ליפּן — אַ שמייכל, וואָס באַווייזט די מידקייט נישט נאָר פון אירע ליכטיק-קאַלטע אויגן, נאָר אויך די מידקייט פון איר גאַנצן בלאַנדן געזיכט.

זי ציט זיך אויס אַזוי פאַרשלאָפן מיט די פול-לייביקע איברים פון איר הויכן און זאַטן גוף:

— אַך! זי איז אַזוי מיד פון אַ גאַנצן טאָג אַרומלויפן... זי וויל זיך צולייגן היינט אַביסל פריער.

חוץ דעם:

ס'האָט איר עפּעס היינט אַ גאַנצן טאָג גענודיעט אַזוי אונטערן האַרצן... איר דוכט: אַז זי וועט זיך לייגן אין בעט, וועט זי זיך פילן בעסער.

אַז זי גייט אַוועק פון באַר, הויבן זיך ווידער אָן שיטן אויף איר חשבון וויציקע קאָמענטאַרן און צווייזייטיקע באַמערקונגען. גאָלד הערט זיך צו דעם אַלעם צו מיט אַ האַלבן אויער. ער זוכט אויך די ערשטע געלעגנהייט אויף אַוועקצוגיין. ער וויל שוין וואָס־גיכער זען דעם יונגן ניקאָלאַ — ער וואונדערט זיך אַליין פאַרוואָס — נאָר ער פילט פּאָרט: עס ציט צו אים, ער איז אַזוי נייגיריק אים ווידער צו זען...

און אפשר בענקט זיך עס גאָלדן סתם אַביסל אַהין, אין דער טוריסטן־אָפּטיילונג? אפשר פילט ער, אַז אין אָט דער רייכער גע־זעלשאַפט איז ער עפּעס אַזאַ פאַרבלאָנדזשעטער?... נאָר דאָס שוואַרצהנעוודיק לוקסעמבורגער ווייבל מיט די אַרויפגעקלעפּטע חן־פּינטעלעך אויף באַק און דעקאָלטירטן נאַקן לאָזט אים אַלץ נישט אָפּ. זי שטייט צו אים אַלץ צו מיט דער זעלביקער פראַגע:

— אָבער פּאָרט... איך בעט אייך, מר. גאָלד. ווער פּאָרט איז, לויט אייער מיינונג, דער גרעסטער שרייבער אין דער וועלט? הא?

גאָלד מוז שטאַרק צוביסן די אונטערשטע ליפּ און אַרונטער־שלינגען דעם גענעץ, וועלכער שפּאַרט זיך אַלץ אין דרויסן, געבוירן

צו ווערן. זי לאָזט אים אַלץ נישט אָפּ. זי זעט אים אַלץ צו פאַראינטערעסירן אין אַ ליטעראַרישן שמועס.

— איר ווייסט: האַנס היינץ עווערס?... דאָס איז דאָך דער גרעסטער שרייבער אין דער וועלט! האַלט איר נישט אַזוי? אַז איר לייענט אים, גייט אייך דורך אַזאַ מין סקרוך איבערן לייב... פּונקט ווי מען וואָלט דורכגעגאַנגען איבער אייער וואַרעמען לייב מיט קאַלטע אייזיקע ליכטלעך... ניין? אַך, אַ מחיה!

ענדלעך הויבט אים, גאָלדן, אויך אָן ווײ צו טאָן דער קאָפּ און נודיען אַביסל אונטערן האַרצן. ער הויבט אויך אָן צו פילן, אַז עס איז גלייכער, ער זאָל אַוועקגיין צו זיך אין קאַיוטע:

— ער לײדט אפילו בדרך-כלל נישט אויף ים־קראַנקהייט, — דערקלערט ער מיט אַ שולדיקן און העפלעכן שמייכעלע — נאָר דאָך...

אָבער ווי נאָר ער איז אין דרויסן און אָטעמט איין אין זיך אַ פולע ברוסט מיט קאַלטער לופט, לאָזט ער אַרויס אַ לוסטיקן, אַ שטיפערישן געשריי, ווי ער וואָלט דאָ אָפּגעטאָן עמעצן אַ שפּיצל. נאָר צוליבן שטאַרקן ווינט, וואָס גיט אויף אים מיטאָמאָל אַ שפּאַר, ווען ער פאַרקירעוועט זיך אין אַ ווינקל, הערט קיינער נישט זיין הויכן, פרייידיקן געשריי. און ווידער, שפּרונג און שפּרונג און שפּרונג, איבער דעקן, איבער מעטאַלענע שוועלן, צווישן קוימענס.

זעקסטער קאַפּיטל

.1

אין טוריסטן־אָפּטיילונג איז היינט פּונקט אַזוי לעבעדיק ווי געווײנלעך. קיינער איז דאָ, קאָנטיק, נישט קראַנק אויף ים־קראַנקהייט... די גאָלדענע קוואַדראַטן פון די ברייט־פּאַנאַנדערגעפּראַלטע טירן פייערן אויפן דעק אַ יום־טובדיקן ליכט.

אויפן דעק, אויף לאַנגע הילצערנע בענק, ווי מען טרעפט אָן אין פּאַרקן און אויף בולוואַרן, זיצן איצט, נישט געקוקט אויף ביינאַכטיקער קעלט, אַ היפּשער טייל פּאַסאַזשירן. מען פילדערט און מען ליאַרעמט — אָבער מער פון אַלעמען פילדערן און ליאַרעמען די יונגע און הויכע געשטאַלטן פון די קאַליפאָרניער און נעוואַדער סטודענטן,

וועלכע פאַרן קיין מילאַן שטודירן אין די דאָרטיקע געזאַנג־שולעס. יעדער פון זיי, איינער איבערדרייסנדיק דעם צווייטן, זינגט אַרויס אַי־בערן אַקסאַן, מיט שאַלנדיקער פרישער שטים עפּעס אַ באַקאַנטע אָפּערן־אַריע.

ניקאָלאַ, אַ פאַרפּוצטער און אַ שמעקענדיקער, אין אַ ווייסן פאַבריק־מאַכערישן רעקל, קוקט שוין דאָ לאַנג אַרוים אויף גאָלדן. כאָטש גאָלד האָט אים גאַרנישט צוגעזאָגט אויף געוויס, אַז ער וועט היינט אויך קומען. ער קוקט זיך אַרום אויף אַלע זייטן. ס׳דוכט זיך: זיין קנאָ־כיק פּנים איז איצט אויסגעצויגענער און הונגעריקער ווי תמיד; זיינע גרויסע אויגן האָבן אַזאַ הונגעריקן, ברענענדיקן גלאַנץ.

אַז גאָלד קומט צו, גיט אים ניקאָלאַ אַ שטיפן דריק די האַנט, ווי שוין אַן אַלטן גוטן פריינט. זיינע אויגן לייכטן נאָך מער אויף. עטלעכע פראַגן וועגן געזונט און אַנדערע גלייכגילטיקע זאַכן — פראַגן, וואָס מיינען גאַרנישט. אַ פּאָר קליינע פּויזעס — אומבאַקוועמע בריק־לעך, וואָס מען מוז זיי ווי־עס־איז אַריבערגיין, כדי אָנצוקומען צום עיקר.

ער איז שטאַרק אומגעדולדיק, ניקאָלאַ, אַך, ווי ס׳ווילט זיך אים עפּעס דערציילן, אַרונטערעדן פון האַרצן... נאָר גאָלד שווייגט גזלניש־גלייכגילטיק. ער פילט: ס׳וועט שוין פון אים סיי־ווי גאַרנישט אַנטלויפן...

ניקאָלאַ האַלט ענדלעך נישט אויס. ער גייט נישט אַריבער די דאָזיקע קליינע קאָנווענציאָנעלע בריקלעך. ער פלייצט זיי פּשוט אַריבער מיט זיין יונגער אומגעדולד.

און גאָלד הערט, הערט...

דאָ, אויף דער שיף, דערציילט אים ניקאָלאַ, איז דאָ איינע זייער אַן אָנגעזעענע און אַ רייכע דאַמע, וועלכע גיט זיך אים איבער יעדע נאַכט. „אָ, איך ווייס: פון אַזעלכע זאַכן רעדט מען נישט... דער צווייטער פאַרדעכטיקט אייך תמיד אין אַזעלכע פאַלן אין באַרימע־ריי... און ווען איר וואָלט נאָך דערצו געוואוסט, ווער דאָס איז! ניין, כ׳וועל אייך נישט זאָגן: איר וועט מיר סיי־ווי נישט גלויבן"...

און פּאַסירט האָט עס, קאָן מען זאָגן, סאַמע פונם ערשטן מאָל, וואָס ער האָט די דאָזיקע דאַמע געזען. „וועני,ווידי, וויצי!" ווען ער איז צום ערשטן מאָל געקומען צו איר אין קאַבינע אַרומשערן איר פריזור „אַלאַ־גאַרסאָן".

— אָ, ס'אַר אַ געזונטער, קרעפּטיקער האַלז ס'האָט זיך פאַר אים אַנטפּלעקט — אַן אָקס, נישט קיין פּרוי!

איר נאַקן, אַ טייל פון איר פּלייצע — אַן אַ פּלעק און אָן אַ פּגימה — זיינען געוועזן אָפּגעדעקט; זיינען געווען מער אָפּגעדעקט, וויפיל ס'האָט זיך געפאָדערט צוליבן שערן זיך. און ער האָט פאַרשטאַנען, ניקאָלאַ...

— דאָ זיינען נישט פאַרגעקומען קיינע „קאַמפּן", קיינע ליידיקע און פּוסטע רייד: עס האָט קיין סך נישט געדויערט...

און איצט קומט ער אַהין יעדן אָוונט. נישט ער, זי פאַרלאַנגט דאָס פון אים. ער ראַזירט איר אַרום דעם האַלז, יעדן אָוונט, פאַרן שלאָפן־גיין... זי קאָן דאָך אייגנטלעך דאָס אַליין טאָן — אויף אַלע וועגט הענגען דאָרטן ביי איר שפּיגלען — נאָר זי האָט דווקא זייער ליב, אַז ער, ניקאָלאַ, טוט עס. עס פאַרשאַפט איר, קאָנטיק, אַ באַזונדערן און אויסערגעוויינלעכן תענוג, ווען ער גייט אַרום מיטן גאָל־מעסער איבער איר האַלז... ווייל דערנאָכדעם — דערנאָך, נאָכן אָפּגאָלן איר האַלז, פּאַסירט דאָס, וואָס עס פּאַסירט.

— אָך, ווען איר וואָלט נאָך דערצו געוואוסט, ווער דאָס איז... פון וואָס פאַר אַ הויכער געזעלשאַפט...

.2

ניקאָלאַ האָט אויף אַ וויילע אָפּגעשטעלט זיין דערציילונג. אַ קיילעכדיקע טיר לינקס, אַ מין גרויס רונדיק לאָך, האָט זיך מיטאַמאָל געעפנט. עמעצער האָט אים אַ רוף געטאָן ער זאָל גיין שלאָפן. ניקאָלאַ האָט נישט גערן אַ בורטשע געטאָן: „באַלד".

די טיר האָט זיך געפונען אינם ווינקל־דעק, האַרט לעבן זיי. נאָר גאָלד האָט זי ביז איצט נישט באַמערקט. זי האָט געפירט אין דער אָפּטיילונג פאַר די שיף־אַרבעטער. דורך דעם אָפענעם רונד, ווי אַן אַריינגאַנג אין עפּעס אַ הייל, האָט ער דערזען אַ היפּשע צאָל הענגענדיקע בעטן, געשטריקטע געלעגערס; זיי האָבן אויסגעזען, ווי נעצן, ווי גרויסע שטיקער שפּינוועבס. אין זיי האָבן געכראָפּעט איצט מידע אַרבעטער מיט פּנימער אַרונטער, מיט פיס און הענט, וואָס האָבן זיך געשאַרט איבער דער פּאָדלאָגע.

ניקאָלאַ וואָרט נישט מער אויף קיין וויטערדיקע אויפ־מונטערונגען, אויף קיין וויטערדיקע בקשות מצד גאָלדן, ער דער־ציילט און דערציילט. ער מוז זיך אַראָפּרעדן פון האַרץ. און אפשר איז אים דאָ עפּעס אַליין אויך נישט קלאָר? אפשר איז אים דאָ עפּעס אַליין אויך שווער?

ווייל גאָלד באַמערקט באַלד:

ביסלעכווייז, ביסלעכווייז פאַרשווינדט פונם טאָן פון ניקאָלאַס דערציילונג די יונגע באַרימערישקייט, וואָס ער האָט מיט קנאַפּן דערפאָלג די גאַנצע צייט דאָ באַהאַלטן; ביסלעכווייז, ביסלעכווייז פאַרשווינדט די קאָנטיקע לוסטיקייט און דער שטאָלץ מיט דער אויסערגעווייגלעכער אַוואַנטורע זיינער. אין זיין קול גנבעט זיך שוין באַלד אַריין אַ מין פאַרדרוס.

פאַרוואָס, אַז ער האָט אַ פּאָר מאָל צופעליק אָנגעטראָפן אָט די דאַמע אויפן דעק, האָט זי מיט קיין שום צייכן, נישט אפילו מיטן קלענסטן באַוועג פון אַ געזיכטס־מוסקול, געלאָזט פילן, אַז זי קאָן אים?

ניין, נאָך ערגער:

איין מאָל, אַז זי האָט אים שוין נישט געקאָנט אויסמיידן אויף אירן אַ שפּאַציר־גאַנג איבערן דעק, וואו ניקאָלאַ האָט דעמאָלט גע־אַרבעט, האָט זי אים באַטראַכט מיט אַזאַ קאַלטן, מיט אַזאַ פרעמדן און גלייכגילטיקן בליק, אָט פּונקט ווי זי האָט דעמאָלט, אַ שטייגער, באַטראַכט די מאַסט־זייל, וועלכע ער האָט געהאַלטן אין פאַרבן.

— איר ווייסט, דאָס טוט זייער ווי...

אָ, ער פאַרשטייט, נאַטירלעך: וויבאַלד זי איז אַזאַ הויכגע־שטעלטע דאַמע, מוז זי זיין פאָרזיכטיק... אָבער דאָך... אַ פלאַטער פון אַ שמייכל... אַ באַוועג מיט אַ ברעם...

און דערצו: ווען ער, גאָלד, וואָלט נאָך געוואוסט, וואָס פאַר אַ סאָרט ווילדקייטן עס טוען זיך אָפּ אין איר קאַיוטע יעדע נאַכט! ס'איז, דעריבער, טאָפּלט פיינלעך צוצוזען בייטאָג, ווי די זעלבע פרוי קוקט אויף אים, ווי אויף עפּעס אַ שטיק האָלץ, ווי אויף אַ נישט־לעבעדיקער זאַך...

גאָלד דערפילט קלאָר דעם צער, וואָס ליגט, גאָרנישט אַזוי פאַר־באָרגן, אין יענעמס רייד. און באַלד פאַרשטייט ער אויך: יענעמס „ווענדי, ווידי, וויצי" — ס'איז אַביסעלע איבערגעטריבן... ס'איז

קלאָר גאָלדן, אַז אַט יענע דאַמע איז אַסך אַ געניטערער ווייבס־פּאַרשוין, מיט אָן אַ שיעור מער דערפאַרונג אין ליבע־אַוואַנטורעס, ווי עס איז דער יונגער אַוואַנטוריסטישער ניקאָלאַ... און ס׳איז אים נאָך אַ דריטן מאָל קלאָר: געפּאַקט האָט דאָ יענע דאַמע ניקאָלאַן, און נישט ער — זי...

ניקאָלאַ איז אויף אַ ווײַלע אַנטשוויגן געוואָרן. ער האָט אַ פּאָר מאָל אויפגעהויבן זײַנע גרויסע ברענענדיקע אויגן אויף גאָלדן, נאָר זיי באַלד ווידער אַראָפּגעלאָזט. מסתמא האָט ער געוואָלט נאָך עפּעס דערציילן, נאָר ער האָט שוין אויף דעם מער קיין מוט נישט געהאַט. און אפשר איז עס אויך געווען דערפאַר: נישט ווייט פון זיי האָט זיך אומדערוואַרט אָפּגעשטעלט דער הויכער און מאָגערער באַסק, וועלכן גאָלד האָט שוין עטלעכע מאָל פריער באַמערקט דאָ אויף דער שיף, — תמיד אַרומשפּרייזנדיק, איינער אַליין און שווייגנדיק, מיט די ריזיקע שפּאַנען זײַנע איבער די שיף־דעקן. ער איז דאָ איצט אויך פּונקט אַזוי שווייגנדיק געשטאַנען, מיטן פּנים צום ים; זײַן קליין באַסקיש היטעלע איז געווען שטײַף אָנגערוקט קעגן ווינט. און פּונקט ווי ס׳איז נישט געווען צו פאַרשטיין, פאַרוואָס ער האָט זיך דאָ פּלוצלינג גראָד לעבן זיי מיטאַמאָל איינגעפּלאַנצט, איז אויך נישט געווען צו פאַרשטיין, פאַרוואָס דער דאָזיקער תמיד־שווייגנדיקער באַסק האָט, מיט אַ פּאָר מינוט שפּעטער, זיך אויך אַזוי מיטאַמאָל אָפּגעריסן פון זײַן אָרט און זיך ווידער געלאָזט אויף זײַן איינזאַמען, שווייגנדיקן, נאָכאַנאַנדיקן אַרומשפּאַנען איבער די דעקן.

און ווידער האָט ניקאָלאַ אויפגעהויבן זײַנע אויגן אויף גאָלדן. דאָס מאָל האָט ער זיי שוין געהאַלטן אַזוי אויפגעהויבן אַביסל לענ־גער. אינעם ליכט פון דער עלעקטרישער לאַמטערנע איבער זייערע קעפּ האָט גאָלד דייטלעך באַמערקט: זיי, די גרויסע און גלאַנציקע אויגן זײַנע, זײַנען פאַרצויגן מיט אַ הײַטל פון אומעט און צער, און אומעט און צער האָבן זיך אויך געפילט אין זײַן שטים, וועלכע איז שוין געווען איצט אַביסל שטילער און אַזוי ווי צעטומלט:

— אַז איר פאַרשטייט, דאָס אַלץ איז עפּעס אַזוי מאָדנע... און אַזוי נישט שיין... איך דאַרף אײַך מסתמא נישט דערציילן: איך בין אַליין גאָרנישט אַזאַ צדיק... נאָר ווען איר וואָלט ווייסן, ווי־אַזוי זי האָט מיך ליב — וואָס פאַר אַ סאָרט ליבע זי פאַרלאַנגט

פון מיר... אמת, זי גיט זיך מיר גערן אָפּ; אָבער אויף אַזאַ נישט נאַטירלעכן אופן..

נאָך נידעריקער מאַכנדיק זיין שטים, און אויף אַ מינוט אַרונ־טערלאָזנדיק זיינע אויגן, האָט ער אייליק אַרויסגעפּליסטערט גאָלדן אַ פּאָר ווערטער:

— איך פאַרשטיי... צוערשט איז דאָס מיר אַליין געווען טשי־קאַווע... סיי דאָס נייקייט דערפון און סיי דאָס, וואָס ביי אַ דאַמע פון אַזאַ הויכער געזעלשאַפט איז עס רעכט זיך אַזוי צו דערנידעריקן פאַר מיר. אָבער איצט פעלט מיר איין: אפשר, — אפשר דערנידער־ריקט זי עס מ י ך גאָר? מער ווי דאָס דאַרף זי פון מיר נישט.

.3

ס׳האָט שוין געמוזט איצט זיין אודאי נאָך האַלבער נאַכט. די גאָלדענע קוואַדראַטן פון די טירן זיינען שוין פאַרשוואונדן, די עלעק־טרישע לאַמטערנע איבער זיי איז אויסגעלאָשן געוואָרן. פון דעם איז די טונקעלע נאַכט, אביסל ווייטער אויפן דעק, געוואָרן ווי ליכטיקער.

אויפן דעק איז שוין איצט קיינער נישט געווען. עס קאָן זיין, אַז די „גלעזער" האָבן שוין לאַנג געהאַט אָפּגעקלונגען די מיטנאַכטי־קע שעה. גאָלד האָט עס אָבער נישט געהערט, כאָטש אויפן דעק איז איצט געווען זייער שטיל.

ערשט איצט שטייגט אַרויף אַ מאָדנע שטילקייט אויפן אָקעאַן — זעלטענע שטילע מינוטן שטייגן פון ערגעץ אָן: דער אָקעאַן, דער ווינט, די שיף פאַרטאַיען אַ ווײַלע זייער אָטעם... און כאָטש גאָלד איז שטאַרק פאַרטיפט אין באַטראַכטן ניקאָלאַס פּנים, פונדעסט־וועגן האָט ער די גאַנצע צייט דאָס געפיל: איבער זיין קאָפּ, אויף אַ קלאָרן ווינטערדיקן הימל, מוז איצט אויפגיין אַ גרויסע, אַ פולע לבנה...

און מיטאַמאָל, אין דער פּלוצלינג־אַנגעשטיגענער שטילקייט, דער־הערט גאָלד אַ שטילן נערוועזן הוסט הינטער זיך. ער דרייט זיך אום.

מיט אַ דעק העכער פון זיי ביידן, אָנגעשפּאַרט אָן דער פּאַ־רענטש, שטייט אַ ברייטלעכע פרויען־פיגור. נישט געקוקט אויף דער קאַלטקייט אין דרויסן, איז די דאָזיקע פרויען־פיגור אָנגעטאָן, דוכט זיך, זייער לייכט, ווי זי וואָלט געהאַט אַרויסגעגאַנגען אויפן דעק

אין אײלעניש. אַלנפאַלס: מען זעט דײטלעך, אַז דער קורץ־געשוירע־נער בלאָנדער קאָפּ איז ביי יענער פרויען־פיגור אַנטבלויזט; אַפילו קיין שאַל טראָגט זיך דאָך אויף אים נישט.

די פרויען־געשטאַלט עגבערט די אונטערשטע דעק מיט איר בליק. זי בויגט זיך וואָס אמאָל אַלץ טיפער איבער דער פּאַרענטש און זוכט עפּעס און זוכט. מען וואָלט געקאָנט דענקען: ס'איז אַ נאַכט־וואַנדלערין, וואָס אָט־אָט לאָזט זי זיך גיין אויף משקולתן איבער דער פּאַרענטש, און דערנאָך — גלייך איבערן ים...

צוליב דעם, וואָס אין דעם ווינקל, וואו זיי ביידע שטייען, איז אַסך טונקעלער, ווי אויף דער העכערער דעק, וואו עס געפינט זיך אָט יענע נאַכט־וואַנדלערישע פרויען־געשטאַלט, דערקענט באַלד גאָלד מיט גרויסער דערשטוינונג: דאָס איז דאָך מרס. באַלדאַמעראַ — די זעלביקע מרס. באַלדאַמעראַ, וועלכע איז נאָך מיט אַ וואָסערע אַנדער־האַלבן שעה צוריק אַוועקגעגאַנגען צו זיך שלאָפן... און אין דער זעלביקער מינוט דערפילט ער, ווי עמעץ האָט אים שטייף, אַזש ביז ווייטיק, אַ קוועטש געטאָן דעם האַנט־קנאָכן. ניקאָלאַס שטים האָט שטיל און ליידנשאַפטלעך און פול מיט עקל אַרויסגעשעפּטשעט:

— אָט איר זעט... זיך שוין נישט געקאָנט דערוואַרטן אויף מיר... בין נישט געקומען אין צייט... נו, אַ גוטע נאַכט אייך...

זיבעטער קאַפּיטל

.1

זונטיק אינדערפרי, ערב ניי־יאָר, איז אין קאָנצערט־זאַל אָפּגע־ריכט געוואָרן אַ פייערלעכע קאַטוילישע מעסע.

פון דער קליינער עסטראַדע, וואו עס שפּילט אין אָוונט דער אָרקעסטער, האָט מען אַרונטערגענומען די פּיאַנאָ. די גאַנצע נישע איבער דער עסטראַדע איז געווען איצט איינגעאָרדנט, ווי אַ קאַטוילי־שער אַלטאַר, מיט דריי מיניאַטורע קלויסטער־שפּיצן: פּאָרן פּאָטער, זון און הייליקן גייסט. עס האָבן דאָרט געדיכט געברענט און אונ־טערגעציטערט מיט זייערע פלעמלעך אַסך נישט־אָפּגעשמאָלצענע וועק־סענע ליכט.

דער אַבאַט פון „אַגאַמעמנאָן" — אַ נידעריקער פול־געפּאַקטער אַלטינקער מיט שטאַרק־רויטע בעקלעך — האָט געפּראַוועט די הייליקע עבודה. אָנגעטאָן אין שיינע כישופדיקע און בלישטשענדיקע בגדי־כהונה, האָט ער יעדע ווײַלע, צווישן מיסטעריעזע פּאַוזעס, געמאַכט עפּעס אַזעלכע אומפאַרשטענדלעכע באַוועגונגען מיט די צונויפגעלייגטע פינגער פון דער רעכטער האַנט.

הינטער אים, אָפּגערוקט אויף היפּשע עטלעכע טריט, איז גע־שטאַנען זיין ארויסהעלפער אין דער הייליקער עבודה — דער ביבליאָ־טעק־סטיוארד, דער שיינער ברונעט מיט די פּעך־שוואַרצע וואָנצן. עס איז אָבער געווען שווער אים איצט צו דערקענען: ער איז געווען איצט איבערגעטאָן אין ווייסע קירכלעכע מלבושים מיט ברייטע אַרבל. אין איין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ ווייראויך־פּענדל, האָט מיט איר געהיימניש-פול באַוועגט הין און צוריק און געשפּרייט אינם זאַל אַ זיסן טשאַד. ער האָט נאָכגעפאָלגט די מינדסטע באַוועגונג פונם אַבאַט. אָט פלעגט ער קניען צוזאַמען מיט אים, און אָט — קניען אַליין און באַזונדער, און ענטפערן אויפן קלינגען פון די זילבערנע גלעקלעך אינם אַבאַטס הענט.

דער אַבאַט פלעגט אַלע ווײַלע זיך פייערלעך פאַנאַנדער־זינגען אויף זיין ברוסטיקער באַסאָווער שטים, פלעגט ארויסזאָגן שווע־רע לאַטיינישע אָץ-קוצץ פּסוקים אָדער פלעגט גלאַט ארויסברומען אומ־פאַרשטענדלעכע קלאַנגען, פון וועלכע עס פלעגט די אָנוועזנדיקע דורכ־גיין אַ קאַלטער סקרוך איבערן לייב.

קיין סך מתפּללים זיינען דאָ אפילו איצט נישט געווען. די שיף האָט געהערט צו אַ פראַנצויזישער געזעלשאַפט; די גאָט־דינסט איז געווען אַ קאַטוילישע. קיין סך קאַטוילישע פּאַסאַזשירן זיינען אָבער, קאָנטיק, אויף דער שיף נישט געווען. דאָס רוב פון די מתפּללים זייי־נען דאָ געשטאַנען איצט אויף די קני. ווי אָפט עס פלעגט זיך דער־הערן דער געהיימניש־פולער קלונג מיט די גלעקלעך, וואָס ביים אַבאַט אין האַנט, פלעגן זיי זיך אַלע ארונטערלאָזן אויף דער ערד ווי אונ־טערגעקאָשעטע. די נישט־קאַטוילישע פּאַסאַזשירן, וואָס האָבן בייגע־וואוינט די דאָזיקע גאָט־דינסט צוליב נייגיריקייט, האָבן זיך דעמאָלט דערפילט זייער נישט באַקוועם, זיי האָבן נישט געוואוסט, וואָס צו טאָן מיט זיך און זיך געפילט ווי איבעריקע.

לעבן איינעם א שטול איז געשטאנען אויף די קני מרס. באל־דאמערא. צוליב איר הויכן וואוקס האט זיך אויסגעוויזן, אז נישט זי שטייט אויף די קני, נאר זי זיצט אויף א שטול. איר בלאנדער קאפ איז געווען באדעקט מיט א שווארצן שאל פון זעלטענע בריסעלער שפיצן. זי איז געשטאנען אויף די קני לייננער פון אלעמען; האט זיך נישט אויפגעהויבן אפילו דעמאלט, ווען די אנדערע האבן זיך שוין יא אויפגעהויבן. זי האט זיך געבוקט טיפער און דוויערנדיקער, ווי די אנדערע מתפללים.

די גאנצע צייט פון דער מעסע איז אן א זייט, נישט ווייט פונם אלטאר, אויף א שטול געזעסן דער בלאנדער איטאליענער באררא־גוטשי, דער וויאלאנטשעליסט פונם שיף־ארקעסטער, און האט גע־שפילט רעליגיעזע ניגונים. איצט האט ער געשפילט „אווע-מאריא". זיינע אויגן זיינען געווען די גאנצע צייט דבקותדיק פארמאכט. זיין פנים האט זיך וויטיקדיק געקנייטשט און געקארטשעט, פונקט ווי ער וואלט ממש געהאט פיזישע ווייטיקן פון די טיפע אנשטרענגונגען ארויסצוציען פון דער נישט־נאכגיביקער בייכיקער טשעלע צווישן זיינע קני די תפילהדיקע, די פרומע און פארדבקותט־איבערגעגעבענע טענער פון „אווע-מאריא".

און דער פרעלאט האט אלץ נאכאנאנד נידעריק אויסגעזונגען זיינע אומפארשטענדלעכע און פייערלעכע ליטורגיע־ווערטער און די זילבערנע גלעקלעך האבן אלע ווילע מיסטעריעז אויסגעקלונגען פרו־מע טענער, און דעם אבאטס געהילף — דער שיינער ברונעט מיט די פעך־שווארצע וואנצן — האט געפאכעט אלץ נאכאנאנד מיטן ווייַ־רויך־פענדל און די מתפללים האבן אנידערגעקניט, אויפגעשטאנען און ווידער אנידערגעקניט...

.2

דעם גאנצן טאג הערשט אויפן שיף א פריילעכע צערודערונג.

אלץ און אלע גרייטן זיך צום היינטיקן ניי־יאר־באל און צום גרויסן גאלא־קאנצערט, וואס פאר אים.

מען גרייט זיך אויך צו דער פריזן־אויסטיילונג פאר די בעסטע מאסקעס, פאר די געווינער פון די טורנאמענטן פון ברידזש, שאפל־

באַארד און „אינעווייניקסטן" טענים־שפּיל, וואָס זיינען פאָרגעקומען די לעצטע טעג.

אין די רעקלאַמע־פענסטער פונם לואוור־מאַגאַזין, וואָס געפינען זיך אין פּאַיע פונם שיפס־סאַלאָן, זיינען אויסגעשטעלט אַלערליי מאָס־קעס, פאַרביקע שטאָפן, אַרלעקין־קאָסטיומען, פּיעראָס, קאָלאָמבינעס.

עס גרייטן זיך אויך היינט א גאַנצן טאָג די מאַטראָסן און די שיף־אַרבעטער. אין א טאָג־צוויי אַרום ווערט דערוואַרט דער אַריינ־גאַנג פונם „אַגאַמעמנאָן" אין האַפן. די גרויסע לעכער, וואָס פירן אין די אונטערשטע באַגאַזש־אָפּטיילונגען פון שיף, געניצן איצט ברייט, אָפן. די „קראַנען" קוויטשען, די מאָטאָרן קלאַפּן, די הויב־מאַשינעריע איז אין גאַנג, מאַטראָסן שמאַיען אַרום. מען שלעפּט אַרויס ריזיקע צאָלן פון פּאָסט־זעק. מען הויבט שוין אָן באַצייטנס פאַנאַנדערסאָר־טירן די פּאָסט. עס טראָגט זיך שוין אַריבער איבער דער שיף א ריח פון יבשה.

מען פאַרענדיקט שוין אויך אויפן דעק די לעצטע פאַרבונג־אַרבעטן, עס איז שוין בלויז פאַרבליבן איבערצופאַרבן צום לעצטן מאָל די פאַרענטשעס. די שיף, פונדאָסניי א באַדעקטע מיט ווייסער פאַרב, קריגט נאָכמער פון א ציכטיקן, ליכטיקן און יום־טובדיקן אויסזען — א ריזיקע ווייסע גאַנז, וואָס טראָגט זיך פלינק און מונטער צו דער יבשה איבער די מעכטיקע אָקעאַן־וואַסערן.

ניקאָלאַ שטייט לעבן א פאָרענטש און שייערט די מעש־שטיק־לעך, ביז זיי קריגן א שפּאָגל־נייעם גלאַנץ. אַז גאָלד גייט אים פאַרביי, וואַרפט אים ניקאָלאַ אויף דער גיך צו א פּאָר קנאַהדיקע ווערטער. זיינע אויגן האָבן אַביסל אַן אומעטיקלעכן אויסזען.

— אָהאָ, ווי ס'רודערט זיך ביי אייך היינט... אַלע גרייטן זיך ביי אייך צום באַל...

— נו, קומט אויך... — ווייצלט זיך גאָלד.

— וואָס מיינט איר... ס'וואָלט אודאי געווען אינטערעסאַנט... אין מיין איצטיקן הולך...

— נו ,איך קאָן אייך אַנטלייען מיין פּרינץ־אַלבערט... — נאָלד אַליין ווייסט ביי זיך נישט, צי דאָס ווייצלט ער זיך נאָך אַלץ, אָדער ער מיינט עס שוין אפשר אויף אַן אמתן — אויב איר ווילט נאָר... אדרבא ! איך בין א שונא פון פּרינץ־אַלבערטן : איך וועל מיינעם סיי־ווי נישט אָנטאָן...

ניקאָלאַ שמייכלט אויף אים דעמאָלט אויף מיט זיינע גרויסע, וואַרעמע און ברוינע אויגן; זיי קריגן מיטאַמאָל אַ שטיפערישן, אַ וואוילינגעריישן גלאַנץ. זיין אַגרעסיווע און שאַרפע נאָז ווערט נאָך שפּיציקער און העזהדיקער. זיין ברייט און תאַוההדיק מויל עפנט זיך פאַנאַנדער אין געשמאַקן שמייכל און אַנטפּלעקט צוויי רייען שטאַרק-פייכטע און גלאַנציקע ציין.

— כאַ... כאַ... אָט דאָס וואָלט געווען אַ סענסאַציע... ניין-ניין...

און גאָלד הויבט אים אָן צו צוריידן שוין אויף אַן אמתן — ער דערפילט, אַז ער מיינט עס אליין טאַקע ערנסט.

— בנאמנות... פאַרוואָס נישט? איר קאָנט דאָך, אויב איר ווילט, אָנטאָן אַ מאַסקע...

ניקאָלאַ ענטפערט גאָרנישט. בלויז זיין שייל מויל עפנט זיך נאָכמער פאַנאַנדער מיט אַ ברייטן, אַ תאַוההדיקן שמייכל; פּונקט ווי ער וואָלט שטאָלצירט מיט זיינע צוויי רייען דראָבנע, אָבער גלאַנציקע און הונגעריקע ציין. גאָלד באַטראַכט אים אַ מינוט מיט אמתער אַנטציקונג — עך, ער איז דאָך טאַקע ממש אַ מוסטער פון אַ וואונדערלעך-שיינעם יונג!

3.

אַז גאָלד שטייגט באַלד אַרויף עטלעכע טרעפּלעך צו דער העכערער „שיף-דעק", טרעפט ער דאָרט אָן מרס. באַלדאַמעראַן, מרס. בלייקן און דאָס לוקסעמבורגער ווייבל: זיי שטייען אַלע דריי לעבן עפּעס אַן עופות-שטייג, שטאַרק פאַרטיפט. זיי הערן נישט, ווי גאָלד דערנעענטערט זיך צו זיי, און בלייבן אַלץ אַזוי שטיין פאַרטיפט, מיט די רוקנס צו גאָלדן.

גאָלד קוקט אַריבער איבער אַן אַקסל — ער וויל אויך זען, וואָס איז עס דאָרט פאַר אַ חידושלעכער וואונדער, וואָס האַלט די אַלע דריי ווייבער אַזוי שטאַרק צונויפגעשמידט און פאַרגאַפט.

אינעם גרויסן שטייג אַנטקעגן —אַן אָנגעפּילטן מיט צעשאָטענע קערלעך און זוימען, מיט עמערלעך וואַסער און מיט ווייסן פויגל-קויט — פּאָרן זיך איצט אַ פּאָר ליליע-קאָלירטע טויבן. זיי וואָרקען נאָכאַנאַנד, פּיקן זיך מיט די שנעבעלעך, צעבלאָזן זיך די ליליע-קאָלירטע פעדערן און פּאָרן זיך.

די דריי ווייבער שטייען אַן אָטעם און פאַרפלאָמט-שווייגנדיק. מרס. בליק און דאָס שוואַרץ־חנעוודיקע לוקסעמבורגער ווייבל הויבן זיך באַלד אָן טוליען איינע צו דער צווייטער, כיכיקען אויף פון מאָל צו מאָל, פונקט ווי זיי וואָלטן אליין אויך געוועזן צוויי טויבן. איין מרס. באַלדאַמערא שטייט נאָך אַלץ אויף איר אָרט א פאַרגליווערטע, מיט אָנגעצונדענע אויגן.

מיטאַמאָל באַווייזט זיך פון ערגעץ א הויכער ברייט־בייניקער מענטש, אינגאַנצן אָנגעטאָן אין ווייסן, א הויך קיילעכדיק קיכער-מיצל אויפן קאָפּ. דער דאָזיקער מענטש איז אויסערגעוויינלעך פעט און פאַרמאָגט אַ שטאַרק, גרויס און אָפּגעפרעסן פּנים — אַזוינס ווי מען זעט עס בלויז ביי אַ צירק־פּענאָמען, ביי אַ טשעמפּיאָן פון פעטקייט. קאָנטיק: ס'איז דער קוכער אָדער איינער פון זיינע געהילפן. אין האַנט האַלט ער א פאַרמאַכט קיישל.

זיין ריזיק־ברייט טשעמפּיאָן־פּנים טרייסלט זיך דעמאָלט פאַנאַנ־דער פון א געלעכטערל — און מאָדנע: דוקא א דראָבנע און א מיידלש געלעכטערל!... ער נעמט אָן פאַר די העלזלעך די צוויי זיך פאַרנדיקע טויבן און שליידערט זיי אריין צו זיך אין קוישל צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע טויבן־פּאָרן.

— לכבוד יום־טוב... — אַנטשולדיקט זיך זיין שמאַלציק פּנים פאַר די דריי דאַמען־פּאַסאַזשירן — פאַר דער קיך...

די דריי ווייבער מיט די צעפלאָמטע פּנימער בלייבן שטיין ווי אָפּגעשמיסענע — עפּעס ווי מען וואָלט זיי איבערגעלאָזט אַזוי, אינ־מיטן. גאָלד גיט מיטאַמאָל א הוסט, דערנעענטערט זיך אַ פּאָר טריט מיט טופּענדיקע פיס, פּונקט ווי ער וואָלט ערשט איצט געהאַט אַהער צוגעגאַנגען און האָט נאָך גאָרנישט באַמערקט. די דריי ווייבער נעמען מיטאַמאָל אָן שטייפע, איינגעהאַלטענע און קאַלטע מינעס.

גאָלד באַגריסט זיך, ער גייט צו גלייך צו מרס. באַלדאַמעראַן. נאָך אַלץ, אַפּנים, אין אַ שטימונג פון באַוואונדערונג און אַנטציקונג פאַר ניקאָלאַן, ווייזט ער איר אָן מיט א פינגער אויף דער שלאַנקער און שטייפער געשטאַלט ניקאָלאַס, וועלכער ארבעט שוין ווידער פלייר סיק אונטן, לעבן די פאַרענטשעס.

— האַ, וואָס זאָגט איר עפּעס אויף אָט יענעם בחור... א שיינער יונג, נישט אמת? אַזעלכע ווי ער, וועלן מיר געווים היינט אָוונט ביים באַל נישט האָבן...

מרס. באלדאמערא זאטלט דעמאלט אן אויף ביידע אויגן א גרויסן ים־שפּאקטיוו, וואס באמבלט זיך ביי איר זייט אויף א רימענדל, אריי־בערגעוואָרפן איבער אירע פולע קיילעכדיקע אקסלען. זי באטראכט אים נאכאנאנד און געגוי, אט יענעם אויסטערלישן סוביעקט, וועלכער ארבעט דארט ביי די פארענטשעס. זי וויל, הייסט עס, צוערשט זיך שאפן א ריכטיקע און גוט־באגרינדעטע מיינונג וועגן אים... זי ברומט ענדלעך אוים:

— נ—נא... נישט אזוי געפערלעך...

אבער גאלד לאזט זי אלץ נישט אפּ. אדרבא, ער וויל וויסן: וואס, א שטייגער, דענקט זי, פון אזא מין מאדנעם געדאנק, וואס איז אים, גאלדן, אקארשט איינגעפאלן...

— מען זאל, א שטייגער, אט יענעם שלאנקן און היפשן שיף־פארבער איינלאדן אויפן ניי־יאר־באל היינט אוונט? הא?

מרס. באלדאמערא לאכט זיך דעמאלט ברייט פאנאנדער, איר פולע הויכע ברוסט טרייסלט זיך, טרייסלט זיך — זי לאכט אזש מיט א ספּאזמע־געלעכטער; זי גיט א פּאר לויפיקע בליקן אויף אירע צוויי חברטעס און דערנאך קוקט זי גאלדן גלייך אין די אויגן אריין.

— כא־כא־כא... אן איינפאל, נו... א, זי זינד זא פאנני...19) נו, אדרבא, לאדט אים איין... אזא איינער וואלט דאך ממש פארשמעקט דעם גאנצן זאל מיטן געשטאנק פון פארב... פון בענזין... פון טער־פענטין... אדער ווי הייסט עס דארטן...

ניקאלא, וועלכער איז געשטאנען מיטן פנים צום ים, האט זיך מיטאמאל שארף אומגעקערט. זיין מויל איז געווארן שארף אנגעצילע־וועט, ווי אויף ארויסצולאזן א קליינעם און א שארפן זידל־ווארט — עטלעכע געציילטע ווערטער, וואס זאלן זיך איינעסן אין עמעצענס לייב, ווי שארף־אויסגעשאסענער שרויט. אבער מרס. באלדאמערא האט שוין אויף אים דעמאלט נישט געהאט געקוקט. זי איז שוין געווען דעמאלט אויסגעדרייט צו אים מיטן רוקן. דער איינציקער, וועלכער האט יא באמערקט דעם אויסדרוק אויף ניקאלאס פנים אין אט יענער מינוט, איז געווען גאלד. אבער אויך ער, פון איידלקייט וועגן, האט זיך באלד אומגעדרייט, ווי ער וואלט גארנישט געהאט באמערקט.

.4

דער ניי־יאָר „דינער" איז געווען, פאַרשטייט זיך, נאָך רייכער ווי תמיד דער דינער אויפן שיף. כאָטש ס'האָט זיך געקאָנט דוכטן, אַז דאָס איז גאָרנישט מעגלעך: קיין יום־טובדיקערע מאָלצייטן פון די, וואָס ווערן דאָ דערלאַנגט יעדן געוויינלעכן טאָג אין דער וואָך, זיינען גאָרנישט בנמצא.

דער געניוס פונם קיך־שעף, זיין קולינאַרישע פאַנטאַזיע האָבן ממש פאַרוואונדערט יעדן איינעם פון די אמעריקאַנער, וועלכע זיינען נישט געוואוינט געווען צו אַזאַ מין רייכער און פאַרשידנאַרטיקער קיך, ווי עס איז די פראַנצויזישע. און נישט ווייניקער האָבן זיי, אַפּנים, אויך פאַראינטריגירט די בלויזע נעמען פון די געריכטן.

אָנגעהויבן האָט מען מיט דער זופּ Potge Gumbo a la Creole און מיט די קליינע מחיהדיקע קנישעס, געפילט מיט געהאַקטן אייטער, וואָס האָבן געטראָגן אַ שוידערלעך־לאַנגן נאָמען: Petit vol-au-vent de ris de veau Godard; פאַרגעזעצט האָט מען מיטן זיסן פלייש פון די לאַנגוסטן אין מאַיאָנעזישן סאָוס; מיט שפּאַרגל - שפּיצן סאָוס פּראַסקאַטי, מיט הינער געשטאָפּטע מיט צעריבענע קאַשטאַנען. דערנאָך האָט מען דערלאַנגט סאַלאַדן, שווערן ענגלישן פלוימען־פּודינג, טאָרטן מיט אַזעלכע אויסטערלישע נעמען, פאַרשידענע סאָרטן שאַרפע פראַנצויזישע קעזן — קאַמעמבער, און ראָקעפאָר, און ברי — און דערנאָך ערשט: ריזיקע ווינטער־באַרן, פרישע ווייַנטרויבן...

אַלץ איז געווען אַזוי אויסערגעוויינלעך, אַזוי פריש, אַזוי יום־טובדיק... מען האָט זיך דעריבער היינט אָוונט נישט געקאָנט באַגע־נוגענען מיטן געוויינלעכן ווייסן און רויטן וויין, וואָס זיינען ביי יעדן מאָלצייט געשטאַנען אויפן טיש. אַז ס'איז געקומען צום רעכטן עיקר פונם מאָלצייט — צו די לאַנגוסטן און פלייש, האָט יעדער איינער פון די מאַנסבילן ביים טיש — גאָלד, און באַרדאַש, און רייכענטאַל — באַשטעלט עפּעס אַן אַנדערן וויין. צוליב די דאַמעס וועגן האָט מען באַשטעלט זיסע ליקערן: קוואַנטראָ, ראַספּאַי, בענעדיקטין. אָבער די דאַמען האָבן געפונען פאַר נויטיק אַרויסצעווייזן זייער העלדישקייט

און האָבן געוואָלט דוקא טרינקען די זעלבע שאַרפע ווײַנען, וואָס די מאַנסבילן האָבן באַשטעלט פאַר זיך.

היינט אין אָוונט האָט די פּאַסאַזשירן ביי די טישן אין עס-סאַלאָן דערוואַרט נאָך אַ סורפּריז:

יעדער איינער האָט געפונען ביי זיין קוואווערט געהיימניספולע פאַרחתמעטע קאָנווערטלעך... אָבער אין זיי האָבן זיך געפונען בסך־הכל פּאַפּירענע פּאַיאַצן־היטעלעך פון יעדן פאַסאָן און קאָליר. מען האָט זיי טאַקע גלייך אָנגעטאָן אויפן קאָפּ — איבער די שטייפע גע־קראָכמאַליעטע מאַנישקעס, איבער די פּרינצן־אַלבערטן, איבער די פּראַקן מיט די לאַנגע פליגלען האָט מען אָנגעטאָן די דאָזיקע פּאַיאַץ־היטעלעך.

מרס. בלייק איז געוואָרן גאָר לוסטיק, נאָכדעם ווי זי האָט אריינ־געגאָסן אין זיך עטלעכע גלעזלעך ווײַן. זי האָט ארויסגעכאַפּט ביי גאָלדן פון האַנט זיין פּאַיאַצן־מיצל מיטן פאַרשפּיצטן האָרן, און האָט זי מיט געוואַלד גענומען ארויפשלעפּן זיך אויפן געדיכטן קאָפּ־האָר. נאָך פון אומגעדולד און פון איילעניש, האָט זי עס באַלד צעריסן. גאָלד האָט דעמאָלט אַ כאַפּ געטאָן איר ריזיקן מיץ, וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ רויטן העלפאַנט מיט אַ לאַנגן שנויץ.

— גוט, — האָט ער צוריקגעשפּאַסט, — אויב אַזוי, בייטן מיר זיך, כאַ־כאַ... און ווי פּאַסט זיך עס בכלל פאַר אייך אַ העלפאַנט!...

— אָ, בייטן זיך — האָט מרס. בלייק אַ צעפלאַמטע אויסגערופן

— ס'איז קאָנטיק, אַז איר האָט זייער ליב דעם ענין בייטן... מען וואָלט געקאָנט דענקען: איר זענט געווען אַ אידישער הענדלער מיט אַלטע קליידער אויפן ניו־יאָרקער איסט־סייד... תמיד האָט איר אין זינען געשעפט... געשעפט...

גאָלד האָט אויף איר שאַרף אַ קוק געטאָן. ער האָט אַ פלינקן בליק געגעבן אויף די איבעריקע צוויי קאָמפּאַניאָנען זיינע. די הערן באַרדאַש און רייכענבלאַט האָבן טיפער אריינגערוקט מויל און נאָז אין זייערע גלעזער ווײַן, וואָס האָבן זיך גיך אויסגעליידיקט — זיי האָבן, הייסט עס, גאָרנישט געהערט... גאָרנישט.

.5

דער אקרענט „אַגאַמעמנאָן" רוקט זיך דערווייל אַלץ העכער, העכער צפון־צו. ער האָט שוין אודאי דערגרייכט היינט די העכסטע צפונדיקע

בריט, וואָס ער וועט בכלל אויף זיין גאַנצער רייזע אָנרירן, — 51 גראַד פון צפונדיקער ברייט. דער אָקעאַן צעווילדעוועט זיך וואָס אַמאָל אַלץ שטאַרקער. די שיף האָט שוין לאַנג אָנגעוואוירן איר גורדנע־רעגלמעסיק וויגן זיך פון הינטן אויף פאָרנט און צוריק; דאָס נאָכ־אַנאַנדיקע טיפע טוקן און ארויסטויכן פון „נאָז" און „קאַרמע". זי קאַטשעט זיך שוין איצט וואָס אַמאָל אַלץ העפטיקער פון זייט אויף זייט, פון רעכטס אויף לינקס. דער גאַנצער אָקעאַן איז נאָך פון פאַר־נאַכט־צו געדיכט באַדעקט מיט ארומיאָגנדיקע בערגלעך שוים, וועלכע ווערן געשטויסן פון א שניידנדיקן ווינט. א שלעכטער סימן, אָט די דאָזיקע בייז־ארומיאָגנדיקע צעיושעטע סטאַדעס שעפסן, צעווילדעוועטע באַראַנעס... נאָר אַן ערגערער סימן זיינען די געדיכטע נידעריקע וואָל־קנס, וואָס דרייען זיך די גאַנצע צייט איבערן וואַסער ווי שפּיציקע לעיקעס, ווי ריזיקע צעפלאַמטע טרובעס.

קיינער פון די פּאַסאַזשירן קימערט זיך אָבער נישט וועגן דעם אַלעמען — מען באַמערקט עס אפילו נישט. מען ווייסט קוים, ווי עס קוקט איצט אויס דער דרויסן. מען האָט אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז מען געפינט זיך איצט אויף די גרויסע פּוסטע אָקעאַן־וואַסערן און נישט אויף דער יבשה. מען איז געשטימט יום־טובדיק און צעהוליעט. מען האָט דאָך אפילו נישט באַמערקט בשעתן דינער, אַז די שטולן אין עס־סאַלאָן זיינען שוין געווען היינט אָוונט צוגעשרויפּט צו זייערע ערטער; און אַז פאַר יעדן פּאַסאַזשיר איז אויפן טיש געווען איינגע־שרויפּט א ספּעציעלע הילצערנע ראַם אַזאַ, מיט קיילעכדיקע עפענונ־גען אויף אויפצוהאַלטן די טעלער, שיסלען און גלעזער, זיי זאָלן נישט ארונטערפאַלן פון טיש בעתן וואַרפן זיך פון דער שיף...

אַכטער קאַפּיטל

.1

באַלד נאָכן „דינער" האָט זיך אָנגעהויבן דער גאַלאַ־קאָנצערט.

געהייסן האָט ער אָפיציעל: „דער צדקה יום־טוב". דער קאָנ־צערט איז איינגעאָרדנט געוואָרן דורך „דער צענטראַלער געזעלשאַפט צו העלפן די געשטראַנדעטע", לטובת די אלמנות און יתומים פון

מאַטראַסן, וועלכע זיינען דערטרונקען געוואָרן אין ים בשעת שטור־רעמס.

די הערן, אַלע פּייערלעך און מאַנאַטאָן אָנגעטאָן אין פראַקן און אין פרינץ־אַלבערטס; די דאַמען, אין אַלערליי פאַנטאַסטישע קליידער פון גאָלד און זילבער און זיידנס; אין האַלב־קליידער וואָס אנטדעקן סיי פרישן און סיי צוגעפּודערט־פאַרוויאַנעטן נאַקעט — נאַקעט פון אָרעמס, פון נאַקנס און פון אויבערשטן טייל ברוסטן; דאַמען באַהאַנגענע מיט שנירלעך פּערל, מיט האַלדז־בענדער, מיט בראָנזלעטן, מיט בראָשן, מיט דימענטן און ברילאַנטן...

זיי האָבן אַלע געהאַלטן אין די הענט קאָנצערט־פּראָגראַמען, גע־דרוקטע אין פיל פאַרבן, אויף בויגעלעך טייערן געלבלעכן פאַרמעט־פּאַפּיר, דורכגעפלאָכטענע מיט זיידענע שנירלעך. אויף די דאָזיקע פּראָגראַמען זיינען געווען אויך אָפּגעדרוקט שיינע, פאַרביקע גראַוויור־רעס, סימבאָלן פונם צוועק פון היינטיקן גאַלאַ־אָוונט.

גראַוויורע איינס:

אַ האַלב־צעבראָכענע שיף שווין אויף דער העלפט געזונקען אין וואַסער, מיט נאָז פאַררידן אין לעצטן יאָמער־געשריי צום הימל.

גראַוויורע צוויי:

אַ מאַטראָסן־ווייב מיט באָרוועסע קינדערלעך וואָס קוקן אויס, ווייזט אויס, טאַקע אויף דער אונטערגעגאַנגענער שיף — ביי אַ נאַ־קעטן זאַמדיקן נאָרמאַנדישן ברעג.

גראַוויור דריי:

אַ העלדישער מאַטראָס וואָס שטייט ביים שיף־רודער אין אַ שטור־רעם־נאַכט, מיט פלאַטערנדיקן קאַפּיושאָן אין ווינט — אליין צווישן בליץ און רעגן און אויפגעזאָדענעם ים — מיט שטייפן, בראָנזענעם פּנים, מיט פעסטער קופּערנער האַנט, איינקעלאַמערט אין רודער.

גראַוויור פיר:

דער זעלביקער מאַטראָס... נאָר שוין אין די מיטעלע יאָרן. אַ דורכגעפרעסענער פון רעוומאַטיזם און אַלערליי קראַנקייטן, שפּאַצירט ער ארום מיט צוויי קוליעס אונטער די פאַכוועס אינם הויף פון אַ סאַנאַטאָריום; און צולעצט — גראַוויור פינף:

אַ יתומים־הויז וואו נוירסעס, אין ווייסע היטעלעך און מיט גליקלעכע מוטער־שמייכלען אויף ליפּן, וויגן עופעלעך פון אומגעקו־מענע מאַטראָסן, אָנגעטאָנענע אין ציכטיקע ווינדעלעך...

און דאָס אַלץ איז איינגעקויפט געוואָרן פאַר די געלדער, וואָס מען האָט געקליבן בשעת אַזעלכע קאָנצערטן, ביי די פּאַסאַזשירן פון „אַגאַמעמנאָן" און אַנדערע אָקרענטן. און דאָס אַלץ האָט זיך געענ־דיקט מיט אַ ציטאַט פון פיער לאָטטים „די פישערלייט פון איסלאַנד":

„און די שעהן פונם טאָג זיינען געפלאָסן איינע נאָך דער אַנדע־רער, און די שעהן פונם אָוונט, און די שעהן פון דער נאַכט, און די שעהן פונם פרימאָרגן... ווען נאָר זי פלעגט באַרעכענען ווי לאַנג צוריק ער האָט שוין באַדאַרפט צוריקקומען, פלעגט זי אַרומכאַפּן אַ גרויסער פּחד; און זי פלעגט דעמאָלט מער ניט וועלן וויסן ניט די נעמען פון די טעג, ניט וועלכער טאָג עס איז אין חדש..."

.2

אינם קאָנצערט האָבן דאָס מאָל אַנטייל גענומען, חוץ דעם שיף־אָרקעסטער, אויך אַן אָנגעזעענע אָפּערן־זינגערן, אַן אינטערנאַציאָנאַל־באַוואוסטער אידישער פידל־שפּילער און אַ באַרימטער סינעמאַ־אַר־טיסט, וועלכע זיינען אויף דער איצטיקער רייזע געווען פּאַסאַזשירן אויף דער שיף „אַגאַמעמנאָן".

אָבער מער פון אַלעמען האָבן אויסגענומען ביים פּובליקום די צוויי גראַציעזע שוועסטער, די באַוואוסטע אַרטיסטינס פון „פאָלי־בערזשער", וועלכע האָבן זיך איצט אומגעקערט צוריק אַהיים, קיין פּאַריז, פון זייערע אַמעריקאַנער גאַסטראָלן. זיי האָבן געזונגען מיט ריזיקן דערפאָלג עפּעס אַ חלבדיקע פּאַראָדיע, פול מיט צווייידייטיקע אָנצוהערענישן, אויפן נאַאיוון פראַנצויזישן פאָלקס־לידל:

„סאַווע־וואו פּלאַנטע לאַ שו אַלאַ מאָדע, אַלאַ מאָדע?"(20)

די וואָס האָבן אַליין ניט פאַרשטאַנען דעם ציניזשן באַדייט פון די פראַנצויזישע ווערטער ווענן „די פאַרשידענע אופנים פון קרויט־פּלאַנצן", האָבן אָבער שוין זייער גוט עס פאַרשטאַנען פון די אויגן־וואונקען פונם זינגעדיקן פּאָרל, פון זייערע אויסגעלאַסענע זשעסטן און העווית. די איינגעהאַלטענע פייערלעכקייט וואָס האָט די גאַנצע צייט געהערשט ביים אויספירן די ערנסטע נומערן, איז איצט פאַר־שוואונדן. מ'איז געוואָרן גאָר פריילעך און לוסטיק. די שיף האָט זיך די גאַנצע צייט שטאַרק געקאַטשעט. די פאָטעלן, די געפלאָכטענע באַמבוס־שטולן, אין וועלכע דאָס פּובליקום איז געזעסן, האָבן זיך גע־

האלטן אין איין רוקן פון זייערע ערטער, איינע אויף די אנדערע. איין פאטעל איז ארויפגעפארן אלע ווילע אויפן צווייטן. דער אינטערנא־ציאנאל־באוואוסטער אידישער פידל־שפילער, אויף דער עסטאדרע, האט זיך מיט מאטערניש געקאנט האלטן אויף זיינע פיס, ווי ער וואלט געווען שכור. אבער דאס אלץ האט נאך מער פארשטארקט די לוס־טיקייט און די פרייד פון יעדן איינעם.

אבער נאך מער פארשטארקט האט זיך די פרייד, ווען ס'האט זיך אנגעהויבן די גרויסע, רייכע פראצעסיע פון די פארשידנארטיקע מאסקעס פארביי דער דזשורי. מרס. בלייק און מרס. באלדאמערא האבן אינם מאסקעראד אויך אנטייל גענומען — זיי זיינען ביידע געווען אנגעטאן אין שפאניש־ארגענטינישע קאסטיומען מיט הויכע אויפגעשלאגענע פריזורן, אין וועלכע עס האבן געשטעקט הויכע קא־מען מיט איינגעפאסטע זעלטענע בריליאנטן ; ארום די נאקעטע אקס־לען — שווארצע שפיצן־שאלן ; טאמבורינען אין די הענט.

מר. בארדאש און מר. רייכענטאל, וועלכע האבן געוואוסט ווער עס געפינט זיך הינטער אט די מאסקעס, האבן שטארק אפלאדירט, ווען מרס. בלייק און מרס. באלדאמערא זיינען פארבייגעגאנגען אין דער פראצעסיע דעם טיש פון דער דזשורי. זיי האבן באמיט זיך צו פראוואצירן אינם ארומיקן נייגעריקן עולם אלגעמיינע אפלאדיסמענטן. אבער ווען עס האט זיך אנגעהויבן דאס אויסטיילן די פריזן, האט זיך ארויסגעוויזן, אז זיי האבן ביידע גארנישט געקראגן.

צווישן די מאסקעס וואס האבן יא געקראגן א פריז, האט זיך דערפאר געפונען א מאסקע וואס האט פארגעשטעלט בסך־הכל עפעס א פשוטן מאטראס : ער איז געווען אנגעטאן אין לאנגע קאוטשור־קענע שטיוול ,אין בלויע ארבעטס־קליידער, אין א גלאנציק צעראטע־נעם מאטראסן־הוט מיט ברייטע ברעגן. די גאנצע דזשורי האט אפילו אין אט דער מאסקע און אין אט דעם קאסטיום קיין שום באזונדערע ארגינינאליטעט נישט איינגעזען, אבער עס האט דאך פארט פארגע־שטעלט מיט זיך איינעם פון יענע אומגליקלעכע, צוליב וועלכע דער דאזיקער גאנצער גאלא־קאנצערט איז איינגעארדנט געווארן. און כאטש אויף די אויגן האט דער „מאטראס" געטראגן א מאסקע, האט אבער זיין מויל גאלדן אויסגעקוקט זייער באקאנט : א מויל א ברייטס און א תאוהדיקס, מיט צוויי לאנגע קנייטשן וואס האבן עס איינגעקלאמערט פון ביידע זייטן.

.3

דער עולם איז געוואָרן שטאַרק אומגעדולדיק בשעת דער אַלטינ־קער פראַנצויזישער אַבּבאַט האָט מיט זיין שעפּעליאַווער אַרויסשפּראַך אָנגעהויבּן האַלטן אַ רירנדיקע דרשה — צום ערשט אין פראַנצויזיש און דערנאָך אין ענגליש. אַ דרשה וועגן געשטראַנדעטע מאַטראָסן, וועגן יונגע אַלמנות, וועגן אָרימע יתומים־עופעלעך... ביז ער האָט צום סוף אונטערגעשטראָכן, אַז ס'איז גלייכער מען זאָל די נדבות געבּן אין אַמעריקאַניש געלט, איידער אין פראַנצויזיש.

„דער אַלמעכטיקער דאָלאַר", — האָט ער אַ קרים געטאָן דערביי זיין נאָך גאָר יונגן, רויטינקן און ריין־געראַזירטן פּנים, און עס איז נישט געווען קלאָר: צי דאָס האָט ער געמיינט אויף אַזאַ אופן געבּן אַ העפלעכן און אַ שולדיקן שמייכל אויף דער געפאַלנקייט פונם פראַנצויזישן געלט, צי דאָס האָט ער געמיינט צו באַווייזן, אַז דאָס ווילט ער זיך בלויז... אָדער גאָר — דאָס האָט ער זיך איינגעהאַלטן אויף אַזאַ אופן פון פאַנאַנדערוויינען זיך פון גרויס צער און געפאַלנ־קייט קעגן די רייכע אַמעריקאַנער?

דאָס פּובּליקום איז שוין איצט געווען זייער אומגעדולדיק. מען האָט שוין געוואָלט ענדלעך אַריבּערגיין אין באַר, באַגעגענען דעם ניי יאָר. איז ווען די דריי יחוסדיקע און רייכע יונגע לײדים — וועלכע האָבּן געקראָגן צוגעטיילט דעם כבוד אַרומצוגיין מיט די וואַזעס אויף אויפצוקלייבּן די נדבות — האָבּן זיך געלאָזט גיין צווישן די פאָטעלן און באַמבּוס־שטולן, האָט זיי דעריבּער דאָרט דערוואַרט אַ גרויסער סורפּריז: די וואַזעס זיינען גאָר אינגיכן, ממש אין אַ מינוט צייט, פול געוואָרן מיט געלט־בּילעטן פון היפּשער גרויס און ווערט.

ניין, מען האָט ניט געזשאַלעוועט קיין געלט. עס האָט געפלאַ־טערט פּאַפּיר־געלט, עס האָבּן געקלונגען גאָלדענע און זילבּערנע מטבעות — עולם איז בלויז געווען שטאַרק אומגעדולדיק און האָט בעסער געזשאַלעוועט צייט.

— נו, אַן עק זאָל עס נעמען... — האָבּן פּנימער שווייגנדיק גערעדט. — זאָל זיך עס שוין ענדלעך ענדיקן, דער דאָזיקער שנאָ־רערישער ענין...

און ניט אומזיסט האָט מען עס זיך טאַקע געאײלט. אַז דער עולם איז אַריינגעקומען אין אַ ווײלע אַרום אין באַר, זיינען כמעט

אַלע טישלעך שוין געווען באַזעצט. ס'איז געווען פשוט צום וואונ־דערן: פונוואַנען האָבן זיך עס מיטאמאָל גענומען אַזויפיל מענטשן?...
אַלע, אַלע פּאַסאַזשירן פון דער „אגאַמעמנאָן" האָבן זיך היינטיקע נאַכט געפונען אין באַר. אָ, קיינער איז היינטיקע נאַכט נישט געווען קראַנק, קיינער.

אויף אַלע טישלעך זיינען שוין געשטאַנען גרייט קליינע עמער־לעך, באַדעקטע מיט אַ פּראָסטיקן טוי, ווי מען וואָלט זיי ערשט גע־האַט אַריינגעטראָגן פון אַ פּראָסטיקן שנייאיקן דרויסן. גרויסע פאַר־חתמעטע פלעשער שאַמפּאַניער, „טרוקענע" און „האַלב־טרוקענע", פראַנצויזישער און ענגלישער געשמאַק, האָבן זיך געקילט אינם צו־ברעקלטן אייז, וואָס אין די עמערלעך. „גאַרסאָנען" פון 40 און 50 יאָר אַלט, געניטע געטראַנקען־סערווירעס, זיינען געשטאַנען הינטער די טישן, גרייטע און אויסוואַרטנדיקע אויפן מינדסטן באַפעל און וואונק פון די מושלים אין די פּרעק און פרינץ־אַלבערטס, וואָס האָבן זיך דאָ פאַנאַנדערגעזעצט.

יאָ, אַלע, אַלע זיינען דאָ היינטיקע נאַכט געווען. אין דער לופט האָבן זיך געטראָגן קלאַנגען פון אַלערליי לשונות: פראַנצויזיש, ענגליש, איטאַליעניש. עס האָבן היינט אָוונט אויפגעהערט די שטילע באַהאַלטענע ברוגזן, וואָס הויבן זיך געוויינלעך אָן אויף אַ שיף, שוין אויפן פערטן־פינפטן טאָג פון אַ ים־רייזע, ווען מען הויבט אָן ווערן מיד פון דער איינטאָניקייט פונם שיף־לעבן, און מען הויבט זיך שוין אָן דערעסן. די דאָזיקע ברוגזן — וואָס דרייען זיך געוויינלעך אַרום אָנגערירטן כבוד און ניט־וויכטיקע ליבע־אינטריגעס — זיינען היינט אָוונט אַריבערגעשפּאַנט געוואָרן. אויף די טישן האָבן זיך פאַנאַנ־דערגעבליט בונטע און פאַרביקע קאָלירן פון וויינען און וויסקיס, פון ליקערן און קאָקטיילס.

נערוויש און פרייליכער געטומל זיינען געשטאַנען געדיכט. דזשעז־אָרקעסטער האָט געדונערט מיט אַלע זיינע בלאָז־ און לופט־ און פּלעקל־אינסטרומענטן. עס האָבן געטאַנצט און געהאָפּקעט אַלט און יונג. און אַז מוזיק און פּיס האָבן אויף אַ ווײַלע אויפגעהערט קלאַפּן האָט זיך גלייך אָנגעהויבן אַ קלאַפּ פון באַקאַלן און ציינגער.

עס האָבן ווידער היינט געצויגן אויף זיך אַלעמענס אויפמערק־זאַמקייט די צוויי שוועסטער, די טענצערינס פון „פּאַלי־בערזשער", מיט זייער פּיקאַנטן און בלוט־אויפרעגנדיקן אויסזען. אַנשטאָט ברע־

מען, וועלכע זיינען געוועזן ביי זיי איינגאנצן אפגעגאלט, האבן זיי געהאט איבער די אויגן צוויי לאנגע, שטארק־שווארצע קוילן־שטריכן. די פלאמענדיק געפארבטע ליפן זייערע האבן נאך שטארקער אונטערגעשטראכן די בלייכקייט פון די מאגערע געפודערטע פנימער. די לאנגע, קינסטלעך-געפלאכטענע וויעס — ווי פליגלען פון פלאטערלעך — זיינען געוועזן ווי א קליינע נעץ ארום די קאלטע, נאכאנאנד און אויף אלעמען זיך זשמורענדיקע עגאאיסטישע אויגן. די נעגל — אומגעווינלעך לאנג, שפיציק און אפגעפארבט מיט אזא גאלד־פליסיקייט. און איינגאנצן האבן זיי אויסגעזען — טאנצנדיק צו־סטאטעטשנע אזוי און צו־רעזערווירט, מיט קאלטע פנימער אן אויסדרוק, — ווי ניט קיין לעבעדיקע באשעפענישן. זיי האבן גיכער געכאפט דעם אנבליק פון בלייכע, וואקסענע ליאלקעס, — אדער גאר פון אזעלכע אויסטערלישע געלערנטע קעץ וואס האבן זיך פלינק באוועגט אויף די הינטערשטע פיסלעך...

.4

און אין דרויסן האט דער אקעאן דעם גאנצן אוונט געהאלטן אין נאכאנאנדיקן שטורמען די ווענט פון דער שווימענדיקער מענטשלעכער פעסטונג.

זיינע טויבע קלעפ, ווי קלעפ פון „באראנעס" אין די הויכע ווענט פון א שונאס מויער, זיינען מיט יעדער מינוט געווארן איינגעעקשנטער, הילכיקער און מעכטיקער. דא, אין באר, האט מען עס אבער דערווייל ניט געהערט. דער סאקסאפאן און דער טראמבאן, די טראמפייט און די פויק האבן געקלאפט, געקלאפט, געקלאפט.

און אין די טיפענישן פון דער הייץ־אפטיילונג פון דער „אגאמעמנאן" איז היינטיקע נאכט געוועזן די זעלביקע וואך ווי די לעצטע נאכט און אלע אנדערע נעכט פון דער נסיעה. טעג ווי נעכט, און נעכט ווי טעג, — דא איז נישט נאר נישט געוועזן קענטיק דער חילוק צווישן וואך און יום־טוב ; קנאפ איז דא אויך בכלל געוועזן דער אונטערשיד צווישן נאכט און טאג.

עס איז היינטיקע נאכט, ווי די גאנצע צייט פון דער רייזע, דא געוועזן מוראדיק היים — אן אייביקער גהינום. רייען גאנצע פון ריזיקע קעסלען, אנגעפילטע מיט אייל, האבן היינטיקע נאכט, ווי אלע

נעכט, געדאַמפּט און געשפּרייט ארום זיך נודנעם שטיקענדיקן ריח. מאַשיניסטן און הייצערס זיינען ארומגעגאַנגען כמעט נאַקעטע, אין איינע הויזן. אָרעמס און האָריקע ברוסטן און גאַנצער אויבערשטער גופטייל — פאַרשמירט, פאַרפּעצט און פאַרברוינט. שווייגנדיק, האָבן זיי זיך דאָ די גאַנצע צייט ארומגעדרייט. שווייגנדיק, פלעגן זיי פון צייט־צו־צייט אויפעפענען א טירל פון איינער פון פילע אויוועלעך וואָס האָבן אייביק געברענט אונטער די קעסלען. שווייגנדיק... און אויב עס האָבן זיך פונקט אין דער זעלביקער צייט געעפנט עטלעכע טירלעך מיטאמאָל — דעמאָלט פלעגט אויף זיי א שפּאַר טאָן א גרויס פייער, א פלאַמענדיק רויט ליכט; דעמאָלט פלעגן זיי קריגן דעם אָנבליק פון האלב־לעגענדארישע באַשעפענישן, פון געטער, וועלכע זיינען פאַרמשפּט געוואָרן אויף אייביקער תפיסה — אויף אייביקער תפיסה אין פייערדיקער פינצטערניש פון שיפס געדערים...

ניינטער קאַפּיטל

.1

גאָלד איז געזעסן היינט אין באַר ווי א זייטיקער.

מרס. בלייקס באַמערקונג ביים דינער־טיש האָט אים אריינגע־בראַכט אין א זויערער שטימונג. זיין אויסערלעכער אויסזען איז אויך נישט געווען אזא יום־טובדיקער; ער האָט נישט געהאַט אויף זיך קיין סמאָקינג ווי אַלע דאָ. ביז דער לעצטער מינוט האָט זיך אים אַלץ געדוכט, אז דער אוואנטוריסטישער ניקאָלאַ וועט טאַקע פּאָרט צו אים קומען אין קאַיוטע און זיך איבערטאָן אין זיין, גאָלדס, סמאָ־קינג, כדי געהיימערהייט צו זיין אויפן באַל. שפּעטער האָט אים גאָלד שוין מער נישט געוואָלט אָנטאָן, דעם פאַרהאַסטן סמאָקינג זיינעם.

דאָס לוקסעמבורגער ווייבל, וועלכע האָט דאָ נישט געהאַט קיין אנדערן קאַוואַליער, האָט אים אבער די גאַנצע צייט נישט אָפּגעלאָזן. זי האָט זיך אויף אים אָנגעזעצט — זי מוז אים נישט אנדערש מאַכן פריילעכער; זי מוז אים נאָר אריינברענגען אין א מונטערער שטי־מונג... זי האָט אים חניפהדיק און קאָקעטיש געקוקט אין די אויגן אריין, בשעת זי האָט אים געזונגען א לירישן קאַבאַרעטן־לידל:

"Monsieur a l'air morose,
j'en sais la cause....
Il est sans compagnie,
sans une amie—
et il s'ennuie[21])

איר קלינגענדיקע אַלט־שטים איז געווען זייער אַנגענעם, כאָטש אַביסל מענעריש. נאָר סיי־ווי: גאָלד האָט זי ווייניק געהערט. ער האָט די לעצטע עטלעכע מינוט מיט שטאַרקן נייגיר זיך אַלץ געהאַט צוגעקוקט צו דעם שלאַנקן „מאַטראָס" אין די לאַנגע קאַאוטשוק־שטיוול, וועלכער האָט נאָך אין קאָנצערט־זאַל צוגעצויגן זיין אויפמערקזאַמקייט: יענער האָט נאָך אַלץ די מאַסקע פון זיך ניט אַרונטערגענומען. ניט געקוקט אויף דער שווערקייט צו טאַנצן אין אַזעלכע אומגעלומפּערטע שטיוול, האָט אָבער דער מאַטראָס דערווייל קיין איין־איינציקן טאַנץ נישט דורכגעלאָזן. און גאָלד האָט מיט שטילן הנאהדיקן ציטער נאָכגעקוקט אים די גאַנצע צייט...

ער האָט דעריבער ניט געהערט ווען דער אַלטער גאַרסאָן, א בכבודיקער עלטערער מענטש מיט שוין־דורכוים גרויע האָר, האָט זיך עטוואָס איבערגעבויגן איבער אים און אים געפרעגט צי ער זאָל אויפקאָרקן דעם פלאַש שאַמפּאַניער וואָס אינם אייז־עמערל אויפן טיש. און דעריבער האָט ער אים אויך גאָרנישט געענטפערט. דאָס לוקסעמבורגער ווייבל האָט אויפגעפלאַמט אַזוי שטאַרק, אַז אפילו אויף אירע טונקלעכע באַקן האָבן זיך באַוויזן רויטע פלעקן. שרעקלעך א באַליידיקטע, האָט זי אויסגערופן צום אַלטן גאַרסאָן, אויף איר אייגענעם חשבון:

— גאַרסאָן, א „קרעם־דע־מאַנט"!

מיט א קלוגן, זייער באַשיידענעם שמייכל האָט איר דער גאַרסאָן אויסגעדריקט זיין מיטגעפיל, וואָס נעבן איר זיצט אַזט מין בור, אַזא מין ניט אויפמערקזאַמער קאַוואַליער. און נאָך מיט א העפלעכערן פאַרנויג האָט ער ביי איר געבעטן ווייטערדיקע אינפאָרמאַציע וועגן דעם באַשטעלטן טרונק — ווי זאָל עס זיין — „נאַטיר" (געוויינלעך) אָדער „פראַפּע" (מיט צוהאַקטע אייז)?

— נאַטיר! — האָט דאָס שוואַרץ־חנעוודיקע ווייבל אויף אים א געשריי געטאָן, פּונקט ווי ער אַליין, דער אַלטער און בכבודיק־

שווייגנדיקער גאַרסאָן, וואָלט עס געווען דער שולדיקער אין אַלץ... דער גאַרסאָן האָט קלוג און פאַרגעבעריש א שמייכל געטאָן און אוועק נאָכן באַשטעלטן טרונק.

אָבער אַז גאָלד, וועלכער האָט דאָס אַלץ צוגעהערט ווי דורך א שלייער, האָט אומגעקערט אין א ווײַלע אַרום זײַן פּנים צום לוקסעמבורגער ווײַבל, האָט זי שוין מיט איר זיסן און פאַרפירערישן שמייכל געזונגען א צווייטע סטראָפע פונם זעלביקן לירישן און רירנדיקן לידל וואָס פריער. אָ, זי האָט זיך ממש געבעטן ביי אים, באַ גאָלדן, — פונקט ווי אָט יענע בלומען־פאַרקויפערין ביים דורכגייענדיקן הער:

"Beau senior sans seniorita,
acceptez cette fleurette!
Ce soir dans votre chambrette
l'amour elle vous portera...[22])

און אין א מינוט אַרום האָט זי אים שטילערהייט, מיט אַזעלכע וויכטיק־אויפגעלויכטענע אויגן און מיטן זעלביקן פאַרפירערישן שמייכל, אָנטקעגן געטראָגן דעם פּראָגראַם פונם הייַנטיקן גאַלאַ־קאָנצערט. אויפן דאָזיקן פּראָגראַם האָט דאָס שוואַרץ־חנעוודיקע ווײַבל פון לוקסעמבורג, מיטן נאָמען נאַנעט, שוין באַוויזן אומגעזעענערהייט אויסצוציקלען מיט היפּשע געדריידלטע אותיות אירן א דעוויז, — אירן א דעוויז, אים אויף אייביק:

"Semper idem, semper fidelis—Nanette."

.2

און אין באַר האָבן די גאַנצע צייט אַלע, לחלוטין אַלע געטאַנצט. אַלטינקע פּאָרלעך האָבן געהאָפּקעט ווי זשאַבעס, געדריגעט מיט פּיסלעך דעם טשאַרלסטאָן און דעם בלעק־באָטאָם. די מוזיקאַנטן האָבן אַלע ווײַלע אונטערגעגעבן היץ — ווי עס גיבן אונטער פּאַרע בעדער אין א קליינשטעטלדיקן מרחץ... עטלעכע פון זיי, די פּייקלער און די באַנדזשאַ־שפּילער, האָבן איינצייטיק אי געשפּילט אי געזונגען.

דער בלאָנדער איטאַליענער, סעניאָר באַראַנגוטשי — דער זעלביקער וועלכער האָט אינדערפרי בשעת דער מעסע, אַזוי דבקותדיק געשפּילט אויף זײַן וויאָלענטשעל „אווע־מאַריאַ" — האָט איצט אויף א

סאַקסאָפאָן ממש געקערט וועלטן. ער איז ניט איינגעזעסן קיין איין מינוט אויף זיין פּלאַץ — ער האָט געאַרבעט מעשים. אָט האָט ער זיצנדיק געהאָפּקעט זיך אויפן הינטן, ווי עפּעס וואָלט אים דאָרט געשטאָכן; אָט האָט ער אונטערגעטאַנצט, זיך אויפגעהויבן, האָט געקנייטשט זיין פּנים אין אַלערליי משוגענע העויות, איז אַרומגעלאָפן הין און צוריק ווי ער וואָלט אַרונטער פון זינען! און די גאַנצע צייט האָט ער אַקראָבאַטיש און קונציק געפּאָכעט און געטרייסלט מיטן סאַקסאָפאָן אין דער לופטן. ער האָט אַרויסגעצויגן פונם סאַקסאָפאָן די פרייליכסטע טענער — די גאַנצע צייט האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ביי אים אין סאַקסאָפאָן זיצט עפּעס אַ קליין פּאַיאַצל און הירזשעט הויך און לוסטיק איבער די קעפּ פון אַלע טאַנצנדיקע.

— האַ־האַ־האַ! האַ־האַ־האַ!

דער מאַטראָס אין די הויכע קאַוטשוקענע שטיוול האָט סיי מיט זיין קליידונג און סיי מיט זיין שלאַנקער פיגור זיך בולט אויסגעטיילט פון די איבעריקע טענצערס, נאָך קיינער האָט זיך אויף אים, אין אַלגעמיינעם יריד פון קאָסטיומען און מאַסקעס, נישט אומגעקוקט.

גאָלד האָט אַליין געפּרוווט ציען מרס. באַלדעמעראס אויפמערקזאַמקייט צום דאָזיקן שיינעם טאַנצנדיקן יונג — ער האָט געפּרוווט אַ ווייל טאָן זיך איבער דעם, וואָס יענער איז נאָך צו איר נישט צוגעגאַנגען קיין איינמאָל איינלאַדן זי אויף אַ טאַנץ, אין דער צייט וואָס ער האָט שוין באַלד איבערגעטאַנצט מיט אַלע דאַמען און פריילינס אין באַר. נאָר מרס. באַלדאַמערע האָט זיך וועגן דעם, אַפּנים, ווייניק געקימערט: אין אָט דער זעלבער מינוט איז צו איר צוגעגאַנגען און זי איינגעלאַדן צו אַ טאַנץ אַליין דער קאָמענדאַנט פון דער שיף.

דאָס איז געווען אַ קורצינקער, פּעמפּעקאָוואַטער אַלטינקער מיט גרויע טאַשמעס האָר אין זיין נידעריק־געשאָרענעם קאָפּ. דער קאָפּ זיינער איז געווען מאָדנע אַזוי: גרויס ווי ביי אַן אָקס — ער האָט כּלל נישט אויסגעזען, ווי אַ מענטשן־קאָפּ נאָר ווי אַן אויף־צופליסן אָנגעטאָנענער אָקסן־קאָפּ, — ווי ס'וואָלט געווען ניט קיין קאָפּ, נאָר אַ מאַסקע אַזאַ. דער קאָמענדאַנט האָט היינט אָוונט פאַרקערט מיט די פּאַסאַזשירן פון „אַגאַמעמנאָן", ווי אַ גליכער מיט גלייכע — צוליבן גרויסן יום־טוב.

אין דרויסן האָט דער ים געדונערט און זיך מיט יעדער מינוט אַלץ מער צעווילדעוועט. די שיף האָט ווייטאַגדיק געקרעכצט. טאַנצנ־דיק אַ וואַן־סטעפּ — לעבן דער הויכער און פול־לייביקער מרס. באַל־דאַמערא האָט ער אויסגעקוקט נאָך קירצער ווי אין דער אמתן — פלעגט דער קורצינקער קאַפּיטאַן אַלע ווײַלע אָנבויגן אָן אַ זייט זיין נידעריק־געשווירענעם גרויסן קאָפּ, ווי ביי אַן אָקס, פלעגט זיך די גאַנצע צייט צוהערן מיט אומרו צו דעם, וואָס עס טוט זיך אין דרויסן.

פון די טישלעך פלעגן אַלע ווײַלע ארונטערפאַלן באָקאַלן, גלעז־זער... אַבער ווייל די טישן זיינען געשטאַנען אויף גומענע טעפּיכלעך, פלעגן די באָקאַלן אָפּשפּרינגען און זיך נישט צעברעכן, פּונקט ווי זיי וואָלטן אַליין געווען פון גומי.

צו האַלבער נאַכט־צו האָט דער ליאַרעם דערגרייכט זיין העכסטע מדרגה.

דאָס נייע יאָר איז אויפגענומען געוואָרן מיט אַ פּילדערן, אַ קלאַפּן מיט קאַלאַקאַטקעס, אַ גרעגערן מיט מעשענע גרעגערס, אַ קלינ־נען פון באָקאַלן, אַ קושן זיך און אַ ווילד שרייען „הורא". דאָס רוב פון עולם איז שוין געווען איצט גוט שכור. אין דער האַלב־קילער גלאָז־געדעקטער קאַפע-וועראַנדע נעבן באַר, וואו ס'איז איצט פאָרגע־קומען דאָס טאַנצן, האָבן זיך עטלעכע צעהולעטע טענצערס מיט אַמאָל אַנידערגעזעצט טאַקע גלייך אויפן דיל, אין זייערע עלעגאַנטע פראַקן און סמאָקינגס, מיט די קאָלירטע פּאַיאַצן־מיצלעך אויף די קעפּ. איי־נער האָט געמוזט דאָרט דערציילן דעם צווייטן עפּעס אַזעלכע זייער פּעפּערדיקע וויצן. און אין אַ ווײַלע ארום האָבן זיי זיך שוין אַלע געקאַטשעט אויפן דיל פון גרויס געלעכטער.

פון די שטייף־ארומגעשנורעוועטע קאַבאַרעט ־ טענצערינס פון „פאָלי־בערזשער" האָט זיך סוף־כל־סוף אראָפּגעשיילט די ארויפגע־צוואונגענע „ליטישקייט". זיי זיינען שוין געווען איצט שכורלעך. זיי האָבן זיך אָנגעכאַפּט אָן איינעם פון די מעשענע שטאַנגען אין מיטן קאַפע־וועראַנדע און זיך אנגעהויבן וויכערדיק דרייען ארום אים איינע נאָך דער אַנדערער אין אַ מין קינדערשן שפּיל. זייערע קורצע, בלישטשענדיקע קליידלעך האָבן זיך פאַנאַנדערפלאַטערט, זיינען אויפגעשוואָלן געוואָרן אין אַ בייגל. באַפראַקטע הערן האָבן מיט גרויס געלעכטער אָנגעזאַטלט אויף נאָז, אויף אויג פענסנע, מאָנאָק־לען... איין פּאַסאַזשיר האָט אונטערגעגעבן לוסט דעם צווייטן :

— אַט אזוי... אַט אזוי לאָמיר אויפנעמען דאָס קליינע אומשול־דיקע עופעלע מיט די ווייסע מלאך־פליגעלעך — דאָס נייע יאָר...

ביי איינער פון די צוויי שוועסטער־טענצערינס האָט זיך פלוצלינג אָפגעדרייט אַן אָפּצאַס פון איר באַפּערלטן שיכעלע. זי האָט זיך אנידערגעזעצט אויפן מיטן דיל און ארונטערגענומען אויך דאָס צווייטע שיכעלע און שטיפעריש געלאַכט פונם אייגענעם איינפאַל. ביי דער צווייטער שוועסטער האָט זיך אין מיטן טאַנצן איבערגעריסן איינס פון די צוויי זיידענע בענדלעך איבער די נאַקעטע דינע אַקסלען, אויף וועלכע ס'איז געהאנגען דאָס גאָלדן־שימערירנדיקע באַל־קליידל, ווי שופּן פון אַ גאָלדענעם פיש. זי האָט זיך אַלץ געריסן צום קורצינקן און העפלעך־שמייכלענדיקן קאָמענדאַנט — זי האָט נאָר געוואָלט טאַנצן מיט א י ם א שימי... איר שווייגנדיקער מאַנסבילישער פּאַרטנער — איר געהיים־שווייגנדיקער באַגלייטער בעת דער נסיעה — האָט זי געפּרוּווט אָפּהאַלטן, האָט געוואָלט פאַרמיידן בזיונות, נאָר זי האָט אים בשום אופן נישט געהערט. זי האָט זיך אַלץ געריסן צום קאָמענדאַנט. מיט דער לינקער האַנט האָט זי צוגעהאַלטן דעם אָפּגעריסענעם עק פון קלייד און מיט דער רעכטער האָט זי אַלץ געפּרוּווט ארומנעמען דעם קאָמענדאַנט, וועלכער האָט זיך העפלעך און פאַרזיכטיק פון איר ארויסגעדרייט. דערביי האָט זי, שוין מיט א הייזעריקלעכער שטים, געזונגען:

> “I want to be happy,
> But I can’t be happy
> Unless I make you happy too...”

צענטער קאַפּיטל

1.

און אַט:

סאַמע אין אַט דעם רעכטן טומל, גלייך נאָך האַלבער נאַכט, האָט זיך דער מאַטראָס אין די לאַנגע קאַוטשוקענע שטיוול דערנענטערט צום טישל וואו עס איז געזעסן מרס. באַלעמאַרא, און זיך גאָר עלעגאַנט פאַרבויגן פאַר איר: מיט אַט דעם שווייגנדיקן פאַרבויג האָט ער

זי איינגעלאַדן צו א טאַנץ. איבער די אויגן און נאָז האָט ער נאָך אַלץ געטראָגן דעם שמאָלן, שווארצן פּאַס פון א מאַסקע.

מרס. באַלדעמארא האָט ניט געקענט פארבאַהאַלטן אויף איר פּנים דעם אויסדרוק פון צופרידנקייט און צושמייכלטקייט, וואָס דער דאָזיקער געשיקטער טענצער האָט זיך ענדלעך אויף איר אומגעקוקט.

און באַלד האָט ער און מרס. באַלדאַמערא אָנגעהויבן וויגן זיך ריטמיש און וואוילקענעוודיק איבערן געוועקסטן דיל פון דער קאַפּע־וועראנדע; וויגן זיך צו די זיסע און קיצלדיקע קלאַנגען פון ארגענ־טינישן טאַנגאָ.

ביי גאָלדן האָבן די אויגן אויפגעגליט. נאָר צוליב דער אָנגערוי־כערטער געדיכטקייט און רויכערדיקן טומל, האָט ער נישט געקענט נאָכפאָלגן דאָס טאַנצנדיקע פּאָרל פון דערווייטנס. ער האָט דעריבער נישט געקענט וויסן, וואָס עס איז דאָרט פאָרגעקומען צווישן די צוויי, און צו האָבן זיי בכלל גערעדט צווישן זיך בשעתן טאַנצן. ער האָט בלויז באמערקט: ווען דאָס פּאָרל האָט זיך צוריק אומגעקערט צום טישל, איז מרס. באַלדאַמעראַס געזיכט געווען בלייך ווי קרייד.

זי האָט זיך צוריק אַנידערגעזעצט ביים טישל, זיך מער ניט אומ־קוקנדיק אויף איר אָקאָרשטיקן טאַנץ־פּארטנער. אָבער יענער האָט זיך עס, קאָנטיק, וויייניק גענומען צום הארצן. ניט איינגעלאַדענערהייט, האָט ער צוגערוקט א שטול און זיך אויך צוגעזעצט צום טישל. זיין שיין מויל מיט די רויט-תאוהדיקע ליפּן האָט זיך פאַנאַנדערגעעפנט; ס'האָבן זיך באַוויזן צוויי רייען גלאַנציקע און זיגעריש־שמייכלענדיקע ציינער. ער האָט אָבער אַלץ ביים טישל מיט קיינעם קיין וואָרט נישט אויסגערעדט.

און אין באַר האָט זיך געגאָסן אַלץ מער און מער שאַמפּאַניער, און דער אָקעאַן האָט נאָכאַנאַנד געדונערט אָן די ווענט פון „אגאַממעמ־נאָן" און זיי געפּרואוווט דורכברעכן... נאָר קיינער האָט עס, דאכט זיך, דאָ נישט געפילט. די מוזיק האָט אַלץ געקנאַקט נאָכאַנאַנד אין איין געמיש: איין טאַנץ נאָכן צווייטן, טיטינא און וואַלענציא און דעם טשאַרלסטאָן. ארום די צוויי האַלב־שכורע קאַבאַרעט-טענצערינס האָט זיך ארומגעקליבן אויף חדושים א היפּשער עולם: די צוויי שוועסטער האָבן באַוויזן דעם גאַפנדיקן, באַגייסטערטן עולם די „סטעפּס" פון נייסטן טאַנץ, פונם „בלעק-באָטאָם" — דער מתנה פאר פראנקרייך

פונם „אַמעריקאַנישן פאָלק", וואָס די צוויי באַרימטע טענצעריננס האָבן מיט זיך מיטגעפירט איצט פון אַמעריקע.

דערנאָך האָבן זיך געלאָזט הערן די זיס־סענטימענטאַלע קלאַנגען פון דעם נייעם „אירווינג־בערלינישן"23) וואַלצער. די „פרייע מיילער" אינם דזשאַז־אָרקעסטער האָבן ווידער אויפגעזונגען:

“I've been loving you always...
With a love that's true—always, always...”24)

2.

דער קורצינקער קאָמענדאַנט האָט זיך אויפגעהויבן, האָט פאַר־בויגן זיין נישט־מענטשלעכן, זיין ווי־אויף־צופליסן־אַרויפגעטאָנענעם אָקסישן קאָפּ פאַר מרס. באַלדעמאַרא. נאָר זי האָט זיך אַנטשולדיקט: זי האָט זיך עפּעס מיט אַ האַלבער שעה צוריק אָנגעהויבן פילן אַזוי ניט גוט — דער אָקרענט, ווייסט איר, וואַרפט, וואַרפט זיך אַזוי שטאַרק — עס נודיעט זי — זי וועט שוין היינטיקן אוונט, ווייזט אויס, מער נישט קאָנען טאַנצן.

גלאָד באַטראַכט פון דער זייט איר ליכטיק־בלאָנד פּנים וואָס איז איצט פאַרכמורעט אַזוי און פאַרוואָלקנט — ער האָט אַ שטילע, אַ פריידיקע הנאה פון דעם אַלעמען וואָס קומט איצט פאָר ביים טיש.

און נאָכמער האָט ער הנאה דערפון וואָס קיינער דאָ, חוץ אים, ווייסט ניט וואָס עס קומט דאָ אייגנטלעך איצט פאָר.

מיטאַמאָל ווערט ער גאָר, גאָר גוט אויפגעלייגט — ער הויבט אָן אַריינגיסן אין זיך איין גלאָז שאַמפּאַניער נאָך אַ צווייטן, ווי ער וואָלט געוואָלט איצט שטילן אַ לאַנגיאָריקן דורשט.

— נאָך אַ פלאַש! עפענען נאָך אַ פלאַש! הערי גאַרסאָן, ברענג נאָך אַ פּאָר, גיסט אָן אַלעמען!

דער אַלטער „גאַרסאָן" קריגט פּאָר אים דעמאָלט גרויס דרך ארץ — ווי פאַר אַ וויכטיקן שררה וואָס האָט ענדלעך אָנגעהויבן אויפצו־האַלטן זיין שררהשן פּרעסטיזש. ער ווישט אַרום פלאַש נאָך פלאַש מיט זיין ווייסן האַנטיכל, עפנט דעם שאַמפּאַניער מיט אַ קנאַק און מיט אַ קליינעם לופטיקן רויכל.

מרס. בליק באַשליסט באַלד אויפֿן אָרט, אַז זי הויבט גאָר־נישט אָן צו וויסן פֿון דעם גאַנצן שטילן ברוגז וואָס קומט פֿאָר צווישן זיי ביידע א גאַנצע נאַכט. זי רייסט אַרונטער א בלימל פֿונם היפּשן בוקעט פֿון פרישע גערעניעס אויפֿן טיש — פרישע רויט־בלוטיקע גערעניעס אינמיטן אָקעאַן — און שטעקט עס אַריין גאָלדן אין לאַץ:

— הורא! זי זינגד דעקאָרירט פאַרן שפּענדער!...

דאָס לוקסעמבורגער ווייבל רוקט זיך צו אים דעמאָלט צו נאָך נענטער. זי נעמט אים וואָרים אָן פאַר א האַנט — זי וויל אים לייע־נען זיין „גורל”: זי איז ממש א קינסטלערין אין פּאַלמיסטרי... נאָר גאָלד לאָזט זיך ניט; ער רייסט אַרויס זיין האַנט פֿון אירער, וועלכע שוויצט אַביסל. ער נעמט זיך אַביסל איבער — ער פילט אַז ער איז איצט אין דער מעלה. ער שרייט אויף, — ער וויל וויסן:

— וואָס איז עס דער מער מיט מרס. באַלדעמאַרא? פאַרוואָס איז זי עפּעס מיט אַמאָל געוואָרן אַזוי אומעטיק, אַזוי פאַרזאָרגט? פאַרוואָס דערלאָזט מען עס, האַ? מען דאַרף זי זען ווידער פריילעך מאַכן.. אַנו, אַלע צוזאַמען....

ער איז דער ערשטער, וועלכער נעמט זיך אונטער זי פריילעך צו מאַכן. אונטער דער ווירקונג פֿון די עטלעכע גלעזער זויערן שאַמ־פּאַניער וואָס האָט פאַר אים געהאַט דעם טעם פֿון פשוטן קוואַס; אונטער דער ווירקונג פֿון דער שאַרפער נקמהדיקער פרייד, מיט וועל־כער ער שטיקט זיך איצט אין געהיים, ווערט ער אַזש א קופּלעטיסט, א גראַמען־פלעכטער! צו אַלדי גוטע יאָר!... און אַזוי ווי די מוזיק שפּילט נאָך אַלץ דעם זעלביקן סענטימענטאַלן זיסצעקראַכענעם אויר־ווינג־בערלינישן וואַלץ, כאַפּט ער עס גלייך אויף און מאַכט אויף דעם א פּאַראָדיע:

> I've been loving you toujours, toujours...
> With a love that's poor—toujours, toujours...

דערביי כאַפּט ער א בליק אויפֿן שלאַנקן „מאַטראָס” מיט דער מאַסקע אויפֿן פּנים און ווינקט אים צו מיט אָן אויגל. דער מאַטראָס אָבער שווייגט אַלץ; מער ניט זיינע גערדיכטע, ווייסע און פייכטע ציין ווערן איצט נאָך מער אָפּגעדעקט, בלישטשען נאָך מער, מיט א מין הונגעריקן תאוהדיקן גלאַנץ.

מרס. באַלדאַמעראַס שטימונג האָט זיך פון דעם אַלעמען אויף אַ האָר נישט פאַרבעסערט. כאָטש אַלע ביים טיש האָבן זיך איצט אונ־טערגענומען ארויספירן זי פון דעם אומעט אין וועלכן זי איז פּלוצלינג אריינגעפאַלן — מיטאַמאָל איז זי געוואָרן אַלעמענס ליבלינג, ווי אַ קראַנק־צעלאָזן קינד... גאָלד האָט, איר צוליב, אנגעהויבן זינגען זיינע נעגערישע לידלעך, וועלכע מרס. באַלדעמאַרא האָט דאָך אַזוי ליב געהאַט. ער האָט איר בשעת מעשה קאָקעטיש פאַרקוקט אין די אויגן — זיך גוואַלטיק געסטאַרעט זי פאַנאַנדערלאַכן:

You are my little sweet potato,
You are my little sweet tomato,
You are my honey sugar ball...

.3

דערזעענדיק פונדערווייטנס, אַז ביי אָט דעם דאָזיקן טישל זיצט סאַמע דער קאָמענדאַנט פון דער שיף „אגאַמעמנאָן", האָט דער רוי־טינקער אַבאָט מיט די פלאַמענדיקע פּאַמפּושקע־בעקלעך ביי זיך באַ־שלאָסן: דאָס איז אודאי איצט דער וויכטיקסטער טישל — מען מוז זיך אהינצו אויף אַ ווײַלע צוזעצן...

דער אַבאָט פלעגט, נאַטירלעך, קיינמאָל אהער, אין באַר, נישט אריינשמעקן. אָבער היינט איז געווען עפּעס אַנדערש, — היינט איז דאָך געווען אַ וואוילטעטיקייטס־קאָנצערט. עס איז היינט פּשוט געווען זיין הייליקער חוב ארומצוגיין פון טישל צו טישל, זאָגן יעדן איינעם אַ וואַרים וואָרט, צוואַרפן אַ שמייכל, אַ שטאַמלענדיקן באַלאַבעטשע טאָן עפּעס מיט די ליפּן.

— נו — האָט ער זיך אין אַ מינוט ארום פאַנאַנדערגעשטראַלט צו אַלעמען ביים טיש — וואָס מאַכן עפּעס מיינע קליינע קינדערלעך?

— מאָנסעניאָר, — האָט דאָס לוקסעמבורגער ווייבל אַ בלישטש געטאָן אויף אים מיט איר גאַנצער ברענענדיקער שוואַרץ־חנודיקייט — מאָנסעניאָר... אפשר... אפשר וואָלט דער הייליקער פאָטער גע־פרואווט כאַפּן מיט מיר אַ טשאַרלסטאָן, האַ?

דער גאַנצער עולם ביים טיש האָט שטיל־איינגעהאַלטן אַ קוק געטאָן אויפן אַבאַט. זיי האָבן ניט געוואוסט ווי ער וועט עס אויפ־נעמען — ווי אַ שפּאַס, אדער ווי אַ פּחיתת־הכבוד. דער פרישינקער

אַלטינקער אַבאַט האָט אָבער דאָ פלינק און גיך באַשלאָסן, אַז די שעה איז איצט אַזאַ: מען דאַרף עס אָננעמען ווי אַ וויץ... ער האָט בלויז גוטמוטיק, ווי אַ צעלאָזענעם אייניקל, אַ דראָע געטאָן דעם שוואַרץ־חנעוודיקן ווייבל:

—אַך, שטיפערן איינע... אַזאַ... אַזא מין...

אָבער באַלד האָט ער שוין אויך דערפילט אין זיך אַ יונגקייט, אַ צופלוס פון וואַרימע קיצלדיקע בלוטן... עך, נישקשה: ער וועט נאָך באַווייזן זיי אַלעמען דאָ — ניט געקוקט אויף זיין עלטער און אויף זיין וויכטיקן עקלעזיאַסטישן ראַנג — קאָן ער נאָך אויך אַמאָל זיך א וויצל טאָן... נישקשה, ער וועט נאָך מיט אַ גוטן וויץ ניט אָפּשטיין קעגן די אינגסטע פון די אינגסטע.

— אָבער ווייסט איר, קינדערלעך, — ווענדט ער זיך באַלד צו אַלעמען — ווייסט איר כאָטש ווער עס האָט דער ערשטער אויסגע־טראַכט דעם טשאַרלסטאָן?

אַלע אין איין קול:

— ווער, מאָנסעניאָר? ווער, הייליקער פאָטער?

און דער אַלטינקער הייליקער פאָטער, — מיט אַן אויפגעלויכ־טענעם שטיפערישן פייערל אין זיינע פייכטע אויגן, מיט אַ גערויטלט־קייט אויף זיינע בעקעלעך, וואָס האָט עדות געזאָגט אויף אַ לעבן פול רואיקייט, און זאַטקייט און אָנזאָרגעוודיקייט:—

— ווייסט איר דאָך, הייסט עס, טאָקע נישט? נו, איז וועל א י ך אייך עס דערציילן...

אַלע פאַרטאַיען דעם אָטעם. מען קוקט זיך איבער: אין אויגן בלישטשען אויף שקאָצעוואַטע פייערלעך. דער אַלטינקער אַבאַט זייט דעמאָלט אַרויס, שטיל און רואיק:

— די הייליקע מוטער מרים...

— האַ?

— ווי אַזוי?

— וואָס הייסט?

— די הייליקע מרים?

— וואָס מיינט ער דערמיט, דער מאָנסעניאָר?

אַלע שפּרינגען ממש פון דער הויט — פון איבעררעאשונג, פון נייגעריקייט. מען קוקט זיך ווידער איבער מיט שטיפערישן אויגן־

וואונק, מיט כיטרן שמייכל, מיט פאַרוואונדערט־פאַנאַנדערגעעפענטן מויל:

— אַט האָסטו דיר אַן אבאַט... שוין איינמאָל אַ פאָטערל...

און דער הייליקער פאָטער טריאומפירט. זיינע בעקלעך ווערן נאָך רויטער און פלאַמענדיקער. ער פרעגלט זיך אַזש פון הנאה, כאָטש ער באַמיט זיך עס ניט אַרויסצואווייזן. אַ קליינניקייט: ער האַלט אַזש די גאַנצע געזעלשאַפט אַרום טיש אין אַ שפּאַנונג... ער וואַרט אַ ווײַלע ביז אַלע וועלן איינגאַנצן שטיל ווערן. ער גיט דעמאָלט אַ פאָר קליי־נינקע כלומרשט־גלייכגילטיקע הוסטעלעך — ער שפּאַנט דערמיט אָן אַלעמענס נייגיר ביז צום לעצטן, ביז גאָר...

— ווי אַזוי? אַט אַזוי... גאַנץ פשוט: ווען יוחנן המטביל האָט געבראַכט דער הייליקער מרים דאָס קליינע עופעלע, יעזוסן, שוין אַ געטובלטן, — האָט זיך די הייליקע מרים געווענדט דעמאָלט צו יוחנן מיט די פאָלגנדיקע ווערטער:

—Yes, Sir, this is my baby...[25])

עלפטער קאַפּיטל

.1

קיינער ביים טיש, חוץ גאָלדן, האָט עס נישט באַמערקט, צוליבן אַלגעמיינעם געלעכטער און פריידיקן טומל, וואָס האָט אַ שאָס געטאָן נאָך דעם גאָט־לעסטערנדיקן וויץ — פונם אבאַטס מויל אַליין!

דער שלאַנקער מאַטראָז, וועלכער האָט נאָך אַלץ די גאַנצע צייט געשוויגן, הויבט זיך ענדלעך אויף פון אָרט. ער זאָגט נאָך אָבער אַלץ קיין וואָרט נישט אַרויס. ער מאַכט בלויז אַ פאָר טריט נענטער צום אָרט וואו עס זיצט מרס. באַלדאַמערא. ער בלייבט פאַר איר שטיין; מיט אַ שווייגנדיקן און עלעגאַנטן פאַרנויג לאַדט ער זי איין צום נייעם טאַנץ, וועלכן דער דזשעז־אָרקעסטער האָט אָקאָרשט ווידער אויפגע־שפּילט.

אָבער מרס. באַלדאַמערא באַמערקט אים נישט. פאַרקערט: זי נויגט נאָך טיפער אוועק דעם קאָפּ אירן פונם עלעגאַנטן מאַטראָז, וועלכער שטייט איצט עטוואָס געבויגן פאַר איר. עס זעט אויס, ווי זי

וויל זיך נאָך בעסרער צוהערן צו דעם טומלדיקן יאַרידל וואָס הערשט איצט אינם ענגן קרייז אַרום זייער טיש. איצט ערשט ווערט ענדלעך איר פּנים אויפגעלעבט — עס הויבט אָן שמייכלען מיט דער אַלגעמיי־נער פרייִדיקער לוסט וואָס האַלט דאָ איצט אַלעמען געקאָוועט מיט אירע לאַנגע ווייכע נעגל.

אָבער דער „מאַטראָז" אין דער מאַסקע לאָזט זי נישט אָפּ. זיין זאַפּטיקער און שיינער מויל עפנט זיך פאַנאַנדער אין אַ זיכערן, אַ נקמהדיקן און זיגערישן שמייכל. און אַז זי קערט זיך צו אים אַלץ נישט אום, רירט ער באַלד אָן איר אָרעם מיט אַן איידעלן, אָבער איינ־געעקשנטן ריר — אַ שווייגנדיק־קרעפּטיקן ריר, וואָס רעדט ווערטער:

— נו, מאַך אָקאָרשט נישט קיין אָנשטעלן... אַז מען בעט דיך טאַנצן, טאָ קום...

מרס. באַלדאַמערא קערט צו אים דעמאָלט אום אַן אויפגעפלאַמט, אַ כעס־אָנגעצונדן פּנים. ס'איז אָבער נישט אַזוי דאָס פּנים, ווי אירע אויגן: גאָלד וואָלט קיינמאָל, קיינמאָל זיך נישט פאַרגעשטעלט, אַז מרס. באַלדאַמעראַס אויגן קאָנען ווערן אַזוי גרויס און אַזוי קיילעכדיק, אַזוי פול מיט שרעק און מיט שנאה... זי שיפּעט אַרויס גלייך יענעם אין פּנים אַריין אַ פּאָר שאַרפע ווערטער. אפשר וואָלט זי געוואָלט, אַז קיינער, חוץ אָט יענעם שלאַנקן חוצפּהדיקן פאַרשוין, זאָל זיי נישט הערן, אָט די ווערטער, אָבער אַ פּאָר מענטשן ביים שכנישן טישל דריי־ען פונדעסטוועגן אום נייגעריקע, נישט־פאַרשטייענדיקע פּנימער.

— נעמט אים צו פון מיר... — הערן זיי ווי מרס. באַלדאַמערא שיפּעט אַרויס אין דער שטיל; איר קול איז אַזוי פול מיט עקל און מיאוסן־זיך, ווי זי וואָלט איצט אָנגעוויזן אויף עפּעס אַ שרץ, וואָס קריכט אויף איר, און זי אַליין מיאוסט זיך אים אַרונטערצוואַרפן.

— נעמט אים צו פון דאַנען... וואָס האָט ער זיך אָנגעזעצט אויף מיר, דער דאַזיקער שלעפּער...

.2

און דעמאָלט פּאַסירט עפּעס, וואָס קיינער ווייסט נישט און פאַר־שטייט נישט וואָס דאָס איז אייגנטלעך אַזוינס ביז נאָכדעם ווי עס האָט פּאַסירט.

עפּעס ווי איינציייטיק און אָפּגערעדטערהייט הויבן זיך מיטאַמאָל אויף מענטשן פון זייערע ערטער ביי די טישלעך און לאָזן זיך לויפן הענדרום־פּענדרום — ערשט אין אַ ווײַלע ארום ווערט קלאָר, אַז דאָס לויפן זיי צום טיש, וואו עס זיצט מרס. באַלדאַמערא. מען פאַלט, מען קערט איבער שטולן און גלעזער, מען פאַרטשעפּעט זיך, מען שאַרט ארונטער וויין־פלעשלעך און שאַמפּאַניער־עמערלעך, מען שפּרינגט אי־בער טישן — אַ מוראַדיקער צעיושעטער גאַלאָפּ ווערט געבוירן אין איין מינוט צייט. נאָר צו מרס. באַלדאַמעראַס טישל קאָן שוין קיינער מער נישט זיך צוקלייבן; אַ געדיכטער איינגער בינטל מענטשן האָט אָט יענעם אָרט איינגעקלאַמערט אין אַ שטייפן רינג. עס הערן זיך באַלד פון דאָרט, פונם אינעווייניק פון יענעם רינג, אויפגערייצטע גע־שרייען:

— זי האָט געחלשט...

— טרעט אָפּ אביסל — זי האָט דאָך נישט מיט וואָס צו אָטע־מען...

— וואָס איז דאָס — ער האָט איר געפּאַטשט?

— ברענגט עמעצער אויף גיך אביסל ברענדי — רייבט איר אָן די שלייפן...

מיט געוואַלט ברעכט מען דורך אַ וועג אינם געדיכטן, שטייפן מענטשן־רינג אַרום. עס איילן אַרוים מר. באַרדאַש און מרס. רייכענ־טאַל מיט טיכלעך אין די הענט. עס איילט אַריין אין דעם רינג אַ גאַר־סאָן מיט אַ פלאַש ברענדי — אַזוי, אָן צערעמאָניעס, נישט אויף אַ טאַץ... די אַרומגעזאַמלטע מענטשן שטויסן זיך באַלד צוריק צום צענטער רעדל, שמייסן צוריק, ווי אָפּגעשטופּטע צווייגן פון אַ בוים. דער רינג ווערט ווידער צונויפגעשלאָסן. איינער קוקט אָן דעם צווייטן מיט צעטומלטן בליק, מיט זיך־וואונדערנדיקע מײַלער, מיט נישט־פאַרשטייענדיקן אַקסל־קוועטש... נאָר באַלד באַמערקן די נאָענט־סטע און טיפסטע אינם רינג:

ביי דער בלאָנדער און שיינער פרוי, וואָס זיצט איצט אַ געחלשטע אויף אַ שטול מיטן קאָפּ פאַרוואָרפן אביסל אויף לינקס, — אויף איין באַק ביי איר איז דאָ אַ היפּשער שוואַרצער פלעק — ע ט ל ע כ ע פאַנאַנדערגעשפּרייטע פלעקן — ווי פאַנאַנדערגעשפּרייטע פינגער פון אַן איינגעפלאַנצטער האַנט: דאָס איז שוין געווען, הייסט עס, איינמאָל

אַ פּאַטש ! דאָס פּנים איז אויף יענעם אָרט בלוטיק אָנגעלאָפן, אָדער איז ווי אויסגעשמירט געוואָרן מיט עפּעס פעטס און שוואַרצס...

דער באַר איז דעמאָלט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איין גרויסן כאַאָטישן קנויל.

די מוזיק האָט גלייך אויפגעהערט שפּילן. דער קליינינקער קאָמענדאַנט — די פּאָמאַדירטע גלאַטינקע האָר האָבן איצט אויפגעשטאָכן אין דער הויך ווי שפּיזלעך, — האָט זיך צעקאָכט, האָט אָפּגעגעבן באַפעלן עטלעכע צעטומלטע שיף־אָפיצערן. די טירן פון באַר זיינען געשטאַנען ברייט פאַנאַנדערגעעפנט. אַ שטאַרקער ווינט האָט אַריינגעבלאָזן פון דרויסן, פון אָקעאַן, האָט אַרונטערגעשמיסן פון די טישלעך די באָקאַלן. מענטשן זיינען נאָכאַנאַנד אַרויס און אַריין, פּונקט ווי מען וואָלט זיך געהאַט געלאָזט נאָך עמעצן יאָגן, עמעצן זוכן, נאָר אַלע האָבן זיך אומגעקערט מיט גאָרנישט. דעם שלעגער האָט מען אין ערגעץ נישט געפונען.

די נאַכט איז שוין פאַר אַלעמען געווען אַ צעשטערטע; איינציקע פּאַסאַזשירן האָבן זיך אַפילו געפּרואווט צוריק אַנידערזעצן. זיי זיינען אָבער באַלד ווידער אויפגעשטאַנען. דאָס רוב פּאַסאַזשירן האָט זיך שוין סיי־ווי קוים געהאַלטן אויף די פיס — פון שכרות, צי פון דער שפּעטער שעה (עס איז שוין אודאי געווען דריי־פיר אַזייגער), צי גאָר מחמת דעם וואָס די שיף האָט זיך איצט מוראדיק געשליידערט — אָן אימה. אַסך פּאַסאַזשירן האָבן אָנגעהויבן ברעכן. מענטשן לאַכנדיקע און לוסטיקע, זיינען מיטאַמאָל געוואָרן אָט בלייך ווי פּאַפּיר און אָט בלוי ווי מילץ. מען האָט זיך פלוצלינג אָנגעכאַפּט פאַרן האַרצן, שטייף צונויפגעקלאַמערט די ליפּן, זיך מיט די לעצטע כחות איינגעהאַלטן, אַרויסגעלאָפן אויפן דעק, אויף גיך צוגעאיילט צום באָרט און דאָרט אָפּגעגעבן דעם אָקעאַן די אַלע וואונדערלעכע מאכלים און געטראַנקען פון דער גרויסער סעודה פון דער היינטיקער יום־טובדיקער נאַכט. — — —

.3

און אָט יענע נאַכט האָבן די פּאַסאַזשירן — כאָטש דאָס רוב פון זיי געניטע ים־פאָרערס — שוין געהאַט גוט צו געדענקען.

אין אַלע קאָרידאָרן, אין אַלע דורכגאַנגען צווישן די קאַבינעס, האָבן אַ גאַנצע נאַכט, פּונקט ווי אין יעדער אַנדער נאַכט, העל געברענט אַלע לאָמפּן.

אָבער מער ווי אַלע אַנדערע נעכט, האָבן די העל־באַלויכטענע קאַ־בינעס־קאָרידאָרן היינטיקע נאַכט דערמאָנט אָן אַ שפּיטאָל.

כמעט פון אַלע קאַבינעס האָט זיך געהערט אַ קרעכצן און אַן אויכצען. עס האָבן נאָכאַנאַנד אַרומגעשמייעט די סטיואַרדס און קונ־ציק באַלאַנסירט אין די הענט טאַצן מיט פלעשלעך, מיט גלעזער, מיט רפואות. דער אָקעאַן האָט אין אָט יענער נאַכט פאַנאַנדערגעפּנט אַ ריזיק מויל און האָט נאָכאַנאַנד גערעוועט — גערעוועט, אַפּנים, פון גרוים כעס וואָס די שיף „אַגאַמעמנאָן" לאָזט זיך אַלץ פון אים נישט איינשלינגען.

אינעווייניק, אין די קאַיוטעס, האָט אַלץ געהאַלטן אין איין פאַלן און אין איין אַרונטערפאַלן — עס זיינען מיט אַ שאַרפן קוויטש אַרונ־טערגעפאַלן אויף די דילן גלעזער, פלעשער, אַלערליי טואַלעט־קליינ־קייטן; עס האָבן זיך הילכיק געקייקלט און געפּויקט איבערן דיל אַלערליי חפצים; עס זיינען נאָכאַנאַנד געשליידערט געוואָרן פון וואַנט צו וואַנט קאַסטנס, טשעמאָדאַנעס, וואַליזעס, וועלכע מען האָט בחנם געפּרואווט צובינדן צו דער וואַנט מיט שטריק. עס האָט אויסגע־קוקט: אַלץ אויף דער שיף, אַלע שטומע חפצים אפילו האָבן זיך איצט צעבונטעוועט קעגן די פּאַסאַזשירן, האָבן מיט פּראָטעסט גע־האַמערט די ווענט פון אינעווייניק, זיי געוואָלט דורכברעכן — גע־וואָלט העלפן דעם אָקעאַן אין דרויסן אַריינפּלייצן אינעווייניק...

און די פּאַסאַזשירן אין די בעטן האָבן נאָכאַנאַנד געקרעכצט, געבראָכן פון זיך די נשמה, זיך צוגעבונדן מיט האַנטטיכער צו די בעטן, האָבן מורא געהאַט אַ גאַנצע נאַכט אויסלעשן די עלעקטרישע לאָמפּן און האָבן מיט שרעק געקוקט אויף די רעטונגס־גאַרטלען... יאָ, אפילו די לעצטע האָבן אויך מיט שווייגנדיקן פּראָטעסט נאָכאַנאַנד געהאָפּקעט זיך אויף די ווייס־גלאַנציקע טויטע ווענט פון די קאַבינעס און געדרייצט די פּאַסאַזשירן מיט דער מעגלעכקייט פון אַ נאָענטן טויט...

.4

און אין דרויסן זיינען אַט יענע נאַכט כמעט אַלע דעקן געווען פאַרפּלייצט מיט די ריזיקע כוואַליעס, און עס האָט נאָכאַנאַנד געדונערט איבערן אָקעאַן.

די נאַכט איז געווען שוואַרץ ווי געדיכטער פּעך — הימל, וואַסער און אָקעאַנישע זאַווערוכע; עס האָבן נאָכאַנאַנד און וואָרנענדיק ני־דעריק געבלאָזן די קוימענס, עס האָבן געיאָמערט די סירענעס, עס האָבן געבלעקערצט און געדעוועט אין זייערע געגראַטעטע קאַסטנס די צע־שראָקענע קעלבער און אָקסן — דער שיפס שפּייז. עס זיינען זיך פאַרגאַנגען אין אַ מוראַדיקן געביל די הינט אין זייערע שטייגן...

נאָר אין דער זעלביקער צייט — פּונקט ווי די גאַנצע צייט, דורך שטורם ווי דורך שטיל, האָבן אין די געדערים פונם „אַגאַמעמנאָן“, אין דער הייץ־אָפּטיילונג, זיך געבויגן איבער די פייער־טירלעך די הייצערס און די מאַשיניסטן־געהילפן.

דאָ, אין דער הייץ־אָפּטיילונג, איז געווען מוראַדיק היים, ווי אין אַן הייביקן גיהנום: די מאַשיניסטן און הייצערס זיינען אַרומגעגאַנגען נאַקעטע, אין איינע הויזן, וואָס זיינען געווען פּונקט אַזוי פאַרשמאָלצן און פאַרפעצט ווי דער איבעריקער נאַקעטער לייב זייערער. שווייגנדיק האָבן זיי זיך דאָ די גאַנצע צייט אַרומגעדרייט; שווייגנדיק פלעגן זיי פון צייט צו צייט אויפעפענען אַ טירל פון איינער פון די פילע אויו־וועלעך, וואָס האָבן דאָ אייביק געברענט אונטער דער לאַנגער ריי ריזיקע קעסלען, אָנגעפילטע מיט אויל. און אויב נאָך עס האָבן זיך פּונקט צו דער זעלביקער צייט געעפנט עטלעכע טירלעך מיטאַמאָל — — —

דעמאָלט פלעגט אויף זיי אַ שפּאַר טאָן אַ גרויס פייער, אַ פלאַ־מענדיק גרויס ליכט; דעמאָלט פלעגן די הייצערס — נאַקעטע אָרעמס, האָריקע ברוסטן, פאַרברוינטע לייבער — קריגן דעם אָנבליק פון האַלב־לעגענדאַרישע באַשעפענישן, פון פאַרזינדיקטע געטער, וועלכע זיינען פאַרמשפּט געוואָרן אויף אייביקער תפיסה אין פייערדיקן בויך פון דער שיף... און דעמאָלט זיינען זיי אויך געווען שקלאַפן, וועלכע האָבן אין פינצטערניש פון תפיסה נאָכאַנאַנד געקאָכט און געקאָכט אַ סם־נעטראַנק, — געקאָכט עס אין אַלע ריזיקע און דעמפּיקע קעסלען. און טאָג ווי נאַכט, און נאַכט ווי טאָג געהאַלטן און אָפּגעהיט אונטער זיי ברענענדיק די פייערן — זיי האָבן פרום און איבערגעגעבן געוואַ־

רעמט און געהייצט די קעסלען מיטן פייערדיקן סם־געטראַנק, — ביז דער מינוט ווען זיי וועלן ענדלעך פּלאַצן, די קעסלען, ביזן העכסטן גראַד צעהיצטע, און אויפרייסן הילכיק און קנאַליק די גאַנצע שיף —

צוועלפטער קאַפּיטל

1.

אויף מאָרגן שטייען אויף די פּאַסאַזשירן העט ווייט נאָך האַלבן טאָג — מידע, צעבראָכענע, אויסגעוועפּטע.

ביים ווארימעס איז אין עס־סאַלאָן געווען כמעט פּוסט; קיינעם האָט זיך נישט געוואָלט עסן, מען איז געווען שטאַרק אָפּגעשוואַכט, ווי נאָך אַ שווערער חולאת.

ערשט נאָך האַלבן טאָג הויבט מען זיך אָן ארויפצוקראַבקען אויפן דעק — מען פרעגט זיך אוים מיט שוואַכן שמייכל איינער דעם אַנדערן וועגן דער לעצטער נאַכט און וועגן אירע געשעענישן — פּונקט ווי עס פרעגן זיך אוים איינער דעם צווייטן פּאַרוואונדעטע סאָלדאַטן נאָך דעם ווי די גרויסע שלאַכט איז פאַראיבער.

בלויז אָט די נייגיריקייט פאַרשנעלערט נאָך אַביסל דעם פּולס פון די שיף־חלאים, ברענגט ארוים אין זיי סימנים פון לעבעדיקייט. מען איז נייגיריק — מען פּרוּווט אויסגעפינען איינער ביים צווייטן:

— ווער זשע איז דאָס פאַרט געווען, האַ? מען האָט טאַקע אַלץ נישט אויסגעפונען?

— מען זאָגט: ס'איז נישט געווען קיין מאַסקע און נישט קיין פּאַסאַזשיר — ס'איז געווען טאַקע אַן אמתער און איינפאַכער מאַט־ראָז...

מר. באַרדאַש און מר. רייכענטאַל, צעטומלטע און באַזאָרגטע, מיט בלייך־אויסגעצויגענע פּנימער נאָך אַ לאַנגער נאַכט פון נישט־שלאָפן, קומען צו און שטעלן זיך אָפּ קעגן גאָלדן: זיי קוקן אויף אים הילפלאָז און אין דערוואַרטונג — ער, דער זשורנאַליסט, זאָל כאָטש געפינען דעם שליסל פון דער געהיימנים פון לעצטער נאַכט! זיי דערציילן אים, אַז זיי זיינען אָקאָרשט געווען ביי מרס. באַלדאַ־מעראָן, נאָר זי לאָזט קיינעם נישט צו צו זיך — זי האָט זיך פאַרשפּאַרט דאָרט ביי זיך צוזאַמען מיט מרס. בלייק.

— זי האַלט שוין אַ גאַנצן טאָג אַזוי איר טיר פעסט פאַרשלאָסן...

גאָלד האָט זיי קוים געהערט — זיינע אויגן האָבן די גאַנצע צייט אַרומגעזוכט צווישן די אַרבעטנדיקע מאַטראָזן אויפן דעק די הויכע און שלאַנקע געשטאַלט ניקאָלאַס — אָבער אומזיסט: אים איז דאָ שוין מער אין ערגעץ נישט געווען צו זען.

.2

דער אָקעאַן איז שוין איצט כמעט אינגאַנצן איינגעשטילט. די שיף מוז זיך שוין געפינען איצט נישט ווייט פון די ברעגן פון שאָטלאַנד צי פון אירלאַנד. עס באַווייזן זיך שוין ווידער ווייסע און ליליע־קאָלירטע מעוועס, וועלכע פליען נאָך נאָך דער שיף און טוקן זיך מיט הייזעריקן געשריי אין איר שמעקעדיקן אָפּפאַל: די יבשה איז שוין נאָענט. אָבער קיינער פון די פּאַסאַזשירן ווייסט עס נישט, פילט עס נישט; כאָטש ווען זיי וואָלטן זיך אַביסל צוגעקוקט צו דעם, וואָס קומט איצט פאָר אויפן דעק, וואָלטן זיי אודאי געוואוסט:

— לאַנד איז שוין גאָר נאָענט.

די שיפס־אַרבעטער, די „מאַטעלאָס", וואַשן און שייערן פלייסיק יעדע קלייניקייט אויף די דעקן, מען גיט זיי דעם לעצטן גלאַנץ, דעם לעצטן פּוץ, מען לאָזט לויפן אויף פּראָבע די באַגאַזש־קראַנען, די גאַנצע הויב־מאַשינעריע; פלייסיקער טומל פון יבשה פאַרלויפט שוין באַצייטנס דעם וועג אַהערצו.

אָבער די פּאַסאַזשירן האָבן זיך אויף דעם אַלעם אומגעקוקט בלויז אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל עס האָבן זיי געשטערט אָט די אַרומשמייענדיקע מאַטראָזן אינם שפּיל פונם „שאָפל־באָארד", וועלכע זיי האָבן געפּרובירט איצט שפּילן. ס'איז היינט געווען אַן אויסגע־צייכנטער טאָג פאַרן שפּילן. אָבער די קרייד־ליניעס און פיגורן זיינען געווען נישט־קלאָר, זיינען געווען אָפּגעווישט.

האָבן זיך ווידער אָנגעהויבן נויגן קאָפּ צו קאָפּ, אויג צו מויל, און מויל צו אויער, מיט שרעק, כאָטש שוין אַביסל אָפּגעשוואַכטן, האָט מען אַלץ געוואָלט וויסן:

— ס'איז אמת? ... מען זאָגט: דאָס איז געווען איר מאַן אַליין... אַן איבערגעטאָנענער האָט ער זיך דאָ געפונען די גאַנצע צייט אויף דער שיף...

— און איך האָב געהערט, אַז ס'האָט גאָר עפּעס צו טאָן מיט שאַנטאַזש, מיט אַ פֿאַרפּלאָנטערטער אינטערנאַציאָנאַלער אַפֿערע... זי איז דאָך, ווי איר ווייסט, די פֿרוי פֿונם אַמבאַסאַדאָר פֿון...

אָבער מען איז אײַנגיכן מיד געוואָרן פֿון אַלץ — סײַ פֿונם שפּילן און סײַ פֿונם אַרומרעדן די געשעענישן פֿון דער לעצטער נאַכט: מען איז דאָך געווען אַזוי אָפּגעשוואַכט, ממש ווי הינדעלעך. דער קאָפּ האָט זיך אַזש געשפּאָלטן פֿון ווייטיק, פֿון דער נעכטיקער שיכּרות און פֿון דער שיכּרות פֿון די אַלע פֿריערדיקע נעכט.

מען האָט אין אײַלעניש אויף גיך עפּעס איבערגעביסן און אַוועקשלעפּט זיך ליגן שלאָפֿן. מען האָט געדאַרפֿט מאָרגן אויסשטײַגן גאַנץ פֿרי. כאָטש זיי די יבשה נישט געזען און נישט געפֿילט, האָבן זיי דאָך פֿון די פֿילע מעלדונגען און נאָטיצן אויף די ביולעטין־ברעטער פֿונדעסטוועגן געוואוסט:

— היינט איז דער לעצטער טאָג... מאָרגן קלײַבן זיי זיך שוין ענדלעך אַרויס פֿון דעם דאָזיקן שווימענדיקן האָטעל.

.3

איז אין יענער נאַכט זײַנען די שיף־דעקן געווען אײַנגאַנצן אָפּגערייניקט און ריין פֿון זיי — פֿון די מידע און אויסגעמאַטערטע, איבערגעפּרעסענע און פֿון שיכּרות קראַנקע מענטשן. זיי זײַנען געווען, די דעקן, אַ גאַנצע נאַכט פּוסט, ליידיק און ליכטיק.

די שיף האָט זיך שוין געפֿונען אינעם קאַנאַל לאַמאַנש. בײַ די ראַנדן פֿון דער פֿינצטערער נאַכט האָבן אַלע ווײַלע און רעגלמעסיק אויפֿגעפֿלאַקערט ריזיקע ליכטער, ווי אויפֿפֿלאַקערונגען פֿון פֿײַערן, וואָס ברענען דאָרט ערגעץ אונטער דער ערד, אויף יענער זײַט פֿונם ים; ווי אויפֿגלאַנצונגען פֿון ווײַטע דערשטיקטע שׂרפֿות. דאָס זײַנען געווען די פֿײַערן פֿון ריזיקע קראַפֿטפֿולע פּראָזשעקטאָרן און לײַכטטורעמס, וואָס האָבן באַזײַט די ווײַטע ברעגן פֿון ענגלאַנד — לינקס, און די נאָנטסטע ברעגן פֿונם קאָנטינענט, פֿון פֿראַנקרײַך — רעכטס.

טומלדיק און יום־טובדיק האָבן זיך דאַמאָלט געשטויסן אויף דער קלענער אונטערשטער דעק, וואָס בײַ דער „נאָז" פֿון דער שיף, אַלע רײַזנדע פֿון דער טוריסטן־אָפּטיילונג, פּריש און אויסגערוט — אַלע, אַלע האָבן דאָרט באַשלאָסן די גאַנצע הײַנטיקע נאַכט אויפֿצוזײַן.

דאָ זיינען געפאָרן מענשן, וועלכע האָבן נאָך אייראָפּע מיט די אייגענע אויגן קיינמאָל ניט געזען, ניט געזען בכלל קיין אנדער לאַנד חוץ אמעריקע. זיי זיינען דאריבער איצט געווען אין גרויסן עקסטאַז און דערהויבנקייט, ווען זיי האָבן ענדלעך דערזען די ערשטע פייערן, די ערשטע סימנים פון דער „אַלטער וועלט".

אין זייער יונגקייט — באַ וועמען א יונגקייט פון בלוט און באַ וועמען א יונגקייט פון נשמה — אין זייער פרישקייט און אין זייער גלויבן, האָבן זיי געהאַט אומגעפער אַזאַ מין געפיל: דאָס זיינען די איינוואוינער פון דער „אַלטער וועלט", אין ענגלאַנד און אין פראַנקרייך, אַרויסגעגאַנגען דאָרט איצט באַגריסן זיי, די מענטשן פון דער נייער וועלט... דאָס האָבן יענע פונדערווייטנס איצט אָנגעצונדן ריזיקע פלאַקערס אויף די ברעגן פונם ים, כדי צו באַלייכטן זיי דעם וועג אויפן פינצטערן וואַסער. און זיי, אין דריטקלאַסיקן „טוריסטן־אָפּטיילונג", האָבן דערפילט מיטאַמאָל א נאָענטקייט און א וואַרעמקייט צו אָט יענע אומבאַקאַנטע מענטשן דאָרט ווייט אין דער נאַכט, ווי צו ווייטע און ליבלעכע ברידער, און זיי האָבן איצט אַלע הויך און פריידיק צו זיי געשריגן דורך דער נאַכט און איבער אָקעאַן, אויסגעשאַלט צו זיי גרוסן ברודערלעכע און איבערגעגעבענע:

— Vive L'Angleterre!

— Vive La France! [26])

.4

און אין די געדערים פון דער שיף „אַגאַמעמנאָן", אין די טיפענישן פון דער הייץ־אָפּטיילונג, זיינען אויף נאַקעט־שטאָלענעם דיל, — מיט קעפּ אָנגעשפּאַרטע אָן אייזערנע שוועלן, אָן ברעטער און אָן קעסטלעך, אָדער פאַרפלאָנטערטע אין געפלאָכטענע נעצן פון הענגענדיקע האַמאַקן און וויגעלעך, — איצט געלעגן צעוואָרפן, צעשפּרייט און צעכראַסטעט האַלב־נאַקעטע מאַשיניסטן און הייצערס.

די ריזיקע קעסלען, אָנגעפילטע מיט אויל, האָבן נאָך אַלץ געדאַמפּט און געשפּרייט אַרום זיך א נודנע־שטיקנדיקן ריח פון איבערגעברענטן אויל, אָבער זיי האָבן זיך שוין אָנגעהויבן אָפּקילן.

די שיף האָט זיך שוין דערנענטערט צום האַפן, צו ה א וו ר. מען האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבן פאַרמינערן די שיף־

ענערגיע. געוואכט האָבן איצט אין הייך־אָפּטיילונג בלויז געציילטע מענטשן. די איבעריקע וואכטעם זיינען איצט מידע אוועקגעפאלן און געשמאק געשלאָפן.

נאקעטע, רויט־ברוינע אָרעמס, ווי פון קופּער אויסגעגאָסן; האָ־ריקע, באוועלדערטע ברוסטן — שלאָפנדיק האָבן זיי געהאט דעם אָנ־בליק פון האלב־לעגענדארישע באשעפענישן — האָבן זיי דערמאָנט אָן ריזן, וואָס שלאָפן איין נאָך א גרויסער און שווערער אָפּגעטאָ־נענער ארבעט, יעדער איינער פון זיי א קאפּיטאן, וואָס האָט ענדלעך ארייננגעבראכט די שיף אין א רואיקן האפן, און אלע צוזאמען — דרעמלענדיקע ריזן, ריזן שלאָפנדיקע, וואָס קאָנען זיך צו יעדער מינוט ענדלעך אויפכאפּן. — — —

בוליאַן־סיור־סען, 1927.

פאַרטייטשונגען

מיסטער דזשיימס נעסאַן פאָרט אויף קבר-אבות

1) אָט, ווי איר האָט עס טאַקע אַליין געזאָגט.
2) ס׳איז שוין געווען איינמאָל אַ רייזע...
3) הער נאָר, גוטער ברודער.
4) סאַן־פראַנציסקאָ.
5) יאַפּאַנעזער.
6) נישט אמת ?
7) שוין איינמאָל אַ שפּל...
8) זאָל דער האַר דערלויבן
10) שפּאַנט לעבעדיק !
11) דאָס איז דער שענסטער טאַנץ ... וואונדערלעך !
12) יענער אַלטער טאַנצט אויסגעצייכנט.
13) איר זענט העפליכסט איינגעלאַדן.
14) קומט נאָר צו, לאַנדסמאַן ... לאָזט זיך טראַקטירן !
15) פּאַראייניקטע שטאַטן.
16) גלויבט מיר.
17) קאָנט איר סיאַם ?
18) אַקוראַט אַזוי.
19) ריכטיקע שפּיל.
20) פאַרבינדונגען.
21) נסיעה.

קנאָבל-וואורשט

1) היפּאָטעקן.
2) איינקויפער.
3) געשעפטס־ביכער.
4) ים־ראַקעס.
5) וואורשטלעך.

חשבונות

1) פאַרשטייט איר מיך.
2) לעדער־אַרבעטער.
3) שאַפּ.
4) אַלץ איינגעשלאָסן.
5) מיינע דאַמען און הערן.
6) זאַלץ, ביטע.
7) מושטאַרדע, ביטע.
8) וואָס ווילט איר, מיין הער?
9) דאָס זעלבע.
10) צום טייוול.
11) דרום־ווינט אויפן מיטללענדישן ים.

אַ שפּאַס

1) וואָס זאָגסטו אויף דעם, בחור?
2) צוג.
3) אויפרעגנדיקע פאַרוויילונגען.
4) פּראָווינץ.
5) פאַרשטייסט?
6) זיכער.

אַ שיף אויף גרויסע וואַסערן

1) שיף־באַדינער.
2) הער נאָר דו, ליבער ניקאָלאַי, דו גענעצט דאָך...
3) יאָ, ביטע.
4) אַזוי שפּעט.
5) ים־קראַנק.
6) ווינט־דרומדיקער; ים — רואיק.
7) זי באַפעלט, זי באַשטעלט, די רעכענונגען צאָל איך.
8) אַ הוליע טאָן.
9) פראַנצויזן.

10) דאָס ווייבעלע וואָס כיהאָב מיר איינגעשאַפט — קיין גוואַל־
דאָוונע שיינקייט איז זי ניט... איך אָנשטעל — דאָס
געפעלט מיר אָבער יאָ...
11) איך רויכער אויך.
12) בילדונגס־ראַט.
13) אַזאַ בילדונגס־אַנשטאַלט אויף דער איסט־סייד.
14) איך האָב אַ מיידעלע, דו — נישט, די קליינע לייזע דזשיין.
15) אָ, לייזע, דו קליינע לייזע דזשיין.
16) איך וויל זיין גליקלעך, איך קאָן אָבער נישט זיין גליקלעך,
סיידן איך וועל מאכן גליקלעך דיך אויך.
17) פאַראייניקטע שטאַטן.
18) וועט־שפיל.
19) קאָמיש.
20) קאָנט איר אריינפלאַנצן דאָס קרויט וואו סיגעהער, און ווי
סיגעהער?...
21) דער האַר האָט אַן אומעטיקע מינע —
דערפון איך וויים די סבה...
אָן געזעלשאַפט איז ער, אָן אַ פריינדין, —
איז אים באַנגלעך...
22) שיינער הער אָן אַ דאַמע!
נעמט פון מיר אָן דאָס בלימל!
אפשר, אין אייער צימערל,
אַריינברייגען וועטיס אייך די ליבע!
23) אוירווינג בערלין, באַרימטער אַמעריקאַנישער פּאַרפאַסער
פון דזשאַז־מעלאָדיעס.
24) כיהאָב דיך ליב שוין פון לאַנג, פון לאַנג...
מיט אַ ליבע אַן אמתדיקער — פון לאַנג, פון לאַנג...
25) יאָ, האַר, דאָס איז מיין עופלע (רעפריין פונם טשאַרלסטאָן).
26) זאָל לעבן ענגלאַנד, זאָל לעבן פראַנקרייך.